STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11136

DI GESHIKHTE FUN DER YUDISHER LITERATUR

Meyer Isser Pinès

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשיכטע פון דער
יודישער ליטעראטור

ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע

פון בעל-מחשבות.

Типографія Ф. Баумриттера, Красинская пл. № 6
ВАРШАВА, 1911 г.

די געשיכטע פון דער
יודישער ליטעראטור

ביז'ן יאהר 1890.

פון

ד"ר מ. פינעס.

פערלאג
ב. שימין,
ווארשא.

תרע"ב
1911

געזעצט אין דרוק. א. שריפטגיסער.

באנד I

אינהאלט:

	פאָרעדע פון בעל מחשבות	
I.	די שפּראַך	22–8
II.	דער אָנפאַנג פון דער ליטעראַטור	46–23
III.	פאָלקס-ליעדער	164–47
IV.	די השכלה-ליטעראַטור	100–65
V.	טענדענציעזע פאָלקס-פּאָעזיע	139–101
VI.	דער פאָלקס-ראָמאַן	156–140
VII.	ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מו"ס) . . .	218–157
VIII.	י. י. לינעצקי	284–219

פאָררעדע פון דער רעדאַקציע.

צום ערשטען מאָל בעוויזט זיך אויף דעם יודישען ביכער-מאַרק א בוך וועגען דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, און ווען אַפילו דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט געפינען אין איהם מאַנכע חסרונות, וועט דאָך דאָס ווערק, ווי מיר האָפען, אַרויסרופען אַ האַרציגע ליעבע ביי יעדען אויפריכטיגען ליעבהאָבער פון דער יודישער שאַפונג; דען די ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור איז שוין דערגאַנגען מיט מזל צו דעם פונקט, ווען די געשיכטע איהרע ווערט פאַר יעדען לעזער נישט ווייניגער אינטערעסאַנט, ווי די ווערק אַליין, וואָס האָבען אָט די געשיכטע געשאַפען.

יעדע ליטעראַטור קריעגט דאָס רעכט, אז דער געבילדעטער זאָל זיך אינטערעסירען, חוץ מיט איהר געגענוואַרט, אויך מיט איהר פערגאַנגענהייט, ווען די דאָזיגע ליטעראַטור איז נישט נאָר אַ צופעליגע ערשיינונג, נאָר אַ שטענדיגער פאַקטאָר אין לעבען פון כלל. נאָך גאָר נישט לאַנג, האָבען די געבילדעטע ביי אונז געקוקט אויף אונזער ליטעראַטור, ווי אויף אַ צופעליגע זאַך, ווי אויף אַ קאַפּריז פון עטליכע ליטעראַטען. ערשט אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט זיך געענדערט דער שטאַנדפונקט וועגען יודיש און דער יודישער ליטעראַטור. צו פערדאַנקען האָבען מיר דערפאַר, זעלבסטפערשטענדליך, אַלע די קינסטלער, ליטעראַטען און פובליציסטען, וועלכע האָבען בערייכערט דאָס יודישע לעבען מיט זייערע ווערק, נאָר חוץ דעם האָבען נאָך אַלע די דערמאָנטע געמוזט האָבען איין איינציגען היסטאָרישען פאָדים, וואָס פערבינדט זיי צווישען איינאַנדער.

די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור ענפלעקט פאַר אונז דעם דאָזיגען פאָדים, ווייזט אונז דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען מענשען האָבען געבויט די דאָזיגע ליטעראַטור, האָטש אין געוויסע

II.

עפּאָכען האָבען זיי אַליין נישט געוואוסט, צי וועט האָבען זייער אַרבייט אַ קיום. די ליעבע צום יודישען כלל, וואָס האָט זיך עקשנות'דיג אויסגעאַרבייט אַן אייגענעם לשון, און די ליעבע צו דעם דאָזיגען לשון, האָט זיי געגעבען די פעדער אין דער האַנד און אויסגעלערנט זיי, צו געפינען ביסלעכווייז דעם נאַטירליכען פאָלקס-אויסדריק פאַר נאַטירליכע געפיהלען.

די ערשטע צוויי בענדער פון דעם מעהרבענדיגער געשיכטע נעהמט אַרום די צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען בילדען דאָס מאַמע-לשון ביי יודען ביז צו דעם יאָהר 1890. דער לעזער וועט געפינען אין דעם בוך, אַ דאַנק די רייכע ביבליאָגראַפישע נאָטיצען צום טעקסט, כמעט אַלע קוועלן, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור און איהר שפּראַך, און דאָס, וואָס פעהלט אין די ערשטע בענדער, האָפען מיר ממלא צו זעהן אין די קומענדיגע.

אַזוי איז צום ביישפּיעל אין דעם בוך שוואַך בעאַרבייט געוואָרן דאָס קאַפּיטעל וועגען די פאָלקס-ליעדער; די גאַליציאַנישע, רומעי-נישע יודישע ליטעראַטור האָט אין איהם קיין אָבקלאַנג נישט גע-פונען; די ליטעראַטור פון די אַמעריקאַנישע ברידער איז מעהר נישט פּערטרעטען דורך צוויי בעדייטענדע טאַלענטען: מאָריס ראָזענפעלד און יעקב גאָרדין. און אויך דאָס יודישע טעאַטער, וואָס איז אַ גרויסער צווייג פון אַלגעמיינעם בוים, האָט נאָר בעקומען אַ קורצע בעהאַנדלונג.

ווען מען בעטראַכט אָבער, אַז די בעהאַנדלונג פון דעם יודי-שען פאָלקס-ליעד און פון יודישען טעאַטער איז אַזאַ ברייטע טעמע, וואָס קען נישט אָבגעפּאַרטיגט ווערן מיט איין קאַפּיטעל — מוז מען רעכט געבען דער רעדאַקציע, וואָס האָט בעשלאָסען, זיי ספּעציעל צו בעהאַנדלען אין די ווייטערע בענדער, אַלס בעזונדערע ליטעראַ-רישע אָבהאַנדלונגען.

די רומעניש-גאַליציאַנישע ליטעראַטור, ווידער, האָט אַזאַ קליינע ראָליע געשפּיעלט ביז אַהער און איז צוגלייך אַזוי אָרים, וואָס אָנבע-לאַנגט פאָרשונגען וועגען איהר, אַז מיר האָבען נישט געהאַלטען פאַר נויטיג דערווייל זיך אָבצושטעלן אויף איהר.

וואָס ס'געהערט צו דער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, איז זי פּערטרעטען דורך איהר גרעסטען ליריקער און דורך איהר גרעסטען דראַמאַטורג. ספּעציעל איז די אַמעריקאַנישע ליטעראַטור מעהר

אַ זשורנאַליסטישע, און זי דאַרף און מוז בעקומען איהר הויפּט־פּלאַץ אין דער אַבטיילונג „געשיכטע פון דער יודישער זשורנאַ־ליסטיק”, וועלכער מיר רעכענען אָבצוגעבען אַ טייל פון אונזערע קומענדיגע בענדער.

ווען מען בעטראַכט, ווי אָרים אונזער ליטעראַטור איז ביז היינט אין גענויע ביאָגראַפיען פון אונזערע שרייבער, ווען מען ווייס, ווי ווייניג ס'איז נאָך עד היום ענטוויקעלט בייַ אונז די זכרונות־ליטע־ראַטור,—מוז מען אונז מוחל זיין אויך דאָס, וואָס אין אונזער בוך וועלען נישט אַלע חראָנאָלאָגישע דאַטומס גענוי שטימען. מיר האָבען זיך בעמיהט, ווי מעגליך, אָנצוגעבען זיי וואָס פּינקטליכער, אָבער דאָס פינסטערע לעבען פון אַנ'אַמאָליגען יודישען שרייבער האָט אויך פערפינסטערט די גענויע חראָנאָלאָגיע פון זיין ביאָגראַפיע און זיין שאַפונגס־צייט. די וויטערדיגע אויפלאַגען פון דעם דאָזיגען ווערק וועלען געוויס מאַנכע פעהלערן פון דעם דאָזיגען מין אויסבעסערן, ווען נאָר דאָס פּובליקום וועט אונז פריינדליך אָנווייזען אויף די פעה־לערן, וואָס האָבען געמוזט, נישט ווילענדיג, אַריין אין דער ערשטער גרעסערער אַרבייט וועגען דער געשיכטע פון דער יודישער לי־טעראַטור.

צום שלוס געפינט די רעדאַקציע פאַר איהר פליכט צו דאַנקען אַלע די, וואָס האָבען אונז מיטגעהאָלפען בייַ דער אַרבייט, און בע־זונדער דעם בעקאַנטען שרייבער ה' יעקב דינעזאָהן פון וואַרשוי און צוגלייך דעם ה' פעלמאַן אין ריגאַ.

מיר גיבען איבער דאָס בוך—די יאָהרען־לאַנגע אַרבייט פון דר. פינעס אין די אַרחיוען און ביבליאָטעקען—די פריינדליכע הענד פון דעם יודישען לעזער, און זיין סימפּאַטיע צו אונזער אונטערנעה־מונג וועט זיין פאַר אונז די איינציגע און גרעסטע בעלויהנונג.

צוגלייך דאַנקען מיר דעם פערלאַג ב. שימין, וואָס האָט נישט געשוינט קיין מיה, אום דאָס בוך זאָל ווערן שען און גוט אַרויס־געגעבען, און הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס ער האָט מיט אַזאַ ברייטען אָפּענעם האַרצען זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבען פאַר'ן יודישען לע־זער אַ מעהרבענדיגען קאַפּיטאַלען ווערק פון דער יודישער ליטעראַטור.

בעל־מחשבות.

I.

די שפּראַך.

א) דער אורשפּרונג.

די יודישע שפּראַך איז געבוירען געוואָרען אין די געטאָ'ס פון דייטשלאַנד, אין די פּוילישע געטאָ'ס אָבער האָט זי זיך ענטוויקעלט און בעקומען איהר בעשטימטע פאָרם. עס איז אונמעגליך פעסטצושטעלן, חאָטש אונגעפעהר, דעם מאָמענט, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען בײַ די דייטשע יודען.

פון אייביגע צייטען האָבען זיך די יודען בענוצט מיט העברעאישע אותיות בײַן שרייבען אויף פרעמדע שפּראַכען. גריכיש, לאַטיין, אַראַביש, שפּאַניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש—אַלע שפּראַכען, מיט וועלכע די יודען האָבען זיך בענוצט אין פערלויף פון אַ מעהר אָדער וועניגער לאַנגען פעריאָד, פלעגען זיי שרייבען מיט די אותיות פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע איז זיי אַלעמאָל פערבליעבען טייער און ליעב. דייטש האָט נישט געמאַכט קיין אויסנאַהם פון דעם אַלגעמיינעם כלל. פון XI-טען יאָהרהונדערט אָן געפינען מיר שוין אין די הגהות און שאלות ותשובות (שו״ת) דייטשע ווערטער און שפּריכווערטער, וועלכע זענען געשריבען מיט העברעאישע בוכשטאַבען, בײַ ר' שלמה יצחקי (רש״י, 1040—1105), אַ ביסעל שפּעטער בײַ

אליעזר בן נתן און אַנדערע געלעהרנטע פון דער אייגענער עפּאָכע, געפינען מיר פיעל עהנליכע ביישפּיעלען 1). די ווערטער אָבער, זייענדיג געשריבען מיט העברעאישע בוכשטאַבען, האָבען נישט פערלוירען זייער ריינקייט, בנוגע צו זייער דייטשער שפּראַך-פאָרם. אפילו אין XIII-טען יאָהרהונדערט נאָך האָט זיך די שפּראַך פון די דייטשע יודען אויף אַ האָר נישט אונטערשיידט פון דער שפּראַך פון זייערע שכנים, די קריסטען. די פיעלע דייטשע ווערטער פון ר׳ משה הדרשנ׳ס אַ תלמיד (האָט געלעבט, ווי ס׳ווייזט אויס, אין דער ערשטער העלפטע פון XIII-טען יאָהרהונדערט) חזר׳ן זעהר געטריי איבער די ריינסטע פאָרמען פון מיטעלמעסיגען „האָך-דייטש“ 2). אין דעמזעלבען יאָהרהונדערט געפינען מיר אויך צווישען די דייטשע מינענזינגער דעם יודען זיסקינד פון טרימבערג, וואָס פערצייכענט זיינע לידער מיט העברעאישע אותיות 3).

ערשט אין XIV יאָהרהונדערט קען מען געפינען אין די שו״ת און אַנדערע ליטעראַרישע דאָקומענטען די ערשטע שפּורען, האָטש שוואַכע, פון דער ניי-געבוירענער יודישער שפּראַך 4). די ענדערונגען, וועלכע מען בעמערקט אין דער שפּראַך פון די דייטשע יודען פון דער דאָזיגער עפּאָכע, האָט מען געוואָלט ערקלערן דורך דער ווירקונג פון זייערע ברידער אין לאָטאַרינגען, וועלכע זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, און האָבען זיך בעזעצט אין די פּראָווינצען פון דרום-דייטשלאַנד 5). עס איז אָבער בעשטימט, אַז אויסער דעם איינפלוס מצד די פראַנצויזישע יודען, האָבען געמוזט

---

1) ג. קאַרפּעלעס, געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, 1886, ז. 1001—1002; א. שולמאַן, עמקי שפה. השלח, 1898, ב. IV, ז. 43—45.

2) קאַרפּעלעס.

3) V. יודישער פיערטעל-יאָהר-בוך (ענגליש), ב. XV, אַרט. „זיסקינד פון טרימבורג“, פון אַלבערט מ. פרידענבערג.

4) קאַרפּעלעס, אויבען ציטירט.

5) וויכטיג און בולט איז די פראַנצויזישע פאַרב פון דער יודיש-דייטשער קאָנסטרוקציע. — י. מ. יאָסט, אַרטיקעל וועגען יודיש-דייטש אין דער אַלגעמיינער ענציקל. פון וויסענשאַפטען און קינסטע (ערש און גרובער), 1850; זעה אויך ג. קאַרפּעלעס, אויבען ציטירט: די לאָטרינגישע יודען האָבען אויפגעריצט צו דער בילדונג פון דעם שפּראַכען-געמיש, און זיי האָבען אויך געגעבען אַ טייל מאַטעריאַל פאַר דער אַרבייט“.

האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף די ריינקייט פון דער שפּראַך די שרעקליכע רדיפות, וואָס די יודען זענען אויסגעשטאַנען צייט דער שוואַרצער מגפה (דזשומאַ) אין XIV-טען יאָהרהונדערט. די שפּראַך האָט נאָך געמוזט מעהר פערדאָרבען ווערען דעריבער, ווייל די אונאויפהערליכע רדיפות האָבען די דייטשע יודען אינגאַנצען אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער בעפעלקערונג און האָבען זיי דערווייטערט פון די ליטעראַרישע קוועלען פון דער דעמאָלדיגער עפּאָכע.

פונדעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די דייטשע יודען זענען געווען אַזוי אָבגעזונדערט אין זייערע געטאָ'ס, האָבען זיי דאָך נישט געקענט אינגאַנצען איבעררייסען זייערע מאַטעריעלע, ווי אויך מאָראַלישע בעציהונגען מיט די קריסטליכע מיטבירגער. זייער שפּראַך האָט געמעגט ווערען אָרימער און פערליערען איהר ריינקייט, דאָך האָט זי נישט נויטיג געהאַט — און זי האָט אויך נישט געהאַט די מעגליכקייט דערצו — צו ענדערען איהר פאָרם און יסוד. אייניגע היסטאָריקער געהען אַזוי ווייט, אַז זיי בעהויפּטען, דאָס ביז'ן XV-טען יאָהרהונדערט נאָך האָט די שפּראַך פון די דייטשע יודען אָבגעהיט איהר ריינקייט און דאָס איהר פערוואַנדלונג אין אַ „זשאַרגאָן" האָט זיך נישט אָנגעהויבען פריהער פאַר דעם דרייסיג-יאָהריגען קריעג 1). יעדענפאַלס איז קלאָר, אַז צו יענער צייט האָבען די ליטעראַרישע ווערק פון די דייטשע יודען, וועלכע זענען אפילו געווען געשריבען מיט העבּרעאישע בוכשטאַבען און ענטהאַלטען אַ גרויסע צאָהל העבּרעאישע טעכנישע אויסדריקען, לויט דער שפּראַך נאָך זיך נישט פיעל אונטערשיידט פון די איבעריגע ווערק פון דער דעמאָלדיגער דייטשער ליטעראַטור 2).

---

1) מ. שטיינשניידער, „די איטאַליענישע ליטעראַטור פון די יודען" אין דער מאָנאַטסשריפט פאַר געשיכטע און וויסענש. פון יודענטום, ב. 42, ז. 76. — דר. מ. גידעמאַן, געשיכטע פון דער ערציהונג א. ז. וו. ב. II, ז. 207. — ל. גייגער, צייט-שריפט פיר די געשיכטע פון די יודען אין דייטשלאַנד ב. II, ז. 359.

2) מ. שטיינשניידער, אויבען ציט.; זעה אויך פ. ראָזענבערג: וועגען אַ זאַמלונג פון דייטשע פאָלקס- און געזעלשאַפטס-ליעדער אין העבּרעישע בוכשטאַבען, בערלין, 1888. די זאַמלונג אַליין געפינט זיך אין דער באָדעליאַנאַ אין אָקספאָרד; זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון איינעם איזיק וואַליך פון וואָרמס (אונג. 1605—1595), זי ענטהאַלט 1 שווישפּיעל און 51 ליעדער, פון וועלכע 12 שטאַמען פון יודישע מחברים. די איבריגע זענען דייטשע פאָלקס- און געזעלשאַפטס-ליעדער.

נאָר אַזוי ווי יודיש־דייטש איז נישט אַריבער די גרענעצען פון אַ דייטשען לאַנד, איז עס זעלבספערשטענדליך געוואָרען אַ פערדאָרבע־נע פאָרם פון דייטש, איז עס אַראָב צו דער מדרגה פון אַ „זשאַרגאָן", פון אַ געטאָ־קוידערוועלש. עס האָט זיך נישט געקענט גענוג בעפריי־ען פון זיין דייטשער סביבה און דורכמאַכען דעם אינערליכען אומ־בילדונגס־פּראָצעס, וועלכער זאָל איהם ראַדיקאַל אָבטיילען, דיפע־רענצירען, פון דער מוטער־שפּראַך, וועלכער זאָל איהם געבען דעם שטעמפּעל, דעם גייסט און דעם אָריגינעלען האַראַקטער פון די מענשען, וועלכע האָבען אויף איהם גערעדט, און מאַכען פון איהם אַ שפּראַך, וואָס זאָל זיך אונטערשיידען פון דייטש אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס יודישע פאָלק פון דעם דייטשען. אָט די שאַפונגס־אַרבייט, וואָס איז אונמעגליך געוועזען אין דייטשלאַנד גופא, איז געבליבען פאַר די ווייניגע דייטשע יודען, וועלכע זענען פון XIV־טען אין שפּעטער, נענויט געוועזען דורך די פערפאָלגונגען, צו פערלאָזען זייער היימאַטס־לאַנד, און האָבען זיך בעזעצט מאַסענווייז אין בעהמען, פּוילען און ליטא. די אַלגעמיינע קולטור פון די דאָזיגע לענדער איז צו דער צייט, ווען די יודען זענען אַהין אָנגעקומען, געשטאַנען פיעל ני־דעריגער אין פערגלייך מיט דער קולטור פון דעם לאַנד, וואָס די יודען האָבען פערלאָזען.

אין פּוילען, וואו עס האָט זיך געראַטעוועט פון די רדיפות דער גרעסטער טייל פון די דייטשע יודען, איז די בעפעלקערונג געוועזען צעטיילט אין צוויי קלאַסען, פּריצים און פּויערים, צווישען וועלכע עס איז געלעגען סאָציאַל אַ תהום. דער מיטעל־קלאַס האָט נאָך דאַמאָלס דאָרטען נישט עקזיסטירט. שטעדט זענען געוועזען ווייניג און זייער בעפעלקערונג איז בעשטאַנען מייסטענס פון דייטשע עלע־מענטען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד צייט דעם XIII־טען יאָהרהונדערט, ווען דאָס לאַנד איז כמעט פערוויסט געוואָרען דורך די טאָטערשע (מאָנגאָלישע) מחנות. די יודען, וועלכע זענען מעהרערע מאָל איינגעלאַדען געוואָרען קיין פּוילען דורך דעם פּוילי־שען קעניג, כדי זיי זאָלען בילדען אין לאַנד דעם מיטעל־קלאַס, זענען נישט נאָר גוט אויפגענומען געוואָרען ביי זייער אָנקומען, נאָר מען האָט זיי אפילו בעשאָנקען מיט בעשטימטע פּריווילעגיעס. אין די שטעדט און שטעדטלעך, וואו זיי האָבען געבילדעט — און בילדען נאָך אָפט עד היום — כמעט די גאַנצע בעפעלקערונג, האָבען זיי בעקומען פאַר זייערע אינערליכע ענינים די פאָלקאָמסטע אויטאָנאָמיע. דער בית-דין פון רבנים פאַר פּריוואַט־ און רעליגיאָנס־ענינים, דער ועד

ארבע ארצות פאר ענינים, וואס בעריהרען די הויפט=אינטערעסען פון דעם יודישען עולם אין די פערשיעדענע פוילישע לענדער, — די דריי אינסטיטוציעס, אנערקענטע פון דער מלוכה, האבען געבילדעט געוויסערמאסען א קרייז, אין וועלכען ס'האט זיך בעוועגט דאס רעליגיעזע און סאציאלע לעבען פון די פוילישע יידען, וועלכע זענען געוועזען פריי און כמעט אונאבהענגיג פון דער מלוכה. ס'איז לייכט צו פערשטעהן, אז די יודען, אנגעקומענע פון דייטשלאנד, לעבענדיג אין בעדינגונגען פון אנ'אינערליכער אויטאנאמיע, האבענדיג פאר זיך אלס פארשטעהער פון דער איינגעבוירענער פוילישער בעפעלקערונג צוויי קלאסען, די פריצים און פויערים, פון וועלכע איינע איז געוועזען פאר זיי צו הויך און די אנדערע האט זיי אויסגעוויזען צו נידריג צו זיין, און דערביי נאך קאנצענטרירט אין די שטעדט, וואו אלס שכנים האבען זיי ווידער געהאט דייטשען, — האבען נישט געהאט קיין נויטווענדיגקייט צו פערלאזען זייער הונדערט=יאהריגע לאנדס=שפראך און אנגעהמען די שפראך פון זייער נייעם פאטערלאנד. דאס יודיש=דייטש איז נישט נאר געוועזען ענג פערבונדען מיט זייער מאטעריעלען און גייסטיגען לעבען, נאר עס איז אויך געוועזען די שפראך, אויף וועלכער עס האבען גערעדט זייערע ברידער, וואס זענען פערבליעבען אין דייטשלאנד און וואס האבען זיך בעזעצט אין האלאנד און אנדערשוואו. יודיש=דייטש איז געוועזען א מין באנד, וואס פעראייניגט מיטגליעדער פון איין און דערזעלבער פאמיליע, וועלכע זענען דורך א גרויזאמען צופאל צווייט און צושפרייט געווארען איבער דער גאנצער וועלט, און דערפאר האבען זיי געזעהן עס אבצוהיטען, דערפאר זענען זיי איהם פערבליעבען טריי.

אין מיר זעהען ווירקליך, אז אין פערלויף פון הונדערטער יאהרען איז יודיש=דייטש נישט נאר אבגעהיט געווארען צווישען די דייטשע יודען פון די סלאווישע לענדער, נאר, זייענדיג די שטארקסטע לויט זייער צאהל און ענטוויקלונג, האבען זיי עס נאך פערשפרייט אונטער די יודען, וואס זענען געקומען אין לאנד, שוין פון אלטע צייטען און דורך אנדערע וועגען (פון אזיען דורך קויקאז און די שכני'שע לענדער נעבען שווארצען ים) און וועלכע, לעבענדיג אין די דרום=פראווינצען, האבען איבערגענומען די סלאווישע שפראכען פון דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג. דער קאמפף פאר דער ממשלה פון יודיש=דייטש האט געמוזט דויערן לאנג, ווייל נאך צום אנהייב פון XVII=טען יאהרהונדערט זענען געוועזען פראווינצען, אין וועלכע דער גרעסטער טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג האט גע

רעדט אויף די סלאַווישע שפּראַכען. אַ רב פון דער עפּאָכע, וואָס האָט געוואוינט אין מאָהילעוו אויפ'ן דניעפּר, שרייבט אין איינער פון זיינע שו"ת 1), אַז „זיינע שטאַמגענאָסען אין דער פּראָווינץ רעדען מייסטענס רוסיש" און ער דריקט אויס אַ וואונש, וועלכער איז לויט זיין טאָן זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מיינונג, אַז די דייטשע יודען האָבען שטאַרק געהאַלטען פאַר זייער לאַנדס-שפּראַך. דער רב דריקט אויס זיין טיפען וואונש, אַז „דאָס גאַנצע לאַנד זאָל זיין געלעהרנט און אַלע זאָלען אויף דערזעלבער שפּראַך: דייטש רעדען". דער בעריהמטער העברעאישער שריפטשטעלער י. ב. לעווינזאָהן (1788—1860), אַ געבוירענער אין וואָלין, גיט איבער אַ מסורה, וועלכע געהט אַרום צווישען די יודען פון זיין גובערניע, און לויט וועלכער „די יודען פון די דרום-פּראָווינצען האָבען מיט איניגע הונדערט יאָהר צוריק גערעדט נאָר אויף רוסיש און די שפּראַך יודיש-דייטש, וועלכע מיר געברויכען איצט, איז דאָרטען נאָך נישט געווען פערשפּרייט" 2). עס איז אונמעגליך צו בעשטימען דעם גענויען טערמין, ווען די סלאַווישע יודען האָבען איבערגענומען דאָס יודיש-דייטש. יעדענפאַלס, די סלאַווישע שפּראַך בעווייזט זיך שוין מעהר נישט אין די שפּעטערדיגע דאָקומענטען פון מיטען XVII-טען יאָהרהונדערט און עס איז זעהר מעגליך, אַז די מורא'דיגע בלוטיגע רציחות פון חמעלניצקי אין 1648, דורך וועלכע עס זענען פערטיליגט געוואָרען גאַנצע יודישע קהלות, האָבען געגעבען דעם לעצטען קלאַפּ דער סלאַווישער שפּראַך אין די ערטער, וואו זי איז געברויכט געוואָרען, צווישען יודען. 3).

---

1) „גבורת אנשים" פון ר' שבתאי כהן (ש"ך), דער בעריהמטער קאָמענטאַטאָר פון שולחן ערוך, אַרויסגעגעבען אין 1679.

2) י. ב. לעווינזאָהן, תעודה בישראל, 4 אויסג. וואַרשוי, 1901, ז. 33 ש. 2.

3) מיר מוזען דאָ בעמערקען, אַז די פראַגע וועגען דעם, צו איז די יודישע שפּראַך געווען ווען ס'איז די מוטער-שפּראַך פון די יודען אין דרום רוסלאַנד, איז זעהר ווייט דערפון צו זיין קלאָר. א. י. הרכבי אין זיין בראָשור „היהודים ושפת הסלווים" (די יודען און די סלאַווישע שפּראַכען, ווילנא, 1867) זאָגט סך אַרויס דערפאַר פּאָזיטיוו; — זעה אויך דר' גידעמאַן, „געשיכטע פון דער ערציהונג און קולטור ביי די יודען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך, ווין, 1880, ז. 115—114. — ב. כ"ץ, קורות היהודים ברוסיה, פולין וליטא (די געשיכטע פון די

אין די סלאַווישע לענדער, ווייט פון דעם דייטשען דירעקטען איינפלוס, אונטער אַ פרעמדער זון, אין נייע לעבענס־בעדינגונגען, האָט דאָס יודיש־דייטש אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ בעשטימטער שפּראַך. דאָ האָט עס דורכגעמאַכט אַלע הויפּט־פאַזען פון זיין ענטוויקלונג און דאָ איז אין איהם געשאַפען געוואָרען יענע פיינע אויסוואַנדלונג, אַ דאַנק וועלכער דאָס יודיש־דייטש אָדער טייטש, ווי מען האָט עס דערנאָך גאַנץ איינפאַך גערופען, איז געוואָרען די יודישע שפּראַך, דאָס „יודיש“ פון היינטיגע צייטען.

נאָך די בלוטיגע רציחות פון חמעלניצקי, אין 1648, האָבען פיעל יודען, וועלכע האָבען אָנגעהערט אונגעפעהר צו 250 פוילישע קהלות, געמוזט פון דאָס־ניי אָנהויבען זוכען אַ מקום מקלט; פיעל פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין דייטשלאַנד, אַנדערע ווידער זענען אַוועק קיין אַמסטערדאַם, וואו עס איז אויך געווען אַ קהלה פון דייטשע יודען. די אָנגעקומענע יודען האָבען מיט זיך אַוועקגעטראָגען אויך דאָס יודיש־דייטש, וועלכעס איז אין פערלויף פון צחיי יאָהרהונדערטער אומגעענדערט געוואָרען אין זייער נייען פאָטערלאַנד 1). און אַ דאַנק אָט דער גרויסער צאָהל עמיגראַנטען און דער ווירקונג פון די רבנים און דינים, וועלכע די פוילישע יודען האָבען זייט אַ געוויסער צייט געליפערט די דייטשע יודען, אַ דאַנק דער יודיש־דייטשער ליטעראַטור, וואָס איז מייסטענס געשאַפען געוואָרען דורך שריפטשטעלער, געבירטיגע אין פוילען, און וועלכע איז אַריינגעדרונגען במעט אין אַלע יודישע פאַמיליעס, — האָט דאָס יודיש־דייטש,

---

יודען אין רוסלאַנד פוילען און ליטא, אין XVI-טען און XVII-טען יאָהרהונדערט) בערלין, אויסג. אחיאָסף, 1899, ז. 31-33. — ש. א. בערשאַדסקי, די ליטוויאישע יודען 1388-1599, סט. פעטערבורג, 1883, ז. 194 א. א. וו. — ש. מ. גינזבורג און פ. ש. מאַרעק, „די יודישע פאָלקס-ליעדער אין רוסלאַנד“, סט. פעטערבורג, 1901, פאָררעדע, ז. XXII-XXIII און אַ בעשטימטע צאָהל ליעדער אין בוך גופא (נומער 15, 16, 17, 34 א. אַנדערע), וועלכע שטעלען פאָר אַזעלכענעם מיש-מאַש פון העברעאישע און סלאַווישע ווערטער. מ. הרכבי'ס מיינונג איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרען אין ש. דובנאָוו'ס אַרטיקעל „די מוטער-שפּראַך פון די פוילישע און ליטווי'אישע יודען אין XVI און XVII יאָהרהונדערט“, יעוור. סטאַרינא, סט. פעטערבורג, 1901, ב. 1, ז. 7-26.

1). דר' גידעמאַן, געשיכטע פון דער ערציהונג א. ז. וו. וויען 1888, טאָמע 7.

אין אַ נײער געשטאַלט, צוריקגעקעהרט זיך אין זײן געבורטס=לאַנד־
און איז אָנגענומען געװאָרען דורך די, װאָס זענען דאָרטען פערבליע=
בען. װען אויך מיט אײניגע אונטערשיעדען אין דיאַלעקט, װאָס מיר
װעלען בעטראַכטען װײטער אַ ביסעל, איז דאָך דאָס יודיש=דײטש,
אויף װיפיעל עס איז גערעדט געװאָרען אין דײטשלאַנד, דאָס הײסט
כמעט ביז'ן אָנהויב פון XIX=טען יאָהרהונדערט און שפעטער, געב=
ליעבען אין זײנע הויפט=יסודות דאָס אײגענע אין דײטשלאַנד, װי אין
פױלען און אין אַנדערע סלאַװישע לענדער.

ב) די עלעמענטען פון דער שפראַך.

יודיש=דײטש, װען עס איז אַרײנגעבראַכט געװאָרען שוין אין די
סלאַװישע לענדער דורך די דײטשע יודען, איז געװען, װי מיר האָ=
בען שוין פריהער בעמערקט, כמעט אַ רײנעס דײטש. העברעאישע
װערטער טרעפען זיך דאָרטען זעלטען און זײ פלעגען בעטראַכט װע=
רען, װי פרעמד=װערטער; די מחברים האָבען אַפילו געזאָרגט דער=
פאַר, אַז די װערטער זאָלען געשטעלט װערען אין קלאַמערס, כדי
צו בעצײכענען, ערשטענס, זײער פרעמדען מקור, צװײטענס, זײער
קדושה. עס איז שװער בײם צושטאַנד, אין װעלכען עס געפינען זיך
איצט די פילאָלאָגישע פאָרשונגען פון יודיש=דײטש, צו בעשטימען
מעהר אָדער װעניגער גענוי, װעלכע דײטשע דיאַלעקטען האָבען אָנ=
טײל גענומען אין דער בילדונג פון דער שפראַך. הויפטזעכליך איז
צו בעמערקען די גרויסע און װיכטיגע װירקונג פון דער שװאַבישער
און בײערישער גרופע דיאַלעקטען אויף דאָס יודיש=דײטש 1); דאָך
האָבען אויך אַנדערע גרופען פון דיאַלעקטען, װען אפילו װעניגער,
אָנטײל גענומען אין דער בילדונג. די צוזאַמענמישונג פון פערשיע=
דענע דיאַלעקטען איז פאָרגעקומען בעזונדערס אין די סלאַװישע לענ=
דער, װאוהין די דײטשע יודען, צוזאַמענגעקומענע פון אַלערלײ פראָ=

---

1) לאַזאַר סײנעאַן, בעטראַכטונגען װעגען יודיש-דײטש, און ספּעציעל װע-
גען דיאַלעקט, װאָס װערט גערעדט אין װאַלאַכיען (ערשטער אַרטיקעל), אין די מע-
מואַרען פון דער לינגװיסטישער געזעלשאַפט אין פאַריז. פאַריז 2091, ב. XII,
צװעלפטעס העפט, ז. 97. — ם. שטײנשנײדער, ציטירט פריהער.

זוינצען, האָבען מיטגעבראַכט און בענוצט די פערשיעדענע דיאַלעקטען פון זייערע פריהערדיגע היימאַטס-לענדער 1). דאָס איצטיגע יודיש-דייטש האָט נאָך ביז איצט אין זיך אַ בעשטימטע צאָהל דייטשע ווערטער און אויסדריקען, וועלכע זענען שוין לאַנג פערשוואונדען פון ליטעראַרישען דייטש און וועלכע מען קען שוין אָפט נישט אָנטרעפען אפילו אין די דייטשע דיאַלעקטען גופא 2).

דער דייטשער עלעמענט איז געבליעבען דער שטאַרקסטער און דער איינפלוסרייכסטער אינ'ם יודיש-דייטש. ער האָט צוגעשטעלט דעם גרעסטען טייל ווערטער און גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען.

עס וואָלט אָבער זיין פאַלש, ווען מען וואָלט דעם דייטשען עלעמענט בעטראַכטען אַלס דעם איינציגען, וואָס האָט געווירקט אין דער בילדונג פון דער שפּראַך. דער סלאַווישער עלעמענט, און בעזונדערס דער העברעאישער, האָבען אויך נישט ווייניג געשאַפען, בעת די שפּראַך האָט זיך געבילדעט. אין די סלאַווישע לענדער טאַקע איז פאָרגעקומען הויפּטזעכליך די איינשמעלצונג פון העברעאישע ווערטער און אויסדריקען אין דאָס יודיש-דייטש, וועלכע האָט געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר זיין שפּעטערדיגער ענטוויקלונג. מען שאַצט, אַז די העברעאישע שפּראַך האָט אַריינגעבראַכט אַנ'ערך 20% פון די ווערטער אין יודיש-דייטש 3). און די ראָלע, וועלכע דער דאָזיגער עלעמענט האָט געשפּיעלט, ווייזט זיך אַרויס נאָך קלערער, ווען מען בעהמט אין אַכט, אַז ער האָט צוגעשטעלט בעזונדערס די ווערטער, וואָס נוצען אויף צו בעצייכענען אידעען פון מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער בעדייטונג, ווי מיר וועלען דאָס זעהען ווייטער. די העברעאישע ווערטער האָט מען אַרויסגענומען נישט נאָר פון תנ"ך, נאָר אויך בעזונדערס פון דער תלמוד'ישער און נאָך-תלמוד'ישער ליטעראַטור 4). און ווירקליך, דאָס שטודיום פון רבני'שער ליטעראַטור איז אין פּוילען געווען שטאַרק פערשפּרייט. יעדער יונגער-מאַנטשיק, במעט אָהן אַנ'אויסנאַהם, איז געגאַנגען צו אַ מלמד אָדער אין

1) ד"ר גידעמאַן, ציט. פריהער.

2) יעקב גרשן, „די יודיש-דייטשע שפּראַך", אַ גראַמאַטיש-לעקסיקאַלישע אונטערזוכונג פון איהר דייטשען גרונדטייל, פראַנקפורט אויפ'ן מאַין, 1902, ז. 83.

3) די יודישע ענציקלאָפּעדיע, נייראַנד, לאָנדאָן, 12 ב. 1901—1906, ב. VII, אַרט: „יודיש-דייטש" פון ל. וויענער.

4) א. שולמאַן, ציטירט פריהער.

קהלה'שע חדרים, וואו תלמוד איז געווען דער הויפט-פאך פון לערנען, און דער גרעסטער טייל פון די תלמידים האבען פערבראכט זייער לעבען אין לערנען, וואס האט זיך גערעכענט פאר'ן העכסטען ציעל פון מענשליכען לעבען.

יודיש-דייטש איז אין א גוטער שעה געווארען א נויטווענדיגער עלעמענט ביים לערנען. נישט נאר דער רבי האט פערטייטשט דעם תלמיד דעם פסוק אין דער שפראך, וואס דער תלמיד האט פערשטאנען, דאס הייסט אין יודיש-דייטש, נאר אפילו צווישען מענשען, וועלכע האבען שוין נישט געדארפט זוכען דעם טייטש פון די ווערטער, איז אויך געווען א געוואוינהייט, כמעט אן אלגעמיינע, צו איבערזעצען, מבאר צו זיין אין יודיש-דייטש דאס, וואס איז געזאגט געווארען אין קורצען, ברמזים, דורך די תנאים, אמוראים און זייערע מפרשים 1). טעכנישע ווערטער, פערשיעדענע ספעציעלע אויסדריקען, און בעזונדערס לאגישע און דיאלעקטישע בעגריפען, האט מען ארויסגענומען פון דער רבני'שער ליטעראטור, און זיי איינגעפיהרט אין יודיש-דייטש. אנדערע ווערטער ווייטער, האבען זיך שוין נישט גענויטיגט אין דער פערמיטלונג פון דער ישיבה, אום אריינצוגעהן אלס תושבים אין דער פאלקס-שפראך; זיי זענען פון זיך אליין אריין; זייער פלאץ איז געווען אנגעצייכענט פון אנהויב אן. וייל די זאך, וועלכע זיי האבען בעדייט, האט עקזיסטירט אין לעבען אדער אין ריינעם געדאנקען פון די יודען נאך פאר'ן יודיש-טייטש, און נאר די ווערטער אליין האבען געקענט ארויסגעבען די גאנצע

1) די ווערטער טייטש, טייטשען, פערטייטשען ווערען מייסטענס געברויכט אין זין פון ערקלערן, ערקלער־נגען א. א. וו. זעה אי ניגע שארפע ביישפיעלען ווי די ווערטער ווערען בענוצט, ביי ע. שולמאן: „שפת יהודית-אשכנזית וספרותה (די יודיש-דייטשע שפראך און איהר ליטעראטור פון סוף XV-טען יאהרהונדערט ביז ענדע XVIII-טען יאהרהונדערט) הזמן, ס"ט פעטערבורג, 1903, XIII, בעמ. 1 (ספעצ. נומעראציע).—זעה אויך גרעץ, די יודישע געשיכטע, לייפציג, ביי אסקאר לעינער, ב. XI, ז. 41; „די מלמדים פון די שולען, וועלכע האבען געשטאמט פון פוילען, — און קיין אנדערע זענען נישט געווען —, האבען איבערזעצט דעם תנ"ך אויף זייער מיאוס'ער געמישטער שפראך און זיי האבען אזוי פעסט צוזאמענגעבונדען דעם טעקסט מיט דער איבערזעצונג, אז מען האט געקענט מיינען, דאס משה האט אליין גערעדט אויס'ן „זשארגאן" פון די פוילישע יודען".

קראַפט, אַלע אָריגינעלע שטריכען און דעם גאַנצען אמת'ען האַראַק=טער פון יודען.

כמעט אַלע אַבסטראַקטע אויסדריקען, די וועלכע זענען שייך צו מאָראַל, רעליגיאָן און שכל, ווי אויך צום מאַטעריעלען לע=בען, — זענען גענומען געוואָרען פון העברעאיש. דער גרעסטער טייל געזעלשאַפטליכע ווערטער=בעגריפען, די וואָס זענען שייך צום פאַ=מיליען=לעבען, צו זיינע פריידען און ליידען, כמעט אַלץ, וואָס דיענט צום בעצייכנען מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס, פיעל יוריסטישע בעצייכנונגען, בעגריסונגס=פאָרמולען, אַ גרויסע צאָהל האַנ=דעלס=בעגריפען, — אַלע זענען זיי אַרויסגענומען געוואָרען פון לשון קודש 1). אַלץ, וואָס איז געווען אָריגינעלעס אין יודישען לעבען, ווי אויך אַלץ דאָס, וואָס איז אפילו נישט געווען אָריגינעל פאַר דער יודישער ראַסע, נאָר ביי יודען האָט עס געהאַט אַנ'אייגענטימליכען שטריך, — האָט נישט געקענט ווערען אויסגעדריקט אַנדערש, ווי נאָר אויף דער שפּראַך, וועלכע דאָס פאָלק האָט געשאַפען בדמותו ובצל=מו מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. מיר מוזען דאָ בעמערקען, אַז די ווערטער פון דעם מין האָבען די יודען אַלע מאָל אַריינגעבראַכט אין די שפּראַכען, מיט וועלכען זיי האָבען זיך בענוצט אין פערשיע=דענע עפּאָכען, און מאַנכע פון די ווערטער זענען אפילו אַריין אין ליטעראַרישען ווערטער=שאַץ פון די מאָדערנע שפּראַכען 2). פאַר יודיש=דייטש אָבער איז עס נישט געווען קיין צופעליג אַריינדרינגען פון אַ מעהר אָדער וועניגער בעגרענעצטער צאָהל ווערטער און אויס=דריקען, נאָר אַ מאַססען=איינפלוס פון כמעט אַ פינפטעל שפּראַך=עלעמענטען; דאָס איז געווען אַנ'ערשיינונג פון אַ נייעם עלעמענט, וועלכע האָט געווירקט געוואַלטיג שטאַרק אויפ'ן אויסערליכען אויס=זעהן, ווי אויף דעם אינערליכען זין פון דער שפּראַך.

צוגלייך מיט דייטש, דעם הויפּט=יסוד פון דער שפּראַך, און העברעאיש, דעם וויכטיגסטען עלעמענט פון איהר, האָט יודיש=דייטש בעקומען אַנ'איינפלוס, מעהר אָדער וועניגער, פון די אַנדערע שפּראַ=כען, מיט וועלכע עס האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען. האָלענדיש, רו=

---

1) א. שולמאַן, אַרט. „עיקר שפה", ציטירט שוין פריהער. — ל. סענעאַן, אין די מעמוארען פון דער לינגוויסטישער געזעלשאַפט, ב. XII, 3 העפט, ז. 177—188.

2) יודישע ענציקלאָפּעדיע...; סענעאַן, א. צ., ז. 179—178.

מעניש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש 1) אפילו לאַטייניש, האָבען אי=
בערגעלאָזען סמנים, מעהר אָדער וועניגער דייטליכע, אין דער שפּראַך
פון דעם וואַנדערנדען פאָלק.

אין היינטיגע צייטען ווערען אין דעם יודיש=דייטש פון די יודישע עמיגראַנטען אין פראַנקרייך, אַמעריקאַ און ענגלאַנד, אַריינגענימען מאַסען ווערטער פון די אומגאַנגס=שפּראַכען אין די לענדער, דערביי ווערען די ווערטער אומגעבויט און צוגעפּאַסט צו דער אַלגעמיינער פאָנעטיק (קלאַנג=געזעצען) פון יודיש=דייטש. מייסטענס זענען אָבער די נייע ווירקונגען מעהר אָדער וועניגער לאָקאַליזירט און זיי לאָזען נישט איבער דעם קלענסטען זכר אין דער ליטעראַטור. אַחוץ נאָר די נייעסטע ווירקונג פון די ענגלישע ווערטער הייבט אָן צו האָבען אַ גרעסערע בעדייטונג, ווי נאָר אַ לאָקאַלע. מיר זעהען צ. ב., אַז די ווערק פון אַזאַ שריפטשטעלער, ווי ראָזענפעלד, ענטהאַלטען אין זיך אַ גרויסע צאָהל ענגלישע ווערטער; דאָך קען מען נאָך דערווייל נישט אַרויסזאָגען קיין בעשטימטען אורטייל וועגען דער ראָלע פון דעם ענגלישען עלעמענט אין יודיש=דייטש.

פערקעהרט, די ראָלע פון די סלאַווישע שפּראַכען איז פיעל קלערער און בעשטימטער; נאָך דייטש און העברעאיש האָבען די שפּראַכען די גרעסטע ווירקונג אויף יודיש=דייטש. זי הייבט זיך אָן צו דער צייט, ווען די דייטשע יודען זענען געקומען אין דיעזעם לאַנד; פיעלע סלאַווישע ווערטער, בעזונדערס פּוילישע, האָבען ציבראָכען די גרענעצען פון די סלאַווישע לענדער און זיי זענען אויפגענומען געוואָרען אומעטום, וואו יודען רעדען נאָר יודיש=דייטש.

די לעצטע צייט דרינגט איין די רוסישע ווירקונג אין יודיש=דייטש מיט אַ מעהר שטאַרקערען טעמפּ, ווי פריהער, ווען זי איז געווען שוואַך, בעזונדערס אין די מזרח=דרום=פּראָווינצען, וואו די יודען געפינען זיך אין דירעקטע פערבינדונגען מיט דער געבירטיגער בעפעלקערונג פון גרויס= און קליין=רוסלאַנד. נאָר די דאָזיגע ווירקונג, וועלכע איז מאַנכמאָל לעכערליך דורך איהרע איבערטרייבונגען און איז בעזונדערס צו בעמערקען ביי געוויסע מחות, וואָס שפּייזען זיך

1) אַט זענען אייניגע ווערטער, וואָס שטאַמען פון פראַנצויזישען און ווערען בענוצט אין יודיש-דייטש: קאַפּאַבעל, capable; פלעט, billet; אַלמער, ar=
mojre; סאַרווער, serviteur; קאַפּאָטע, קוראַזש: capote; טראַמפּלען, trem=
bleur; עהנליך קען מען אָנווייזען אויך אויף בייזפּיעלען פון אַנדערע שפּראַכען.

מיט דער רוסישער ליטעראַטור, — בלייבט פאָרלייפיג לאָקאַל; די ווערק פון די בעסטע שרייבער זענען פריי פון דעם שטאַרקען לאָקאַלען איינפלוס.

פונקט ווי פאַר די העברעאישע ווערטער, קען מען אויך פאַר די סלאַווישע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין יודיש=דייטש, פעסטשטעלען אַ געוויסע רעגעל: די ווערטער נוצען הויפּטזעכליך צו בעצייכענען זאַכען, וואָס זענען נויטיג פאַר'ן מאַטעריעלען און טעגליכען געברויך, זאַכען, וואָס זענען שייך צו קליידונג, ערנעהרונג, וואוינונג, האַנדווערקעריי א. א. וו. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ווערטער זענען מעהר אונטערגעוואָרפען דעם אַרומיגען גשמיות'דיגען לעבען. אין יעדען לאַנד, וואוהין עס קומט דער יודישער עמיגראַנט, ציהען צו אויפ'ן ערשטען פלאַן זיין אויפמערקזאַמקייט די זאַכען, וואָס זענען נייטיג אין אַלטעגליכען געברויך, ווייל ער מוז גלייך, כמעט אָהן אַ שום איבערגאַנג, זיך צופּאַסען צו די זאַכען און געוואוינהייטען פון לאַנד. מיר זעהען ווירקליך, אַז די ווערטער, וואָס געהערן דער פראַנצייזישער און ענגלישער שפּראַך און ווערען איצט אַריינגעבראַכט אין יודיש=דייטש, געהערען מייסטענס צו דער אויבען=אָנגעוויזענער קאַטעגאָריע; זיי פערנעהמען דעם אָרט פון די גלייך=בעדייטענדע סלאַווישע ווערטער.

צוליעב די אונאויפהערליכע אויסוואַנדערונגען פון די סלאַווישע יודען פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר, און צוליעב די ענדערונגען, וועלכע זענען דורך די עמיגראַציעס געשאַפען געוואָרען אין די מאַטעריעלע בעדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ, מוז דער סלאַווישער עלעמענט פון יודיש=דייטש, וואָס איז אַם וועניגסטען דויערהאַפט, ווייכען פאַר די פרעמדע אַנדערע ווערטער. די צוויי אַנדערע עלעמענטען, דייטש און העברעאיש, בייטען זיך זעלטענער, אָבער עס קומט זיי אויך אויס צו פיהלען אויף זיך די ווירקונג פון די נייע בעדינגונגען, פּאָליטישע און סאָציאַלע, אין לעבען פון די יודישע מאַסען; ס'ווערן געשאַפען נייע ווערטער, די אַלטע ווערטער ענטוויקלען זיך און בייטען זייער בעדייטונג; אָפט אָבער ווערען זיי פערביטען מיט ווערטער פון אַנ'אַנדער שפּראַך, פון דער שפּראַך פון דעם לאַנד, וואו דער יוד געפינט זיין מקום מנוחה. זעלבסטפערשטענדליך, אַז פאַר אַ שפּראַך, וועלכע בייט זיך שטענדיג און איז אַלעמאָל אונטערגעוואָרפען פרעמדע ווירקונגען, וואָס ווייזען זיך אַרויס אַמאָל מעהר, אַמאָל ווייניגער, זענען די אויסזיכטען אָבצוהיטען איהר ריינע פיזיאָגנאָמיע און צו בעשיצען איהר רעכט אויף עקזיסטענץ פיעל שווערער

ווי פאַר אַנ׳אַנדער שפּראַך. אין דער הינזיכט איז די שפּראַך אַ געטרייעס בילד פון יודישען פאָלקס־לעבען, וועלכעס איז אויך אָהן אַנ׳אויפהער אונטערגעוואָרפען דער ווירקונג פון דער אַרומיגער סביבה, אין וועלכער עס לעבט און וועלכע בייט זיך שטענדיג. ווי די גאַנצע קולטור פון דעם פאָלק, טראָגט אויך זיין שפּראַך סמנים אויף זיך פון די אַלע לענדער, וועלכע דער אייביגער וואַנדערער איז דורכגעגאַנגען.

ג) די דיאַלעקטען.

מען אונטערשיידט אין יודיש־דייטש פערשיעדענע דיאַלעקטען. די בעדייטענדסטע צווישען די דיאַלעקטען זענען:

1) ליטווישער יודיש, אויף וועלכען מען רעדט כמעט דורכאויס אין ליטא און ערטערווייז אויך אין רוסלאַנד גופא;

2) יודיש־פּויליש, אויף וועלכען מען רעדט אין רוסיש־פּוילען און אין בעשטימטע ערטער אין ליטא און גאַליציען;

3) דער דרום־דיאַלעקט, אויף וועלכען מען רעדט אין דרום־רוסלאַנד, רומעניען און בעשטימטע טיילען פון גאַליציען.

עס איז כמעט בעשטימט, אַז די וואַריאַציעס האָבען דעם זעלבען מקור, וואָס די אייגענע וואַריאַציעס אין דער דייטשער שפּראַך גופא. די דייטשע יודען, קומענדיג פון פערשיעדענע פּראָווינצען, האָבען, ווי מיר האָבען עס שוין אויבען געזאָגט, מיטגעבראַכט מיט זיך די פיעלע דיאַלעקטען פון די פּראָווינצען, און די דיאַלעקטען, קומענדיג שטענדיג איינע מיט די אַנדערע אין בעריהרונג, האָבען געקעמפפט צווישען זיך, ביז ס׳האָט געזיעגט דער שטאַרקערער צווישען זיי, און די איבריגע האָבען זיך אָדער צוזאַמענגעמישט מיט איהם אָדער זענען אינגאַנצען פערשוואונדען 1).

די דיאַלעקטישע וואַריאַציעס פון יודיש־דייטש האָבען אויך געווירקט אויף די אויסשפּראַכען פון לשון קודש. די דייטשע אויסשפּראַך (אשכנזית׳ע) פון לשון קודש, וועלכע רופט זיך אַזוי צום אינטערשייד פון דער שפּאַנישער אויסשפּראַך (ספרדית), ענטשטעהט

---

1) ד״ר גידעמאַן, אויבען ציט.; יודישע ענצ., אויבען ציט.

פון זיך אַליין, אַלס נאַטורעלע אַנאַלאָגיע מיט דער דייטשער פאָנעטיק און זי צעפאַלט אין מעהר פאָנעטישע וואַריאַציעס, וועלכע ענטשפּרעכען די וואַריאַציעס פון די יודיש=דייטשע דיאַלעקטען. אפילו די סלאַווישע ווערטער, וועלכע זענען אַריין אין יודיש=דייטש, האָבען זיך אויך געמוזט אונטערוואַרפען די אַלגעמיינע פאָזיטיווע געזעצען, וועלכע הערשען אין דער אויסשפּראַך פון די ווערטער אין די פערשיעדענע דיאַלעקטען פון יודיש=דייטש 1).

מיר וואָלטען צו ווייט אַוועק, ווען מיר וואָלטען וועלן בעטראַכטען איינציגווייז די פאָנעטישע וואַריאַציעס פון יודיש=דייטש; דאָ וועלען מיר אונז בעגנוגען דערמיט, וואָס מיר וועלען קאָנסטאַטירען, אַז די וואַריאַציעס זענען וועניגער אין צאָהל, און נישט אַזוי טיעף, ווי די דייטשע; אַז זיי בעציהען זיך אויף די וואָקאַלען (לויט) און כמעט קיינמאָל נישט אויף די קאָנזאָנאַנטען (מיט=לויטער) 2). פון דער אַנדערער זייט ליידט דאָס געשריעבענע וואָרט כמעט גאָרנישט אין יודיש=דייטש פון די אונטערשיעדען, אַ דאַנק די ניואַנסען אין דער אויסשפּראַך פון העברעאיש, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט אויבען, ד. ה., אַז דערזעלבער וואָקאַל פון יודישען אלף=בית, מיט וועלכען מען בענוצט זיך אין יודיש=דייטש, ווערט אויסגערעדט אויף אַ פערשיעדענעם אופן און ווערט געריכטעט לויט דער אַלגעמיינער פאָנעטיק פון זיין דיאַלעקט דורך אַ יודען, אונאָבהענגיג פון דעם, צי איז ער אַ פּאָליאַק, אַ ליטוואַק אָדער אַ געבוירענער פון דרום=רוסלאַנד 3).

אָט די גלייכהייט אין שרייבען, נישט קוקענדיג אויף דער פערשיעדענהייט אין דער אויסשפּראַך, האָט פיעל מיטגעהאָלפען צו דער פערשפּרייטונג פון די ליטעראַרישע ווערק. ווירקליך, אין אַ

---

1) סענעאַן, אויבען ציט., ז. 180-183; יודישע ענצ., אויבען ציט.

2) א. שולמאַן, עמקי שפה: „די יודיש-דייטשע שפּראַך, וואָס איז יעצט נאָך פערשפּרייט אין אַ גרויסען טייל פון אייראָפּא, שטעלט נישט פאָר אַזאַ פונדאַמענטאַלען און טיעפען אונטערשייד, אַז דאָס זאָל איהר שטערען צו זיין דייטליך אין איהר גאַנצען פערשפּרייטונגס-ראַיאָן, ווי עס איז, צ. ב., דער פאַל מיט די דיאַלעקטען פון די דייטשע פּראָווינצען". — ל. סעמענעאָן אין די מעמואַרען פון דער לינגוויסטישער געזעלשאַפט אין פּאַריז, ב. XII, 2 העפט, ז. 94.

3) זעהט א. הרכבי: „היש משפט לשון לשפת יהודית", נר מערבי, ניו-יאָרק 1896.

קורצער צייט, אַ דאַנק די יודיש=דייטשע זשורנאַלען און צייטונגען, איז מען געקומען כמעט ביסלעכווייז צו דעם, אַז ס'איז איינגעשטעלט געוואָרען אַן אָרטאָגראַפיע, וועלכע דאַרף נאָך, פערשטעהט זיך, האָבען בעשטימטע אויסבעסערונגען, וועלכע ציילענט זיך אָבער אויס דורך איהר איינפאַכקייט און איז אָנגענומען געוואָרען כמעט פון אַלע עפּענט=ליכע יודיש=דייטשע שריפטען, ווי אין ווילנאָ אַזוי אין וואַרשוי, אין אָדעס און ניו=יאָרק.

די יודיש=דייטשע דיאַלעקטען אונטערשיידען זיך אויך איינע פון די אַנדערע דורך זייערע ווערטער=אוצרות, וועלכע האָבען פיעל צו דאַנקען דערפאַר די אָרטיגע דיאַלעקטען פון דער געבירטיגער בע=פעלקערונג. אויך אין דער הינזיכט וואָלט מען געקענט, ווי דורך די פאָנעטישע וואַריאַציעס גופא, אונטערשיידען מעהרערע אונטער=דיאַלעקטען צוגלייך מיט די דריי הויפּט=דיאַלעקטען, וועלכע מיר האָבען אָנגערופען, און בעזונדערס וואָלט מען געדאַרפט אָבגעבען אַ פּלאַץ פאַר אַ פיערטען דיאַלעקט, פאַר יודיש=ענגליש 1).

אין דער ליטעראַטור איז מעהר פאַר אַלץ פערשפּרייט דער יודיש=ליטווי'אישער דיאַלעקט, צוזאַמענגעמישט מיט בעשטימטע עלע=מענטען פון דעם דרום=דיאַלעקט. אָבער מיט י. ל. פּרץ און די יונגע פּוילישע שריפטשטעלער איז אין דער ליטעראַטור אַריינגעדרונגען אויך דער יודיש=פּוילישער דיאַלעקט. אין די אַמעריקאַנישע ליטעראַ=רישע ווערק, און הויפּטזעכליך אין דער טעגליכער פּרעסע, הערשט דער יודיש=ענגלישער דיאַלעקט פון אַמעריקאַ. נאָר, אין אַלגעמיין, זענען די דיאַלעקטען=פערשיידענהייטען, אויף וויפיעל זיי האָבען געפּו=נען זייער אויסדריק אין דער ליטעראַטור, און נישט אין צייטונגען, נישט גרויס, און שטרעבען ביסלעכווייז צו פערשווינדען, אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די יודיש=דייטשע קלאַסישע ווערק. די אויטאָרען פון די דאָזיגע ווערק ווייסען און פיהלען, מיט דעם זעלטענעם אינס=טינקט פון אַ שפּראַך=געניוס, לויט דעם אויסדריק פון מאָנטאַן, אָבצוהאַלטען די שפּראַך, וועלכע פליהט".

און ווירקליך, די פּאָעזיע פון ראָזענפעלד, וועלכער איז געבוי=רען געוואָרען אין פּוילען און שרייבט אין ניו=יאָרק, די ווערק פון אַבראַמאָוויטש, וואָס שטאַמט פון ליטא און לעבט אין דרום=רוסלאַנד, די ווערק פון ראַבינאָוויטש, געבוירען אין דרום=רוסלאַנד, וואו ער

---

1) זעה אויבען ז.

האָט אויך געשאַפען דעם גרעסטען טייל פון זיינע ווערק, די מעשיות פון פרץ און אַש, געבוירענע אין פוילען, — ווערען צוגלייך געלעזען און געליעבט אין אַלע קאַנטען און אַלע לענדער, וואו עס איז נאָר דאָ אַ יודיש-דייטשער לעזער.

ד) די גראַמאַטיק.

אין פערלויף פון אַ זעהר לאַנגער צייט האָט מען בעטראַכט יודיש-דייטש אַלס אַ זשאַרגאָן, וואָס האָט נישט קיין רעגעלען, קיין געזעצען, און ווייס פון קיין אַנדער פרינציפ נישט, ווי אַנאַרכיע און אונאָרדנונג. דער גרעסערער טייל נישט יודישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט מיט דער פאָלקס-שפראַך, האָבען אַליין פערזענליך זי נישט פערשטאַנען כמעט און האָבען זיך געלאָזען מעהר פיהרען דורך די איינדריקען, זעהר אָפט אויבערפלעכליכע, וועלכע זיי האָבען בעקומען, הערענדיג, ווי עס רעדען יודען 1). פון דער אַנדערער זייט האָבען די געבילדעטע יודען, זייט דער עפּאָכע פון מענדעלסאָן, מיט דער גרעסטער שנאה בעקעמפפט די שפראַך, וועלכער זיי האָבען בעטראַכט, אַלס די גרעסטע מניעה צו דער אַסימיליציע, צו וועלכער זיי האָבען אַזוי געשטרעבט. אין היץ פון קאַמפף האָט דער נאָמען „זשאַרגאָן" פערנומען דעם פלאַץ פון דעם נאָמען „יודיש-דייטש" און „יודיש", ווי ס'האָט די שפראַך גערופען דאָס פאָלק, און, מיט זעלטענע אויסנאַהמען, האָט קיינער פון די חכמים נישט געפונען פאַר נויטיג און ווערט צו בעטראַכטען דעם „זשאַרגאָן" מעהר אָדער ווייניגער וויסענשאַפטליך.

ערשט אין לעצטען פיערטעל פון XIX-טען יאָהרהונדערט, ווען דער קאַמפף פון יודיש-דייטש איז שוין מעהר נישט געשטאַנען אויף דער טאַגעס-אָרדנונג בײַ די מערב-אייראָפּעאישע יודען 2) און

---

1) חר. וואַגענזייל, בעלעהרונג פון דער יודיש-דייטשער רעד-און שרייבאַרט, קעניגסבערג, 1659, ז. 9.: „הערענדיג ווי זיי רעדען דייטש, איז אונמעגליך, נישט צו מיינען, אַז זיי רעדען אויף ריין העברעאיש", ציטירט בײַ סענעאָן, אַרט. 1, ז. 99.

2) „דאָס יודיש-דייטשע איז בײַ אונז נישט מעהר אַ פּראַקטישע, זונדערן אַ

זען, פון דער אַנדערער זייט, די ענטוויקלונג, וועלכע ס'האָט אָנגענומען די יודיש-דייטשע ליטעראַטור אין די סלאַווישע לענדער, איז געוואָרען אַנ'ערשיינונג, וואָס האָט צו זיך צוגעצויגען די עפענטליכע אויפמערקזאַמקייט, זעהען מיר יודישע געלעהרנטע, וועלכע גיבען זיך אָב מיט ערלערנען די יודיש-דייטשע שפּראַך, אָהן פעראַכטונג און פיינדשאַפט 1).

און דאָס ערשטע רעזולטאַט פון דער אַרבייט איז געווען דאָס, וואָס עס איז צושטערט געוואָרען די לעגענדע, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט יודיש-דייטש אַלס אַ „זשאַרגאָן", אין וועלכען מען קען נישט ענטדעקען די געוועהנליכע רעגעלן פון גראַמאַטיק: ד. ה. אַנ'אינערליכע אָרדנונג און האַרמאָניע 2). מען האָט זעהר שנעל קאָנסטאַטירט און איינגעפונען, אַז די דאָזיגע שפּראַך, ווי אין איהר פאָנעטישען טייל, אַזוי אין איהרע עטימאָלאָגישע און סינטאַקסישע עלעמענטען, איז אונטערגעוואָרפען אינערליכע רעגעלען, וועלכע מען דאַרף נאָר ענטדעקען און קאַדיפיצירען 3). דאָס, ווידער, אויף וואָס

היסטאָריש-פילאָלאָגישע פראַגע". מ. שטיינשניידער, אויבען ציט.

1) צווישען די בעדייטענדסטע ווערק קען מען אָבצייכענען: אַ. לאַנדוי, „דאָס פערקלענערונגס-וואָרט פון דער יודיש-גאַליציאַנישען רעדע-אַרט", אין דער צייטשריפט „דייטשע מונדאַרטען", רעד. י. מ. נאַגעל (וויען, 1896 און פאָלגענדע); די אַרטיקלען פון סענעאָן, שולמאַן און גרשן, וועלכע מיר האָבען שוין ציטירט פריהער. אַנ'אויספיהרליכע און קריטישע ביבליאָגראַפיע פון דער ליטעראַטור וועגען יודיש-דייטש קען מען געפינען ביי סענעאָנ'ען אין דערמאָהנטען אַרטיקעל.

2) י. מ. יאָסט, אויבען ציט., פערענטפערט די פראַגע מיט איין פעדערשטריך: „אַ גראַמאַטיק קען גאָר נישט געבען".

די ערשטע יודיש-דייטשע גראַמאַטיק פאַר'ן שול-געברויך איז נישט לאַנג ערשיענען: ז. רייזין, „פאָלשטענדיגע יודישע גראַמאַטיק, עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס. פערלאַג „פּראָגרעס", וואַרשוי, 1908; ז. און אַ. רייזען, „די מוטערשפּראַך", אַ מעטאָדע צו לעזען און צו שרייבען יודיש מיט גראַמאַטיקאַלישע כללים, בייגעלעגט אַלע העברעאישע ווערטער, וואָס געהען אַריין אין דער יודישער שפּראַך, פּראָגרעס, 1908, 78 זייטען.

3) „לעזענדיג פרץ'ס זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבען", וואָס איז געווען מיין ערשטעס יודיש-דייטשעס בוך, האָב איך באַלד פערשטאַנען, אַז איך געפין זיך אין דער אָנוועזענהייט פון אַ שפּראַך, וועלכע איז רעגעלמעסיג געבויט און האָט רייכע לינגוויסטישע אַלטע אוצרות". גרשן, אויב. ציט.

איהרע געגנער שטעלען זיך אָב בעזונדערס, אַז אין יודיש=דייטש געפינט מען אָפט אַ פערוועקסלונג פון די געשלעכטער אין דער פאָלקס=שפראַך און, געוויסערמאַסען, אויך אין דער ליטעראַטור, 1) איז נישט וויכטיג אין אמת׳ן, ווייל די ערשיינונג טרעפט מען נישט נאָר אויסשליסליך אין דער שפראַך, נאָר זי טרעפט זיך אין יעדער פון די אָפענע שפראַכען אויף אַ געוויסער שטופע פון זייער ענטוויקלונג.

מיר האָבען זיך נישט געשטעלט פאַר אַ ציעל צו געבען אַנ׳אויספיהרליכען שטודיום פון דער יודיש=דייטשער גראַמאַטיק. מיר בעמערקען נאָר, אַז די גראַמאַטיק איז אין איהר גרעסטען טייל דייטש׳ש, דאָך אָבער, האָבען אויף דער גראַמאַטיק, פונקט ווי אויף דעם ווערטער=אוצר פון יודיש=דייטש, פיעל געווירקט די סלאַווישע דיאַלעקטען, ווי אויך העברעאיש.

אַזוי, צ. ב., אַלע דייטשע ווערטער, וועלכע ענדיגען זיך אויף „ער", בילדען זייער ווייבליכע פאָרם מיט דער הילף פון סלאַווישען סופיקס „קע" (שניידער: שניידערקע; שוסטער: שוסטערקע); פערקעהרט, די העברעאישע ווערטער מיט דער ענדונג אויף „ד" אָדער „ט" בילדען זייער ווייבליך געשלעכט דורך דעם סלאַווישען סופיקס „יכע" (שוחט: שוחט׳יכע; מגיד: מגיד׳יכע) 2). די קאָנסטרוקציע פון קאָמפאַראַטיף אין די יודיש=דייטשע אייגענשאַפטס=ווערטער איז געבילדעט ווי דער סלאַווישער קאָמפאַראַטיוו 3). פון דער צווייטער זייט, זעהען מיר אַ בעשטימטע צאָהל דייטשע ווערטער, די מעהרצאָהל פון וועלכע עס ווערט געבילדעט דורך דעם העברעאישען סופיקס „ים" (נאַר: נאַראָנים; דאָקטאָר: דאָקטוירים; טייוועל: טייוואָלים אָדער טייוולאָנים). די ווייבליכע פאָרם פון דעם דייטשען וואָרט פוי=

1) אין ליטא זענען אַלע ווערטער מענליך אָדער ווייבליך, זעכליך טרעפט זעהר זעלטען: פערקעהרט אין פוילען און אין די דרום-פראָווינצען בעגעגנען מיר ווערטער פון זעכליכען געשלעכט זעהר אָפט. דאַן ווידער, ווען עס רעדט זיך וועגען סובסטאַנטיווען, וואָס בעצייכנען נישט בעלעבטע זאַכען, ענדערט זיך דאָס בעטרעפענדע געשלעכט, אַבהענגיג פון דעם, ווער עס רעדט אָדער שרייבט.

2) זעה דאָס ווערק פון י. ח. טביוב; „די העברעאישע עלעמענטען אין זשאַרגאָן", הזמן, ס"ט פעטערבורג, 1903, ב. III, ז. 126-144.

3) צ. ב. (ציט. נאָך סענעטן): ער איז רייכער פון קרעזוס-bogatszi od Krezusa (פויליש).

ער (Bauer) איז געבילדעט מיט דער הילף פון דעם אראמעאישען סופיקס „טא״, וועלכער איז אריין אין יודיש-דייטש דורכ׳ן תרגום (פויערטא).

די העברעאישע ווירקונג איז אויך צו בעמערקען אין די פלע-אנאזמען, וועלכע זענען אזוי שטארק אין יודיש-דייטש, און וועלכע בעשטעהען אין דעם, דאס צוגלייך מיט דער געוועהנליכער בעשטימטער צייטווארט-פארם גיט מען נאך צו — זיין אונבעשטימטע פארם, כדי בעסער צו פארמירען דעם זאץ („היטען האסט דו איהם נישט געהיט״), אדער אין זעצע, אונטערארדנעטע, ווערט דאס הויפט-ווארט איבערגעזעצט פון דאס ניי דורך דאס ווארט „עס״ („מען האט געוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערין״) 1). נאר די הויפט-ווירקונג פון דער העברעאישער גראמאטיק איף דער יודיש-דייטשער ווייזט זיך ארויס אין דער אלגעמיינער קאסטרוקציע פון דער יודיש-דייטשער פראגע, וועלכע איז פיעל איינפאכער, ווי די דייטשע 2).

איבערהויפט איז פאר דער יודיש-דייטשער גראמאטיק האראקטעריסטיש איהר קורצקייט און איינפאכקייט. קיין קאניוגאציע עקועסטירט כמעט גארנישט דאס צייטווארט האט נאר די דריי הויפט-צייטען. דער געניטיף ווערט געבילדעט דורכ׳ן סופיקס „ס״, וועלכער איז דערזעלבער פאר אלע געשלעכטער איןביידע צאהלען. אלע פרעפאזיציאנען פאדערן דעם דאטיוו.

געשאפען דורך א פאלק, וואס פיהרט אנ׳אונזיכערען לעבען און האט פאר זיינע העברעע בעדערפנישען א לשון קודש, — האט יודיש-דייטש אלס הויפט-ציעל, צו זיין א פערקעהרס-מיטעל, פריי און לויז פון אלע שווערינקייטען און בויגיג; און דער פרינציפ, וואס האט געהערשט ביי זיין בילדען זיך און ביי זיין ענטוויקלונג, האט געפונען זיין העכסטען אויסדריק אין דער איינפאכקייט פון זיין גראמאטיק.

---

1). גרשן, אויבען ציט., ז. 76.
2). דאס זעלבע ווערק, ז. 60.

II.

דער אָנפאַנג פון דער ליטעראַטור.

די יודיש=דייטשע ליטעראַטור, ווי אויך די שפּראַך, אויף וועלכער זי איז געשריבען, ווערט צוגערעכענט צו די יונגסטע אייראָפּעאישע ליטעראַטורען. און ווירקליך, ערשט אין אָנהויב פון XVI=טען יאָהרהונדערט געפינען מיר די ערשטע עלטע אויסערונגען פון דער שפּראַך, וואָס ווערט ערשט געשאַפען, און פון דער ניי=געבוירענער ליטעראַטור. די גאַנצע געשריבענע ליטעראַטור פון די פריהערדיגע יאָהרהונדערטען, וואָס איז נאָר דערגאַנגען ביז אונז, אָנהויבענדיג פון די נאָטיצען און שו"ת פון XI=טען, XII=טען און XIII=טען יאָהרהונדערט, (אין וועלכע מען טרעפט אַמאָל אין העברעאישען טעקסט דייטשע ווערטער און שפּריכווערטער 1), און ענדיגענדיג מיט אַזעלכע מוסר=ספרים ווי ספר=המוסר (דאָס מוסר=בוך) אָדער ספר=הגן (דאָס גאָרטען=בוך) 2), — אָט די גאַנצע ליטעראַטור איז

1) גוסטאַוו קאַרפּעלעס, געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, 1886, דאָס קאַפּיטעל וועגען דער יודיש-דייטשער ליטעראַטור.

2) מ. שטיינשניידער, אויבען ציטירט.

אין אמת'ן געערדט אַ דייטשע ליטעראַטור, וועלכע איז געשריבען
מיט העברעאישע בוכשטאַבען, און ציילענט זיך אויס צווישען דער
איבעריגער דייטשער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע נאָר מיט'ן ספּעצ=
יעלען האַראַקטער פון דעם מאַטעריאַל, וואָס זי בעהאַנדעלט.

ערשט אין 1507 איז אין ווענעדיג פּערעפּענטליכט געוואָרען
דאָס ערשטע יודיש=דייטשע בוך. דאָס איז געווען דאָס „באָבאָ=בוך" 1)
אָדער באָבאָ=מעשה פון אליהו לעוויטאַ (1472—1542), דעם
בעקאַנטען מחבר פון אייניגע אויסגעצייכענטע ווערק וועגען דער העב=
רעאישער גראַמאַטיק. דאָס באָבאָ=בוך איז אַנ'איבערזעצונג אין פערזען
פון איינעם אַ בעריהמטען ענגלישען ראָמאַן Sir Bevis of Southamp=
ton. דאָס בוך איז געשריבען לויט דער איטאַליענישער איבערזעצונג,
אויך אין גראַמען; דער איטאַליענישער איבערזעצער האָט דאָס בוך
איבערזעצט פון פראַנצויזיש, דערביי האָט ער אומגעענדערט דעם
אָריגינעלען נאָמען פון בוך אויפ'ן נאָמען Bovo d'Ancona; פון דאַ=
נען שטאַמט שוין דער נאָמען באָבאָ=בוך, ווי דאָס ווערק רופט זיך
אין דער יודיש=דייטשער איב רזעצונג.

דאָס דאָזיגע בוך איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך פּאָפּולער;
עס האָט אויסגעהאַלטען אַ מורא'דיגע צאָהל אויסגאַבען, וועלכע גע=
העןנ נאָך אַרויס עד היום 2). אין דער יודישער שפּראַך גופא גע=
פינען מיר סמנים פון דעם, אויף וויפיעל דאָס בוך איז פּאָפּולער:
יעדע פאַנטאַסטישע מעשה ווערט אָנגערופען „באָבאָ=מעשה".

אין דער גאַנצער אַלטער יודיש=דייטשער ליטעראַטור געפינען
מיר נאָר איין בוך, וואָס שטייגט דאָס פריהערדיגע אַריבער אין
פּאָפּולאַריטעט: דאָס איז דער „צאינה וראינה" פון יעקב במו״ה
יצחק מק״ק יאַנאָוואַ (געשטאָרבען אין פּראָג אין 1628), וועלכער
איז ערשיענען, ווי מען רייכענט, צום ערשטען מאָל אין סוף פון
XVI=טען יאָהרהונדערט 3). צאינה וראינה („געהט אַרויס און

---

1) שטיינשניידער רופט דאָס בוך מיט'ן נאָמען „באַבאַ-בוך".

2) וויענער אין „דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור אין נייַנצעהנ-
טען יאָהרהונדערט", ניו-יאָרק, 1894, ז. 43, ציטירט אַנ'איבערזעצונג פון באָבאָ-בוך
פון 1895.

3) מיר מוזען בעמערקען, אַז די צייט, ווען ס'איז ערשיענען די ערשטע
אויפלאַגע פון צאינה וראינה איז נישט קלאָר בעשטימט. מיר האָבען נאָר די אויסגאַ-
בע פון באזעל 1622, וועלכע איז, וויזט אויס, געווען די דריטע שוין. קאַרפּעלעס,

זעהט״—ווערטער, וואָס ווערען אָנגעווענדט צו דיבנות ציון אין שיר
השירים) איז אַ פרייע איבערזעצונג פון חומש און פון די פינף
מגלות, און וועלכער די ביבלישע ערצעהלונגען זענען צוזאַמענגע=
מישט אין אַ פרעכטיגער פאָרם מיט לעגענדען, וועלכע זענען אַרויס=
גענומען געוואָרען פון דער אגדתא 1). געשריעבען איז עס אין אַ
לייכטען, פריינדליכען, אינטימען טאָן, אָהן פרעטענזיעס. שטענדיג
טרעפען זיך אין איהם בילדער פון דער יודישער געשיכטע; זיין פי=
לאָזאָפיע איז עהרליך און לויטער; דער טעקסט איז רייך מיט אַנעק=
דאָטען, משלים, לעגענדען; זיין סטיל איז ערנסט און פול מיט אַ
שטילער התלהבות; דאָס אַלין האָט געמאַכט דאָס בוך פאַר אַ ער=
ציהונגס=בוך און אַ מאָראַלישען וועג=ווייזער פון טויזענדער יודישע
פרויען.

דאָס בוך האָט בעקאַנט געמאַכט און דערנעהנטערט דער יודי=
שער פרוי, וועלכע האָט קיינמאָל קיין צוטריט נישט געהאַט צו
לשון קודש, מיט דער געשיכטע פון איהר פאָלק; דאָס בוך האָט
איהר געגעבען צו וויסען וועגען אַלע טראַגישע אָדער פרעהליכע גע=
שעהענישען, צוליעב וועלכע עס זענען איינגעשטעלט געוואָרען יום=
טובים און נאַציאָנאַלע תעניתים; דאָס בוך האָט מדריך געווען דער
יודישער פרוי צו מאָראַלישער ציכטיגקייט און צדקה, וועלכע זענען גע=
וואָרען דער לעבענס=אידעאַל פאַר יעדער יודישער פרוי; דאָס בוך האָט
ענדליך אויסגעבילדעט אין דער יודישער פרוי דעם העכסטען געדאַנק
וועגען דעם, אַז איהרע קינדער זאָלען ווערען תלמידי חכמים און
זייער גרויסקייט זאָל בעשטעהן אין תורה און יראת שמים.

דאָס בוך איז געוואָרען אַזוי פּאָפּולער, אַ דאַנק זיינע גרויסע
מעלות, בנוגע צום פרומען סטיל און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס ער
האָט פערענטפערט איינע פון די דרינגענדסטע בעדערפנישען, אַז
נאָר דער יודישער פרוי, בעזונדערס שבת, איז עס געוואָרען כמעט

אויבען ציטירט. — אויך א. שולמאַן אין הזמן, 1903, ב. III—I, ז. 26, ב. 2.

1) די ווערק, וועלכע דער צאינה וראינה ציטירט מייסטענס, זענען:
תלמוד, מדרשים, רש״י און בחיי. דער ערשטער קאַפיטעל פון צאינה וראינה איז
איבערגעזעצט אויף לאַטיין דורך י. זויבערט און פערעפענטליכט אין העלמשטאַדט,
1660 (ווידער ערשיענען ביי וואָלף אין דער העבר. ביבליאָטעק III, ז. 474). פערגלייך
אלכסנדר גרעהאַנז: „די יודישע וואָכע אָדער דער מאָדערנער צאינה וראינה״ א. ז. וו.
1849, פאַריז (פראַנצויזיש).

אַ חוב, אַ מצוה, צו לייענען דעם צאינה וראינה. נישט איבערטרייבענדיג, קען מען זאָגען, אַז ס'איז נישט געוועזן קיין איין פאַמיליע, עס מעג זיין די אָרימסטע, אין די לענדער, וואו די יודען רעדען יודיש־דייטש, וועלכע זאָל נישט האָבען דאָס ווערק. אין דעם זעכציגען יאָהרהונדערט, ווען עס איז ערשיענען זיין ערשטע אויסגאַבע, זענען אַרויס נישט ווענינער ווי זעקס און צוואַנציג נייע אויסגאַבען 1), און עד היום נאָך רעכענט עס זיך פאַר דאָס פּאָפּולערסטע בוך אין יעדער יודישער פרומער פאַמיליע 2).

אָט איז אַ קאַפּיטעל פון דעם ווערק, וועלכער קען אונז געבען אַ ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען דעם גייסט, אין וועלכען דאָס בוך איז אין אַלגעמיין צוזאַמענגעשטעלט, און מיט וועלכען עס איז דורכגעדרונגען. די מעשה, וועלכע ווערט אין דעם קאַפּיטעל בעשריבען, איז גענומען פון דברים, III, 23—29, וואו עס געפינט זיך די תפלה, מיט וועלכער משה האָט זיך געווענדעט צו גאָט, אַז ער זאָל ערפילען זיין פערשפּרעך אַריבערצוגעהן דעם ירדן און אַריינצוגעהן אין דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. צו די ריהרענדע אויסערונגען פון חומש גיט דער מחבר פון צאינה וראינה צו איינע פון די פיעלע אגדתא'ס, וועלכע האָבען זיך געבילדעט אין פערלויף פון יאָהרהונדערטער, וועגען דעם טראַגישען טויט פון דעם „אבי הנביאים" און וועלכע געפינען זיך אין די מ ד ר ש י ם.

„די תפלה פון משה איז געוועזן, דאָס גאָט זאָל איהם לאָזען געהן קיין ארץ ישראל, דען משה האָט געמיינט, ווייל ער האָט איינגענומען די צוויי מלכים סיחון און עוג איז שוין מותר געוואָרען די שבועה, דאָס ער זאָל קומען קיין ארץ ישראל. אַזוי האָט איהם גאָט געזאָגט: „ניין, דו מוזט שטאַרבען אין דער מדבר". און גאָט האָט געזאָגט צו משה: „אדם הראשון איז עלטער פון דיר, ער האָט דעם טויט אויף דער וועלט געבראַכט, דאָס איטליכער מענש מוז שטאַרבען". האָט משה געזאָגט: „רבונו של עולם! אדם הראשון האָט אַן עבירה געטהון". האָט גאָט געענטפערט: „אברהם האָט דאָך אויך געמוזט שטאַרבען, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אין פייער וואַרפען פון גאָט'ס וועגען". זאָגט משה: „פון אברהם איז אַרויסגעקו־

1) ג. קארפעלעס, אויבען ציטירט, ז. 1010.

2) די אויסגאַבע, וואָס מיר האָבען יעצט ביי זיך, איז פון 1902, אַרויסגעגעבען אין וואַרשוי ביי לעווין־עפּשטיין, מיט אַ ביאור און אילוסטראַציעס.

מען ישמעאל״. זאָגט גאָט: „יצחק האָט דאָך אויך געמוזט שטאַרבען,
װאָס ער האָט זיין האַלז געשטרעקט אויף דעם מזבח צו געקוילעט װערן
פאַר איין קרבן צו מיר״. זאָגט משה: „פון איהם איז אַרויסגעקומען
עשו הרשע״. זאָגט גאָט: „יעקב האָט געהאַט צוועלף קינדער צדי=
קים און האָט געמוזט שטאַרבען״. זאָגט משה: „יעקב איז נישט גע=
גאַנגען אויף דעם הימעל אַזוי װי איך און האָט נישט מקבל געװען
די תורה״. אויך זאָגט משה: „די ישראל זענען ששים רבוא און
האָבען פיעל עבירות געטהון און דו האָסט זיי מוחל געװען און מיר
װילסט דו נישט מיחל זיין״. האָט גאָט צו איהם געזאָגט: „מען
מהוט מעהר פון איין רבים װעגען װי פון אַ יחיד װעגען״. זאָגט
משה: „שטראָף מיך מיט יסורים אין מיין גוף און גיעב מיך נישט
אין דער האַנד פון דעם מלאך המות״, אַזוי װעל איך דערצעהלען
דיין לויב אין דער גאַנצער װעלט, אַזוי װי אין פסוק שטעהט: „לא
אמות כי אחיה ואספר מעשי יה״, אַז איך װעל נישט שטאַרבען,
נאָר לעבען, װעל איך דערצעהלען די מעשים פון גאָט.״ האָט גאָט
צו איהם געזאָגט: „זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו״, דער טויט
איז אַ טויער, דאָס אַלע צדיקים מוזען אין איהם געהן״. און װי
משה האָט געזעהן, דאָס זיין געבעט העלפט נישט, איז ער געגאַנ=
גען צו הימעל און ערד און זאָגט: „טהוט פאַר מיר תפלה״. האָבען
הימעל און ערד געענטפערט: „מיר מוזען פאַר אונז תפלה טהון,
דען לסוף װעלען מיר פערלאָרען װערען, אַזוי װי אין פסוק שטעהט:
שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה״, די הימעל װעלען צוגעהן
אַזוי, װי איין רויך, און די ערד װעט פערפוילט װערען אַזוי װי אַ
קלייד״. איז משה געגאַנגען צו די שטערען און צו דער זון און צו
דער לבנה און האָט זיי געבעטען: „טהוט פאַר מיר תפלה״. האָבען
זיי געענטפערט: „מיר דאַרפען פאַר זיך תפלה טהון״. איז ער גע=
גאַנגען צו אַלע הייפט=בערג, האָבען זיי אויך אַזוי געזאָגט: „מיר
דאַרפען פאַר אונז תפלה טהון״. איז ער געקומען צום ים, האָט
דער ים צו איהם געזאָגט: „משה, װאָס איז דיר געשעהען, דו
האָסט מיך געשפאָלטען, און די שכינה איז אַלעמאָל ביי דיין רעכ=
טער האַנד געװען, און היינט װאָס איז דיר?״

„און װי משה האָט דערהערט, דאָס דער ים האָט געזאָגט
זיינע װאונדער, װאָס ער האָט געטהון אין דער יוגענד, אַזוי איז
ער געלאָפען צו דעם העכסטען מלאך און האָט פאַר איהם געװיינט
און געשריען און האָט געזאָגט: „טהו פאַר מיר תפלה״. האָט דער
מלאך געזאָגט: „איך האָב געהערט, דאָס די תפלה װעט נישט העל=

פען". אזוי באלד האט משה אנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען. האט גאט געזאגט: „איך האב צוויי שבועות געשוואָרען: אָדער די ישראל זאָלען חס ושלום פערלאָרען ווערען אָדער דו זאָלסט שטאַרבען. ווילסט דו לעבען, אזוי וועלען די ישראל פערלאָרען ווערן". האט משה געענטפערט: „חס ושלום, איך און טויזענד אזעלכע ווי איך זאָלען פערלאָרען ווערען, און איינער פון ישראל זאָל נישט פערלאָרען ווערן". האט גאט צו איהם געזאגט: „דו האָסט מורא פאַר דעם מלאך המות, איך וועל דיר איהם געבען אין דיין האַנד".

זאָגט משה: „ווי זאָל מיין מוטער יוכבד נישט טרויערען, דאָס זי האט שוין צוויי קינדער בעגראָבען און זאָל דעם דריטען אויך בעגראָבען?" האט גאט געזאגט: „עס איז שוין אָבער געקומען די צייט, דאָס יהושע זאָל זיין איין מלך איבער ישראל, דערום מוזט דו שטאַרבען". האט משה געזאגט: „אויב עס ווענדט זיך דערינען, וועל איך בעסער איין תלמיד זיין ביי יהושע, און יהושע זאָל זיין דער רבי". האט גאט געזאגט: „אויב דו ווילסט אזוי, איז גוט".

„אזוי באלד איז משה געגאַנגען צו יהושע אין געצעלט אריין און האט זיך געשטעלט ביי דער טיר. און יהושע האט געזאגט תורה צו ישראל און האט נישט געזעהן, ווי משה שטעהט, דען משה האט זיך איינגעבויגען, מען זאָל איהם נישט זעהן, און האט זיך פערשטעלט מיט זיין האַנד, מען זאָל איהם נישט דערקענען. און כל ישראל זענען געקומען אין געצעלט פון משה און האבען איהם נישט געפונען, און ווי די ישראל האבען דערזעהן, דאָס משה שטעהט אין געצעלט ביי יהושע און יהושע זיצט, האבען זיי געזאגט צו יהושע: „וואָס איז דאָס, וואָס דו זיצט און דיין רבי משה שטעהט". אזוי באלד, ווי יהושע האט דערזעהן, דאָס משה שטעהט, האט ער צוריסען זיינע קליידער און האט געוויינט און געזאגט: „מיין רבי, מיין האַר, וואָס טהוסטו דו דאָ?" און כל ישראל האבען געזאגט צו משה: „לערן אונז תורה". האט משה געענטפערט: „איך טאָר נישט". האבען זיי געזאגט: „מיר וועלען דיך נישט לאָזען". איז אַרויסגעגאַנגען אַ בת קול פון דעם הימעל און האט געזאגט: „לעהרנט תורה פון יהושע!" אזוי האבען זיי געלעהרנט תורה פון יהושע און משה האט זיך געזעצט פון זיין רעכטער האנד און אלעזר פון זיין לינקער האַנד, און יהושע האט געזאגט תורה פאַר כל ישראל, און אַז די ישראל זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם בית המדרש, זענען זיי געקומען צו משה און זאָגען: „לעהרן אינז און

בעשייד אונז, וואס יהושע האט געזאגט". האט משה געזאגט: „איך קאן אליין נישט."

„אין דער שעה האט משה געזאגט: „רבונו של עולם, עס איז שוין געקומען די צייט, דאס איך זאל שטארבען". אזוי האט מען געזאגט צו משה פון דעם הימעל: „עס איז נאך איין שעה צו דיין מיתה", האט ער אנגעהויבען צו בענשען צו איטליכען שבט בעזונדער; דערנאך האט ער געזעהן, דאס די צייט איז קורץ, האט ער כל ישראל געבענשט אין איינעם. דערנאך האט מען צו משה געזאגט: „עס איז נאך א האלבע שעה צו דיין מיתה". האט ער אנגעהויב'ן מחילה בעטען פון די ישראל און האט געזאגט: „איך האב אייך פיעל מאל מצער געווען מיט תורה לערנען, זייט מיר מוחל". און זיי זאגען אויך: „זיי אונז מוחל, וואס מיר האבען דיך פיעל מאל דערצערענט". דערנאך האט מען געזאגט צו משה'ן: „עס איז נאך איין רגע צו דיין מיתה", האט ער געזאגט: „ברוך שמו חי וקים לעולם ועד", געבליבען איז גאטס נאמען, וואס ער לעבט און בלייבט צו אייביג שטעהן", און משה האט געזאגט צו ישראל: „ווען איהר וועט קומען קיין ארץ ישראל, זאלט איהר מיך געדענקען". האבען די ישראל געזאגט:" ווי זאלען מיר דיך נישט געדענקען, דאס דו האסט אונז אזוי פיעל טובות געטהון?"

דערנאך האט מען צו משה געזאגט: „עס איז נאך א האלבע רגע צו דיין מיתה". האט ער געלייגט זיינע הענד אויף זיין הארצען און זאגט צו די ישראל: „די הענד, וואס האבען מקבל געווען די תורה, וועלען זיין בעגראבען אין דער ערד!". אזוי באלד איז איהם די נשמה אויסגעגאנגען און קיין מענש, און נישט קיין מלאך, האט איהם בעגראבען, נאר גאט אליין; און ער איז געשטארבען זיעבען טעג אין אדר, אין דעם טאג, וואס ער איז געבארען, דען גאט דערפילט די יאהרען פון די צדיקים פון טאג צו טאג".

אום צו געבען א פולשטענדיגען בעגריף וועגען דעם, ווי די אגדתא'ס זענען צוזאמענגעמישט מיט'ן טעקסט פון חומש אין דעם בוך, וואס מיר בעטראכטען יעצט, ווילען מיר צוגעבען, אז דריי ווערטער פון טעקסט, וועלכע דער אויטאר איבערזעצט אין יודיש (די ווערטער „לא תעבר את הירדן", דברים III, 27), גיבען איהם די מעגליכקייט צו דערצעהלען א נייע צרה, וועלכע בעציהט זיך אויך צו משה'ס טויט:

„גאט האט געזאגט צו משה: „דו וועסט נישט איבערפאהרען דעם ירדן און (אפילו) דיינע ביינער וועלען נישט איבערפאהרען דעם

ירדן״ .האָט משה געזאָגט : „(רבוני של עולם) , וואָס בין איך ערגער פון יוסף (הצדיק), וואָס מען טראָגט זיינע ביינער קיין (ארץ ישראל) ?״ האָט גאָט צו איהם געזאָגט : „דו האָסט פערלייקענט דיין לאַנד ; אַז דו ביזט געקומען צו יתרו , האָבען זיינע טעכטער געזאָגט : איין (מצרי) האָט אונז (מציל) געווען פון די פאַסטעכער , און דו האָסט גיהערט , ווי מען רופט דיך (מצרי) , און די האָסט געשוויגען אין האָסט נישט געזאָגט , אַז דו ביזט איין (יהודי). דערום ביזט דו נישט (זוכה) צו קומען קיין (ארץ ישראל) ; אָבער יוסף האָט געזאָגט צום (שר המשקים) : „איך בין געוואָרען גע׳גנב׳עט פון דעם לאַנד פון (יהודים) און האָט זיין נאָמען נישט פערלייקענט , דאָס ער איז איין (יהודה) , דערום האָט ער (זוכה) געווען צו בעגראָבען ווערען אין (ארץ ישראל)״ . 1)

די לעצטע אַגדה איז האַראַקטעריסטיש פאַר פיעלע אַנדערע , וועלכע זענען דאָ מאַסענווייז אין בוך און זענען אַלע דורכגעדרונגען מיט׳ן זעלביגען גייסט פון גזע־שטאָלץ און אָפּפער־פעהיגקייט . דאָס איז בעשטימט , אַז פאַר די לעצטע דריי יאָהרהונדערטע האָט דאָס בעשיידענע בוך „צאינה וראינה״ , מעהר פאַר אַנ׳אַנדערע מיטגע־ווירקט, דאָס עס זאָל זיך פערפעסטיגען אין פערשטאַרקען דאָס געפיהל פון יודישער איינגקייט ביי דער יודישער פרוי אין אייראָפּע און , דורך דער פרוי , אויך ביים יודישען פאָלק אין גאַנצען און אין אַל־געמיין .

צוגלייך מיט דעם „באָבא־בוך״ און דעם „צאינה וראינה״ מוז דערמאָנט ווערען אויך אַ דריטעס בוך , וואָס האָט אַרויסגערופען אַ זעלטענעם אינטערעס , בשעת עס איז ערשיענען ; און אויב זיין ער־פאָלג קען מען נישט פערגלייכען מיט דעם, וואָס ס׳האָט געהאַט דאָס צווייטע בוך , שטעהט ער יעדענפאַלס נישט נידעריגער פון דעם ערשטען ווערק .

---

1) פון דעם טעקסט , וואָס געהערט צום סוף פון XVI-טען יאָהרהונדערט , קען מען זעהען , דאָס שוין דאַמאָלס איז דער העברעאישער עלעמענט אין יודיש-דייטש געווען גאַנץ שטאַרק . בעזונדערס בעמערקט מען , אַז דער העברעאישע עלע-מענט ווערט צאָהלרייך אין די ערטער, וואו עס ווערט בעטראַכט און ערקלערט אַ פסוק חומש , און דערפון קען מען זיך אָבגעבען אַ חשבון , וויפיעל די ביבלישע און אַנדע-רע איבערזעצונגען האָבען מיטגעהאָלפען ביים אַריינברענגען דעם העברעאישען עלע-מענט אין יודיש-דייטש (די לשון קודש׳דיגע ווערטער האָבען מיר איינגערינגעלט) .

צוגלייך מיט דעם „באָבאָ־בוך” און מיט דעם „צאינה וראינה” מוז דערמאָהנט ווערען אויך אַ דריטעס בוך, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ זעלטענעם אינטערעס, בשעת עס איז ערשיענען; און אויב זיין ערפאָלג קען מען נישט פערגלייכען מיט דעם, וואָס ס'האָט געהאַט דאָס צווייטע בוך, שטעהט ער יעדענפאַלס נישט נידריגער פון דעם ערשטען ווערק.

מיר מיינען דאָס מעשה־בוך, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1602־טען יאָהר אין באַזעל. דער פערפאַסער אָדער געבער דער קאָמפּילאַטאָר פון דעם בוך, דער נאָמען פון וועלכען ס'איז אונבעקאַנט, זאָל זיין, ווי מען רעכענט, אַ יוד פון מעזשעריטש (ליטוי), וועלכער איז מסתמא, אין לעצטען פיערטעל פון XVI־טען יאָהרהונדערט, אַריבערגעפאָהרען קיין מערב־דייטשלאַנד 1). יעדענפאַלס, ווי מען קען זעהען פון דער פאָררעדע, איז זיין ווערק געווען אויפ'ן ערשטען פלאַן בעשטימט פאַר די לעזער אָדער פיעלמעהר פאַר די יודישע לעזערינס פון דעם לאַנד. דער מחבר פאָדערט דאָרטען אויף „די ליעבע פרויען”, זיי זאָלען קויפען זיין בוך וואָס גיבער, ווייל „ער קלייבט זיך אָבצופאָהרען אין אַנדערע לענדער, קיין בעהמען, רוסלאַנד און פוילען”.

דאָס ווערק איז אַ זאַמלונג פון פערשיעדענאַרטיגע געשיכטען פון דער יודישער פאָלקס־פּאָעזיע, אַרויסגענומען פון אגדתא און קבלה. די צאָהל פון די מעשות איז מעהר ווי דריי הונדערט. נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס זייער אינהאַלט איז פערשיעדען, ווי פערשיעדען עס זענען די קוועלען, פון וואַנען דער פערפאַסער האָט זיי געשעפּט, האָט דאָס בוך דאָך איין כאַראַקטער און איז איינוג אין זיך. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער אונבעקאַנטער קאָמפּילאַטאָר פון די אַלע מעשות האָט זיי אַלעמען צוגעגעבען איין און דעמזעלבען גייסט, דערצעהלענדיג זיי אַלע מיט דעם זעלבען איינפאַכען, נאַטירליכען, שטענדיג גלייכען טאָן, פריי פון יעדער געקינסטעלטקייט. די ערשטע אויסגאַבע איז זיך גיך פונאַנדערגעגאַנגען און נייע אויסגאַבען זענען ערשיענען איינע נאָך די אַנדערע, אָהן בעדייטענדער אונטערברעכונג. אין 1612־טען יאָהר האָט דאָס בוך געהאַט די עהרע איבערזעצט צו ווערען אין דייטש דורך אַ גיעסען'ער פּראָפעסאָר 2).

---

1) וויענער, אויבען ציטירט, ז. 4; קאַפּעלעס, אויבען ציטירט.

2) וויענער, אויבען ציט., ז. 42, בעמ. 1. — מ. שטיינשניידער, יודישע

דאָך איז דאָס בוך נישט געווען אַזוי בעריהמט ווי „צאינה וראינה“ און „באָבאָ-בוך“, און איצט איז עס געוואָרען אַ ביבליאָגראַפישע זעלטענהייט 1).

די דריי ביכער, וועלכע מיר האָבען אָנגערופען אַלס די פּאָפּולערסטע אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער יודיש-דייטשער ליטעראַטור, שטעלען פאָר מיט זיך אַם בעסטען דעם הויפּט-חאַראַקטער פון דער גאַנצער עפּאָכע. זייערע מחברים שטאַמען, ווי מיר האָבען געזעהן, איינער פון איטאַליען, דער אַנדערער פון דייטשלאַנד, דער דריטער פון פּוילען. פון דעם איז קלאָר, אַז דאָס איז נאָך געוועזען אַזאַ צייט, ווען אויף יודיש-דייטש זענען געשאַפען געוואָרען ווערק, ווי אין דייטשלאַנד, אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו ס'האָבען נאָר געוואוינט די דייטשע יודען. ערשט צום סוף פון XIX ווערט עס אַנדערש: דאַן ווערן די יודיש-דייטשע ווערק געשאַפען כמעט אויסשליסליך נאָר אין די לענדער, וואו עס וואוינען די „פּוילישע“ יודען.

די אויבענדערמאָהנטע דריי ווערק שטעלען נישט נאָר פאָר מיט זיך דעם חאַראַקטעריסטישען שטריך פון דער דאַמאָלסטיגער עפּאָכע, אַז די יודיש-דייטשע ליטעראַטור איז דאַמאָלס געשאַפען גע-

---

ליטעראַטור, העברעאישע איבערז. 1897, ז. 405.

1) גרינבוים אין זיין יודיש-דייטשער חרעסטאָמאַטיע, לייפּציג, פּ. א. בראָקהויז, 1882, ציטירט צוויי אויסגאַבען פון מעשה-בוך. די ערשטע איז פּערעפּענטליכט אין ווילמערסדאָרף (דאָס יאָהר איז נישט אָנגעוויזען), די צווייטע איז פּערעפּענטליכט אין רעדעלהיים אין 1553. דער גאַנצער נאָמען פון דער לעצטער אויסגאַבע איז זעהר חאַראַקטעריסטיש: „מעשה-בוך וואָ אָריגען פיעל וואונדערליכע שעהנע מעשות אויס דעם זוהר און אַנדערע קבלה ספרים געצויגען זענען, דאָס איהר ניט האַבט מוט מעינען, עס דאַרף זיך קיין למדן אויך ניט שעהמען, אוים דעם מעשה-בוך צו לייען, וועלכעס מיט דריי הונדע־ט און פיער און פופציג אַנדערע מעשות זיך קיין ערמויען... דעסט וועגען איהר לייט, קומט ביי־צייט, און קויפט עס מיט לוסט און פרייד, דאַ מיט איר אין דער יראה מעכט געראַטען, דאָ מיט הקדוש ברוך הוא בעהענד שיקען מעכט זיין באַטען און אונז אויס דיען גלות ציעהען, און מקרב דאָס קץ זיין. — אַן׳אויספיהרליכע דאַרלעגונג פון די מעשות פון מעשה-בוך צווישען וועלכע איניגע שטאַמען פון דייטש, געפינט זיך אין גרינבוים׳ס חרעסטאָמאַטיע, וועלכע מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, ז. 387-458.

וואָרען אומעטום, נאָר זיי דריקען אוים צוגלייך אויף אַ קלאָרען און שאַרפען אופן דעם גייסט און די טענדענץ פון די ווערק, וואָס זענען איבערהויפּט ערשיענען אין יענער עפּאָכע. פּונקט ווי „צאינה וראינה”, דאָס „באָבאָ-בוך” און „דאָס מעשה-בוך”, זענען אויך די מייסטענס ביכער פון דער דאָזיגער עפּאָכע אין דער אמת'ן מוסר-ספרים, איבערזעצונגען פון ת"נך און דינים, זאַמלונגען, אָריגינעלע אָדער איבערזעצטע פון העברעאיש, אין וועלכע מען קען געפינען פערשיעדענע דינים, וועלכע זענען בעזונדערס נוגע דער פרוי און וועלכע זי מוז זיי וויסען, ווייל, לויט זייער כאַראַקטער, בעציהען זיי זיך צו דעם פרויען-לעבען. פון דער אַנדערער זייט, געפינען מיר דאָן אַ ליטעראַטור, אַ פאָלקלאָרישע, פול מיט מעשות און ערצעהלונגען, וועלכע זענען אַרויסגענומען געוואָרען פון דער וועלטליכער נישט-יודישער ליטעראַטור, און אָפט זענען זיי גאַנץ איינפאַך אָבגעשריבען בוכשטעבליך פון דייטשען אָריגינאַל מיט העברעאישע ביכשטאַבען. אין דער שוין פריהער דערמאָהנטער פאָררעדע צו דעם מעשה-בוך געפינט דער מחבר פאַר נויטיג צו ווייזען, אויף וויפיעל זיין ווערק, די מעשות פון וועלכען ס'זענען אַרויסגענומען געוואָרען פון אגדתא, שטעהט העכער פאַר די ביכער פון קיהען און די פאָעמאַן פון דיעטריך פאָן בערנע און פאַר דעם מייסטער הילדאַבראַנד, וועלכע זענען פוסט און נאַריש און זיי זענען נישט ווערט מען זאָל זיי לעזען.

מעשות פון דעם סאָרט זענען געווען זעהר פיעל און זעהר פּאָפּולער. צוגלייך מיט דעם „באָבאָ-בוך” און מיט די מעשות, וועלכע עס ברענגט דער מחבר פון מעשה-בוך, דאַרף מען נאָך אָנרופען אַלס די מעהר פּאָפּולערע, „די מעשה מיט פאָרטונאַטוס, מיט זיין בייטעל און מיט זיין כשוף-היטעל” (1696), „ליעבשאַפט פון פלאַרוס אונד בלאַנקפלער” (1714), די מעשה מיט'ן ריטער סיגיזמאַנד און מיט מאַדעלענען” (1717), עטליכע מעשות פון באָקקאַטשיאָ, איבערזעצטע אין 1710-טען יאָהר, און אַנדערע פון זעלביגען מין.

די ריין-יודישע מעשות און לעגענדען זענען אַמאָל אויך נישט מעהר ווי איינפאַכע איבערזעצונגען פון העברעאיש, דאָך זענען זיי מעהרסטענטיילס ווירקליך געשאַפען אין יודיש-דייטש. פון די לעצטע זענען איינינע, הויפּטזעכליך די, וועלכע דערצעהלען אונז וועגען לע-

בען און די מופתים פון דעם גרינדער פונ'ם חסיד'יזמוס 1) און פון זיינע נאכפאלגער, — זעהר וויכטיג פאר דער געשיכטע פון דער יודיש=דייטשער ליטעראטור. די מעשות זענען געשריבען אין אנ'איינפאכען און נאאיווען טאן, זענען דורכגעדרונגען מיט אנ'אבסאלוטען גלויבען אין דער אלמעכטיגקייט פונ'ם צדיק; און זיי פיהלט זיך דער אטעם פון א מיסטישער פאעזיע און א פאנטאסטישער פילאזאפיע. לעזענדיג די מעשות, געפינט מען דעריבער — אין זיי אפט חאטש זייער פארם איז נישט גלענצענד — א בעזונדערע שענקייט, און זיי מאכען א שטארקען איינדריק אפילו אויף דעם לעזער פון דער היינטיגער קיל טורעלער צייט. די יודיש=דייטשע ראמאנטישע בעוועגונג, פון וועלכער י. ל. פרץ 2) איז דער הויפט=פארשטעהער, האט געפונען איהר בעגייסטערונגס=קוואל און איהר נאכאהמונגס=אביעקט 3) טאקע אין די מעשות.

די איבערזעצונגען פון תנ"ך פערנעהמען א ספעציעלען ארט צווישען די ווערק פאר דעם ערשטען פעריאד פון דער יודיש=דייטשער ליטעראטור, דעם פעריאד, וועלכער ווערט אפט בעצייכענט,

---

1) די חסידישע סעקטע איז געגרינדערט געווארען אין 18-טען יאהרהונדערט. אויספיהרליכער זעהט וועגען דעם אין דעם ווייטערדיגען קאפיטעל וועגען פרץ'ן.

2) זעהט ווייטער דעם ארטיקעל וועגען פרץ'ן, אלס פראזאיקער.

3) צווישען די מעהר וויכטיגע מעשה-ביכער דארפען מיר רעכענען די „שבחי בעל-שם-טוב", פערעפענטליכט געווארען צום ערשטען מאל אין 1815 יאהר און זייען דעפנאך ערשיענען אין מעהרערע אויסגאבען; „ספר ספורי מעשיות", אין וועלכען ס'ווערט דערצעהלט, ווי אין די „שבחי בעש"ט", וועגען דאס לעבען פון דעם גרינדער פונ'ם חסידיזמוס און פון איניגע פון זיינע תלמידים (ווארשא 1881). זעהר א גרויסע ווירקונג אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער יודיש-דייטשער ליטעראטור האבען געהאט די מעשות פון ר' נחמן ברעסלעווער, וועלכע זענען צוזאמענגעקליבען און ארויסגעגעבען געווארען דורך די תלמידים פון דעם חסידישען רבי (ספר ספורי מעשיות מה שזכינו לשמוע מפי הר"ן). די אויסגאבע, וועלכע מיר האבען פאר אונזערע אויגען איז ערשיענען אין ווארשוי אין 1903. זעהט אויך י. ל. פרץ, „רב נחמן'קעס מעשות" אין דער יודישער ביבליאטעק. — מארטין בובער, די „מעשות פון ר' נחמן, נאכערצעהלט נאך איהם", פראנקפורט-אם-מיין 1906 אויסגאבע ליטערארישע אנשטאלט. — מארטין בובער, „די לעגענדע וועגען בעל-שם", פראנקפורט-אם-מיין 1908, אויסגאבע ליטערארישע אנשטאלט.

אַלס אַ פעריאָד פון דער הייליגער ליטעראַטור, הויפּטזעכליך, ווייל דאַן איז ערשיענען אַ פערהעלטניסמעסיג זעהר בעדייטענדע צאָהל פון רעליגיעזע ווערק 1).

די קריסטליכע מיסיאָנערען, וועלכע בענוצען זיך היינט זעהר אָפט מיט דער פאָלקס-שפּראַך פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישען יודען, זענען געווען די ערשטע, וועלכע האָבען זיך געגעבען די מיה צו מאַכען דעם חומש און תנ"ך ווידער צוגענגליך פאַר די ברייטע פאָלקס-מאַסען. די ערשטע איבערזעצונג 2) פונ'ם חומש, פון די פינף מגילות און פון די הפטרות איז געמאַכט געוואָרען דורך דעם משומד מיכל אדם 3) און איז פערעפענטליכט געוואָרען דורך פּויּלוס פאַגיוס אין 1544, אין קאָנסטאַנץ.

אין אַ זעהר לאַנגער פאָררעדע דערצעהלט אונז דער איבערזעצער די מאָטיווען, וואָס האָבען איהם געשטיפט זיך צו נעהמען פאַר אָט דער אַרבייט. אַזוי ווי ס'זענען פאָרגעקומען מעהרערע רדיפות

---

1) א. שולמאַן, אויבען ציטירט, ז. VII.

2) מיר ווייזען דאָ אָן, אַז שוין אין 1534-טען יאָהר, ד. ה., מיט צעהן יאָהר פאַר דער פערעפענטליכונג פון מיכל אדם'ס איבערזעצונג, איז ערשיענען אַ קאָנקורדאַנציע פון חומש, וואו אַלע העברעאישע ווערטער זענען איבערגעזעצט אויף יודיש-דייטש, אין קראָקוי פון דעם אָרטיגען רב, ר' אַנשיל. די קאָנקורדאַנציע, וועלכע רופט זיך „מרכבת המשנה" און איז צום ערשטען מאָל ערשיענען אַנאָנים, איז דערנאָך אַרויס אין אַ צווייטער אויפלאַגע, אין 1584, אין דערזעלבער שטאָדט, אונטער אַ נייען נאָמען: ספר של ר' אנשיל. אין דער הקדמה זאָגט דער מחבר, אַז ער האָט צוזאַמענגעשטעלט די קאָנקורדאַנציע, אום צו געבען יעדען פאָלקס-מענשען די מעגליכקייט צו לערנען חומש, אַליין און די קינדער זיינע, אפילו די מוטערס און די שוועסטער קענען בשעת הדחק זיך בענוצען מיט דעם ספר, אום צו לערנען חומש מיט זייערע זיהן און קליינע ברידערלעך. זעהט גרינבוים, אויבען ציט. — גידעמאַן, קוועלשריפטען פאַר די געשיכטע כון דער ערציהונג א. א. וו. 240, 220. — ג. קאַרפּעלעס, אויבען ציט. — ש. דובנאָוו, „די מוטער-שפּראַך פון די פוילישע יודען ווי אויך ליטווישע אין XVI-טען און XVII-טען יאָהרהונדערט" (רוסיש), אין דער דריימאָנאַטשריפט „עוורעסקאַיאַ סטאַרינאַ", ס"ט פּעטערבורג, 1909, ז. 31-34.

3) די איבערזעצונג פון מיכל אדם האָט מען אַ לענגערע צייט געהאַלטען פאַר אַן אַרבייט פון אליהו לעוויטאַ (צ. ב. ע. מענדעלסאָן אין זיין פאָררעדע צו דער איבערזעצונג פון חומש). זעהט וועגען דעם מ. שטיינשניידער אין דער צייטונג זרפים, 1860, ז. 120.

און עס זענען פיעל קהלות צושטערט געוואָרען און זייערע איינוואוינער האָבען זיך צוזייט און צושפּרייט, און מאַסען יודען, וואָס וואוינען אין די דערפער, האָבען נישט די נויטיגע מיטלען צו האָבען אַ מלמד פאַר זייערע קינדער, וועלכע וועלען אויף אַזאַ אופן אויפוואַקסען עם הארצים. דערום האָט ער זיך גענומען פאַר דער יודיש-דייטשער איבערזעצונג פון חומש, וואָס וועט געבען יעדען פאָטער, ווען ער קען נאָר לעזען, די מעגליכקייט אַליין איינצולערנען די קינדער דעם חומש-טייטש. מען צווייפעלט אָפט אין דער אויפריכטיגקייט פון מיכל אדם 1), אָבער, וועלכע מאָטיווען ס'זאָלען נישט געוועזען זיין, קען מען נישט לייקענען, אַז ער האָט אויפגעטאָן זעהר אַ נוצליכע אַרבייט, די ווירקונג פון וועלכער ס'איז אויף דאָס דאַמאָלסדיגע פובליקום געוועזען זעהר וויכטיג און גרויס 2).

נאָך אַן איבערזעצונג פון תנ"ך איז אויך געמאַכט געוואָרען דורך אַ משומד און איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין דעמזעלביגען יאָהר אין אויגסבורג 3). דער איבערזעצער פּוילוס אַמיליוס האָט עס אונטערנומען, ווי ער ערקלערט עס אין אַ ווידמונג-שריפט 4), אונטער אַנדערע מאָטיווען, אויך איבער דעם, וואָס ער האָט געוואָלט ווייזען די קריסטען, „אַז זיי האָבען אַ ביטערען טעות, ווען זיי רעכענען, דאָס די יודען פון זייער צייט רעדען נאָך העבּרעאיש". די אויגסבורגער איבערזעצונג איז שטאַרק בענוצט געוואָרען אין אַ צווייטער אויפלאַגע, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין קרעמאָן אין 1560 דורך דעם יודען לייב ברעש אָדער ברעשט, אַ געבוירענעם אויס פּוילען. צוגלייך מיט דער טעקסט-איבערזעצונג האָט דער אי-

1) אַ. שולמאַן, אויבען ציט., ז. 6.

2) מ. שטיינשניידער, יודישע ליט., העברע. איבערז., 1887, ז. 378.

3) אָט איז דער דייטשער נאָמען פון דער איבערזעצונג, (עס איז דאָ אויך אַן העבּרעאישער): „די פינף ביכער משה'ס אויס דעם העברעאישען פאַן וואָרט צו וואָרט, נאָך דער יעצטיגען יודען אַרט, אין די דייטשע שפּראַך געבראַכט, און דאָך מיט העבּרעאישען בוכשטאַבען געדרוקט, אַללערדינגס וויע די יודען זי דורך גאַנטץ יאָר אין די וואָכען אויסטאַילען, מיט זאַמפּט דען קאַפּיטלען, אויס אַללען פּראָפעטען אַרויס-געצאָגען, וועלכע זי דאַרצו נעהמען" (ציטירט נאָך גרינבוים, אויבען ציט. ז. 12).

4) די ווידמונגס-שריפט איז איבערגעדרוקט אין פּרענקעל-גרעטץ'ישער מאָנאַטס-שריפט, ז. 350 און פאָלגענדע. צוגלייך וועגען פּוילוס אַמיליוס, זעהט אַ. שולמאַן אויבען ציטירט, ז. 8, בעמ. 1.

בערזעצער נאך געגעבען אן איבערזעצונג פון איינצעלנע ווערטער, אין צוגלייכער צייט אויך שטיקלעך פון רש"י, איבערזעצטע אין יודיש=דייטש, א צווייטע אויפלאגע פון דעם ווערק איז ערשינען אין באזיל אין 1583=טען יאהר, און די דריטע, מיט נישט וויכטיגע איבעבעסערונגען, איז ארויס אין דערזעלבער שטאדט אין 1603 1).

אין 1608=טען יאהר האט דער בעריהמטער רב, יצחק בן שמעון הכהן פון פראג (געשטארבען 2461 אין פראג), פערעפענטליכט א נייע איבערזעצונג פון חומש, אין וועלכער מיר געפינען אויך שטיקלעך פון דער אגדתא. די איבערזעצונג, וועלכע איז בעקאנט אונטער'ן נאמען „טייטש=חומש", איז אין איהר צייט געוועזען זעהר פאפולער ביים יודיש=דייטשען עולם 2). די צווייטע אויפלאגע איז ערשינען אין פראג 1610, אין צוויי יאהר ארום נאך דער ערשטער. א דריטע אויפלאגע, מיט בעדייטענדע אומענדערונגען אין טעקסט פון טייטש=חומש, איז ארויס ערשט אין 1691 אין פראנקפורט אויפ'ן מאין א דאנק דער מיה פון דעם פערפאסערס אנ'אייניקעל 3). באלד האט אבער דער „צאינה וראינה" ארויסגעשטויסען פון פאלק אלע אנדערע איבערזעצונגען, וועלכע זענען פערעפענטליכט געווארען.

צוגלייך מיט'ן חומש האט מען אויך אנגעהויבען באלד איבערצוזעצען אנדערע טיילען פון תנ"ך אין יודיש=דייטש. אין 1545 איז אין ווענעדיג פערעפענטליכט געווארען די נאך איצט אפילו בעריהמטע איבערזעצונג פון תהלים דורך אליהו לעוויטא, דעם מחבר פון באבא=בוך 4). אין 1544 איז ארויסגעגאנגען א איבערזעצונג אין גראמען פון שמואל א' (אין אויגסבורג), וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר שענער שפראך. די פסוקים זענען געשריבען

---

1) א. שולמאן, אויבען ציט., ז. 9-10.

2) שפעטער האט מען יעדע איבערזעצונג אין יודיש-דייטש פון חומש גערופען „טייטש-חומש", און מאנכע מישען נאך היינט צונויף דעם „טייטש-חומש" מיט דעם „צאינה וראינה", וואס איז ערשינען פריהער, ווי מען רעכענט, סוף 16-טען יאהרהונדערט.

3) אין דער דאזיגער אויפלאגע זענען נור ערשינען די ערשטע צוויי ביכער פון חומש. זעהט אליעזר שולמאן, אויבען ציטירט, ז. 11-12.

4) ספר תהלים, געמאכט אין טייטשע שפראך דורך אליהו בחור אשכני, וועניציג, 1545.

אין גראַמען אין צו זיי זענען צוגעפּאַסט ספּעציעלע מעלאָדיען, אים מען זאָל זיי קענען מוזיקאַליש דעקלאַמירען. די פּאָפּולאַריטעט פון דער איבערזעצונג איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זי האָט אַרויסגערופען פיעל נאָכאַהמונגען, און כמעט יעדערער פון די שפּעטערדיגע איבערזעצער געפינט פאַר נויטיג צו בעמערקען און ערקלערען, דאָס זיין איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען נאָך די גראַמען און מעלאָריען פון „בוך שמואל” 1). דער מחבר פון „צאינה וראינה” האָט אויך געשאַפען אַנ'איבערזעצונג פון די נביאים וכתובים, וועלכע איז ציזאַמענגעשטעלט אין זעלביגען גייסט, ווי זיין ערשטעס בוך. זי איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „המגיד” (פּראָג 1576). זי האָט אויסגעהאַלטען איינינע אויפלאַגען און איז אויך געווען געוויסערמאַסען פּאָפּולער 2). דאָך קען מען דעם ערפאָלג פון דעם ווערק אַבסאָלוט נישט פערגלייכען מיט'ן ערפאָלג, וואָס ס'האָט געהאַט די חומש=איבערזעצונג פון דעם זעלביגען פערפאַסער.

אַ פאָלשטענדיגע איבערזעצונג פון ת"נך איז געמאַכט געוואָרען נישט פריהער, ווי צום סוף פון XVII=טען יאָהרהונדערט. איינע פון יקותיאל קליטץ (1676, ביים דרוקער אורי וויוואויש) און נאָך איינע פון יוסף וויטצענהויזען (1676, ביים דרוקער יאָזעף עטיאַש) זענען פערעפענטליכט געוואָרען אין פערלויף פון דריי יאָהר, ביידע אין אַמסטערדאַם. די איבערזעצונגען אָבער זענען דעם עולם נישט זעהר געפעלען געוואָרען, ווייל אין זיי איז איבערגעגעבען געוואָרען נאָר דער פסוק פון תנ"ך אָהן פּרושים, ווי אויך אָהן אגדתא, און דערפאַר איז פון זיי קיין צווייטע אויפלאַגע נישט אַרויס, מען האָט עס נישט פערלאַנגט 3).

אין 1711=טען יאָהר איז וויטצענהויזען'ס איבערזעצונג אָבגעדרוקט געוואָרען מיט דייטשע בוכשטאַבען אין דער Biblia pentala 4), אַלס די „יודיש=דייטשע”, צוגלייך מיט דער קאַטוילישער, רעפאָרמירטער, לוטהער'ישער און האָלענדישער איבערזעצונג.

צו דער זעלבער צייט פון די ערשטער תנ"ך=איבערזעצונגען,

1) א. שולמאַן, אויבען ציט. ז. 17-19.

2) דאָס זעלבע ווערק, ז. 37-38.

3) אויסצוגען פון די צווי איבערזעצונגען זענען געגעבען ביי גרינבוים'ען, אויבען ציט., ז. 102-106 און ביי אליעזר שולמאַן, אויבען ציט. ז. 46-48.

4) פערעפענטליכט אין וואַנסבעק. זעהט גרינבוים, אויבען ציטירט, ז. 19.

הויבען אָן צו ערשיינען אויך איבערזעצונגען פון סדורים. די איבערזעצונג פון יוסף בן יקר איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1544-טען יאָהר אין איכענהויזען איין יאָהר פאַר לעוויטאַ'ס „תהלים", מיט וועלכען עס שטימט איין זיין אָרטאָגראַפיע און אָפט אויך די איבערזעצונג פון איינינע קאַפּיטלעך „תהלים", וואָס געהען אַריין אין סדור, אַלס אַ טייל פון דאַווגען 1).

דער מחבר דערצעהלט, אַז ער האָט זיך גענומען פאַר דאָס ווערק דערפאַר, ווייל צווישען די, וואָס דאַוונען אויף העברעאיש, פערשטעהט אפשר איינער פון טויזענד דעם טייטש פון די ווערטער, וואָס ער זאָגט (דעם פּרוש המלות).

אין אָנפאַנג פון XVIII-טען יאָהרהונדערט (1709) האָט איינער אַ געוויסער אהרן בן שמואל, געבוירען אין האַגערסהויזען (העסען), פערעפענטליכט די „לייבליכע תפלה אָדער קרעפטיגע אַרצעניי פאַר גוף און נשמה" אַ זאַמלונג פון תפלות אין יודיש-דייטש, מעהר אָריגינעלע ווי איבערזעצטע 2). אין דער פאָררעדע פון דער זאַמלונג ווייזט זיך דער מחבר אַרויס פאַר אַנ'איבערגעגעבענעם אָנהענגער פון יודיש-דייטשע תפלות. נאָר די אפיקור'סישע געדאַנקען האָבען באַלד אַרויסגערופען געגען איהם דעם כעס און פערפאָלגונגען פון די רבנים 3). דאָס בוך האָט מען פערבאָטען צו האַלטען און פון דאַמאָלס אָן האָט שוין מעהר קיינער נישט ערלויבט זיך אַריינצוברענגען די יודיש-דייטשע איבערזעצונג אין די לשון קודש'דיגע תפלות. העברעאיש איז געבליבען די איינציגע אָנערקענטע שפּראַך פאַר'ן דאַווגען, העברעאיש איז געבליבען די אמת הייליגע שפּראַך. דאָס איינ=

1) דער גאַנצער נאָמען איז דער פאָלגענדער: „קאָמט העך איר פראָמען פרויען, דאַ ווערט איר היפּש דינג שאויען, איר ווערט עס וואָל געוואָר, איין תפלה פאָם גאַנצען יאָהר, וואָל פערטייטשט און בעשיינדליך, דרום קאָמט און קויפט ווייבליך, איר ווערט זי זונסט פאַר זוימען, דען זי וואַקסען ניט אויף דען בוימען; אויך איז זי ניט צו טייער, אום איין קראָנען איז זי אויער; און עטוואָס נעהר האַלט איר אייך שטאַרק, געדרוקט צו איכענהויזען אין דעם מאַרק, אין דעם יאָר זאָ מאַן צעלט דריי הונדערט און פיער, גאָט העלף אונז, דאָס מיר זי פאלענדען שיער. (ציטירט נאָך גרינבוים'ס חרעסטאָמאַטיע, ז. 295-320, וואו עס זענען אויך אָנגעגעבען געוואָרען אויסצוגען פון דער סדור-איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט דורך יוסף בן יקר.

2) אויסצוגען זענען געגעבען ביי גרינבוים, אויבען ציט. ז. 321-324.

3) ג. קאַרפּעלעס, אויבען ציט. ז. 1014-1015.

ציגע, וואָס די אָנהענגער פון דער אידעע, מען זאָל דאַוונען אויף דער מוטער-שפּראַך, האָבען זיך ערלויבט צו טאָן, איז געווען, דאָס זיי האָבען צוגעגעבען צו דער אָפיציעלער העברעאישער תפלה נאָך אַנ׳אַנדער תפלה אין דער שפּראַך פון אַ גאַנץ יאָהר. אַזוי האָט צ. ב. ר׳ נחמן בּרעסלעווער, דער בּעריהמטער חסיד׳ישער רבּי 4), אַנ׳עצה געגעבען זיינע תלמידים, „זיך צוזאַמענקלייבען אלע טאָג האָטש אויף אַ שעה צייט, און אין דער צייט דאַוונען נאָר אויף יודיש-דייטש, ווייל אין העברעאיש וועט זיי זיין שווער אויסצודריקען אַלעס דאָס, וואָס זיי ווילען אַרויסזאָגען, און ווייל, מען קען נישט און מען פערשטעהט נישט די שפּראַך, פיהלט דאָס האַרץ נישט די ווערטער, וועלכע ווערען אַרויסגעזאָגט אויף דער שפּראַך."

---

1) די בּעציהונג פון די אָנפיהרער פון דער חסידישער בּעוועגונג צו דער ליטעראַטור אין דער פאָלקס-שפּראַך איז אין אַלגעמיין, און פון ר׳ נחמן בּרעסלעווער אָנהויבּענדיג, געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיהל פון טיעפער סימפּאַטיע. דער רבּי דוב-בּער, אַ זוהן פון ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, איינער פון די גרעסטע חסידישע אויטאָריטעטען, האָט אַליין געשאַפען אַ „מוסר-ווערק" אין יודיש-דייטש, וועלכעס איז, לויט דער מיינונג פון אויטאָר, בּעשטימט ניט נאָר פאַר פּראָסטע מענשען, נאָר אויך פאַר לומדים. דערבּיי גיט ער צו, אַז „דאָס, וואָס ווערט גערעדט אויף דער מוטער-שפּראַך געפינט לייכטער אַ וועג צום האַרצען" (פּ ק ח ע ו ר י ם, אַרויסגעגעבען אין פיעל איינציגע אויסגאַבען און אַלס אַ בּיילאַגע צו געוויסע סדורים-אויסגאַבען). מיר האָבען שוין פריהער אויסגערעכענט זאַמלונגען פון חסידישע מעשות; דאָ ווילען מיר נאָך בּעמערקען, אַז חסידישע ספרים אין יודיש-דייטש זענען געווען די ערשטע אויף דער לאַנדס-שפּראַך, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרען מיט געוועהנליכע העברעאישע בּוכשטאַבען (בּיז דאַן האָט מען זיך בּענוצט פאַר יודיש-דייטשע בּיכער מיט אַ ספּעציעלער שריפט, וועלכע אונטערשיידט זיך פון דער רבּנישער שריפט, און איז בּעוואוסט מיט דעם ספּעציעלען כאַראַקטעריסטישען נאָמען „ווייבּער-דייטש". די רעליגיעזע בּיכער אויף יודיש-דייטש ווערען נאָך יעצט אויך אַמאָל געדרוקט מיט די בּוכשטאַבען פון „ווייבּער-דייטש"). וועגען דער בּעציהונג פון די „מתנגד׳ישע" רבּנים, ווי אויך פון די חסידישע רבּנים, צו דער יודיש-דייטשער ליטעראַטור, זעהט די אונטערעסאַנטע בּעמערקונגען אין אַרטיקעל, וועלכען מיר האָבען שוין מעהרערע מאָל דערמאָנט, פון א. שולמאַן, ז. X-XI, און אין אַרטיקעל פון דעם זעלבּען אויטאָר „עמקי שפה", פּערעפּענטליכט אין השלח, בּ. IV ז. 106-108.

1) לקוטי רבּי נחמן, ז. 97. ציטירט פון ש. א. הררצקי, הגרן, (העברעאיש 1403), בּ. IV.

נאָר די פרויען, וועלכע זענען איבערהויפט נישט פערפליכ־
טעט, לויט דעם יודישען דין, צו דאַווענען, בענוצען זיך ביים דאַוו־
נען מיט די יודיש־דייטשע איבערזעצונגען, ווי אויך מיט די תפלות,
וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען אויף דער שפּראַך טאַקע, אויסש־
ליסליך פאַר זיי (התחנה). תפלות פון דעם מין עקסיסטירען פאַר
אַלע צופעלער און געשעהענישען פון מאַטעריעלען און רעליגיעזען
לעבען. זייער שעפּפונג איז נישט רעגלאַמענטירט און זייער צאָהל
וואַקסט וואָס פון טאָג. דער ליטעראַרישער ווערט פון די ווערק איז
זעהר נישט בעדייטענד; דער גרעסטער טייל פון זיי איז צוזאַמענגע־
שטעלט אויפ'ן זעלבען אופן און מען קען אין זיי מעהר זעהען די
שלעכטע מאַטעריעלע לאַגע פון זייער פערפאַסער, איידער זייער רע־
ליגיעזע בעגייסטערונג. דער מין: „תחינות" איז מסתמא ערשיענען
נישט פריהער ווי צום סוף פון XVI־טען יאָהרהונדערט 1).

נאָך אַ מין, וואָס האָט אויך אַ שייכות צו דער רעליגיעזער
ליטעראַטור, זענען די „מוסר־ספרים", וועלכע זענען זעהר פערשפרייט
אין דער יודיש־דייטשער ליטעראַטור. אין 1542־טען יאָהר איז
אַרויסגעגעבען געוואָרען דער „ספר המדות" (דאָס בוך פון גוטע זי־
טען), איבערזעצט פון העברעאיש. דער אַנאָנימער מחבר פון דעם
ספר, וועלכער האָט, פערשטעהט זיך, פריהער פאַר אַלץ געהאַט
אין זינען דעם וויבערשען עולם, האַלט פאַר זיין חוב צו געבען
איינינע ערקלערונגען וועגען זיין, יעדענפאַלס נייער, אונטערנעהמונג:
אָנווייזען די פרויען די פראַגען, וועלכע זענען נוגע צו דעם דין.
ער וויל אויך, זאָגט ער, בעמערקען אַז די ערקלערונג פון תלמוד,
לויט וועלכער ווייבער דאַרפען נישט לערנען, רעדט נאָר וועגען
תלמוד גופא; וועגען לערנען חומש און ספרים, וואו עס ווערן ער־
קלערט און בעהאַנדעלט זייערע פליכטען און אויפגאַבען, ווערט
דאָרטען נישט גערעדט. דאָס „בוך פון גוטע זיטען" האָט אַרויס־
גערופען נאָך זיך פיעל אַנדערע פון דעם זעלבען מין, מייסטענס
אויך איבערזעצטע פון העברעאיש. פון די אַנדערע דערמאָהנען מיר

1) א. שולמאַן אין זיין אַרטיקעל אין הזמן, 1203, ז. 66. — זעהט אויך
גרינבוים, אויבען ציטירט, ז. 328-335, וואו עס זענען ציטירט איינינע אַלטע תחינות.
איין תחינה מיט אַ רעליגיעזען גייסט, זעהר אַ טיעפען, און געשריבען אין אַנ'אמת
פּאָעטישער שפּראַך געפינט זיך אין דעם יודיש-דייטשען ראָמאַן שלמה ר' חיים'ס פון
ש. י. אַבראַמאָוויטש, ניו-יאָרק, פּובל. קאָמפּ., 1901, ז. 33-34.

דעם „חובת הלבבות“ פון רבינו בחיי, איבערזעצט אין 1609־טען יאָהר דורך אַ פרוי, רבקה טיקטינער (וועלכע האָט אויך געשריבען אַן אָריגינעל'ס ווערק וועגען די אויפגאַבען פון אַ פרוי, אונטער'ן נאָמען „רבקה'ס אם“), „קו הישר“ פון צבי הירש קוידענאָווער (1724), און ענדליך „שמחת הנפש“, וועלכער איז פערעפענטליכט געוואָרען אַנאָנים אין פראַנקפורט אויפ'ן מאַין אין 1706־טען יאָהר (די צווייטע אויפלאַגע איז אַרויס אין זאַלצבאַך אין 1718־טען יאָהר) 1).

די געשיכטע פון יודישען פאָלק, מיט זיין גרויסער פערגאַנגענהייט, מיט זיינע ליידען און שמערצען, וועלכע זאָגען עדות אויף גאָט'ס טרייהייט צו זיין אויסדערוועהלטען פאָלק, — אַזאַ מין טעמאַ האָט געזאָלט און געמוזט צוציהען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די מענשען, וועלכע האָבען געשריבען פאַר'ן המון, וואָס האָט אַלעמאָל ליעב און איז שטענדיג בעריים זיך אָבצולערנען און אָראָבנעהמען זיך אַ מוסר, לעזענדיג ווערק, וועלכע בעריהרען נאָהנט די יסודות פון זיין מאָראַלישען מהות. דעם יוסיפון, וואָס איז אַ מין חראָניק, אָנהויבענדיג פון ששת ימי בראשית ביז די רוימער האָבען איינגענומען ארץ ישראל 2), האָט מען איבערזעצט פון העבראַיש און פערעפענטליכט צום ערשטען מאָל אין 1546־טען

---

1) דער "שמחת הנפש" איז געוועזען זעהר פּאָפּולער. ער איז דערמאָנט, צווישען אַנדערע, אין „פויגעלע דער מגיד“ פון אַ. בערנשטיין (לייפציג, 1885, 4־טע אויפלאַגע, ז. 32) און אין בערטאָלד אויערבאַך'ס ראָמאַן „דיכטער און קויפמאַן“ (אויסג. 1885, ז. 54). ביי גרינבוים, אויבען ציטירט, ז. 188-230, זענען אָנגעגעבען אויסצוגען, ווי פון „שמחת הנפש“, אַזוי אויך פון אַנדערע ספרים פון דעם זעלבען מין.

2) דער יודיש-דייטשער איבערזעצער בעשטימט אין זיין הקדמה אויפען פאָלגענדען אופן דעם חאַראַקטער פון דעם בוך, וואָס ער איבערזעצט: „... צו דעם אַזאַ איז עס גאַר קורץ וועיליג צו לעזען, דען עס ווערדען דרינען דערצעלט מעשים, די געשעהען זיין פון ששת ימי בראשית אַן און ביז נאָך דעם חורבן בית שני; אויך זאָ ווערדען דאַרינען דערצעלט די גראָססען מלחמות די ער געשטריטען האָט דער גראָסמעכטיג קיניג אַלכסנדרוס מוקדון, ווי ער שיער די גאַניץ וועלט אונטער זיך מיט געוואַלט בעצוואונגען האָט“. א. א. וו. (ציטירט נאָך גרינבוים'ס חרעסטאָמאַטיע, ז. 345-357, וואו עס זענען אויך אָנגעגעבען אַנדערע אויסצוגען פון דעם זעלבען ספר). אַ פערקירצטע דאַרלעגונג פון יוסיפון איז געוועזען פערעפענטליכט דורך א י ד ע ל

יאָהר אין ציריך. אין 1548-טען יאָהר איז אין אַמסטערדאַם אַרויס-געגעבען געוואָרען די איבערזעצונג פון דעם שבט יהודה 1) פון יהודה אבן ווירגא 2). דער „שארית ישראל" פון מנחם מאַן, וואָס איז אַרויס-געגעבען געוואָרען צום ערשטען מאָל אין אַמסטערדאַם אין 1743-טען יאָהר, איז מעהר אַן׳אָריגינעלעס ווערק, ווי אַן׳איבערזעצונג. אין זיין הקדמה געפינט דער אויטאָר פאַר נויטיג צו ערקלערען דעם מאָד-נעם נאָמען פון זיין ספר. ער רופט עס אָן „שארית ישראל" (דאָס רעשטיל פון ישראל), ווייל ער רעכענט צו דערצעהלען דאָס, וואָס איז געשעהען מיט דעם איבעריגען טייל פון ישראל נאָכדעם, ווי די עשרת השבטים האָבען אַוועקגעוואַנדערט אין אונבעקאַנטע ערטער, אַזוי אַז ס׳זענען איבערגעבליעבען נאָר די שבטים יהודה און בנימין און אַ טייל פון דעם שבט לוי... אין תנ"ך איז געזאָגט געוואָרען (צפניה 3, 13), אַז „שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב" (די איבערגעבליבענע פון ישראל וועלען נישט טאָן קיין עולות און וועלען נישט זאָגען קיין ליגען), און דאָס איז אַן׳אמת געווען, נישט קוקענדיג אויף אַלע בעשולדיגונגען, וואָס מען וואַרפט אויף זיי אַרויף. פיעלע הייליגע קהלות האָבען זיך אָפט געשטעלט אין געפאַהר און זענען געגאַנגען על קדוש השם: זיי האָבען נישט געוואָלט זיך שמד׳ן און לייקענען אין גאָט. דער מחבר פערזיכערט, פאַרביינעהענ-דיג, אַז, געהערענדיג אַליין צו דעם שארית ישראל, האָט ער גאָר נישט געשטרעבט צו פערשענערן די זאַכען, ווען די יודען האָ-בען נישט געהאַלטען די טרייהייט צו גאָט. אין ספר געפינען מיר די געשיכטע פון די פערפאָלגונגען, וועלכע די יודען זענען אויס-געשטאַנען אין די פערשיעדענע לענדער, וואו זיי האָבען געלעבט;

בת משה אין קראָקוי אין 1670. אויבפיהרליכער זעה יודישע ענצ. ב. VII, אַרט. „יוסף ב. גאָריאָ" (גוריון).

1) אַן׳אַנדער אויפל. פון „שבט יהודה" איז פערעפענטליכט אין 1700 אין זולצבאַך.

2) דער כאַראַקטער פון דעם ספר איז בעצייכענט מיט די פאָלגענדע ווערטער אויפ׳ן פאָרבלאַט: „מאַן ווערט דרינען געפינען וואונדערבערליכע געשיכטנים, דיע געשעהען זיין אונזערן עלטערן אין דע גלות, און זויע פיעל מאָל זיע האָבען מקדש (געוועזן) שם שמים (האָבען געהייליגט דעם נאָמען פון הימעל, ד. ה., זיי האָבען זיך מקריב געוועזן פאַר זייער גלויבען)". אויסצוגען זעהט ביי גרינבוים אין ח עסטאָ-מאַטיע, אייבען ציטירט ז. 358-360.

אויך פערשיעדענע גלייכווערטלעך פון לעבען פון בעריהמטע מענשען, יודישע און נישט יודישע; פלפולים פון מיטעלאלטער און נאך אנדערע עהנליכע זאכען. מיר מוזען דא צוגעבען, אז דער קריטישער גייסט פון דעם מחבר איז געשטאנען נידעריגער פאר זיין גוטען רצון, ווייל דער היסטארישער אמת און פערשיעדענע מעשות זענען שטארק צוזאמענגעמישט אין זיין ספר 1).

די פערפאלגונגען, וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט אנקומען אויף דעם יודישען עולם און פלעגען טראגען דעם חאראקטער פון פאלקס-קאטאסטראפעס, ווי דער בונט פון די קאזאקען אונטער חמעלניצקים קאמאנדע (1648), די פערפאלגונגען אין פראנקפורט אויפ'ן מאין (1614—1616), דער בונט אין האמבורג (1720), האבען אלעמאל געפונען א שמערצליכען אפקלאנג אין דער יודיש-דייטשער ליטעראטור. די צאהל פון אזעלכע מאנאגראפיעס איז זעהר בעדייטענד.

זעהר אינטערעסאנט זענען אויך די מעמוארען (זכרונות) פון א יודישער פרוי, גליקעל פון האמעלן (1646—1724), וועלכע האט געלעבט אין האמבורג אין דער צווייטער העלפט פון XVII-טען יאהרהונדערט 2). איהרע מעמוארען גיבען איבער דאס יודישע לעבען פון דער דאמאלדיגער צייט, ווי אויך די מ"ח בעוועגונג פון שבתאי צבי, אויף ווי ווייט זי האט זיך ארויסגעוויזען אין האמבורג.

נאך א טעמא, אויך פון פאלקס-לעבען, האט צוגעצויגען אפט די אויפמערקזאמקייט פון די יודיש-דייטשע שרייבער. יודיש-דייטשע ביכער וועגען ארץ-ישראל, איהר געאגראפיע, איהרע איצטיגע איינוואוינער, מעשות וועגען נסיעות אין דעם דאזיגען לאנד, זענען צו יענער צייט ערשיענען זעהר פיעל און זענען זעהר געפעלען געווארען דעם לעזער-עולם 3). אין 1635-טען יאהר האט איינער, א געוויסער גרשון בן אליעזר, פערעפענטליכט אין לובלין אדער אין

---

1) מ. שטיינשניידער, די יודישע ליטעראטור, העבר. איבערז. ז. 408.

2) די מעמוארען פון גליקעל פאן האמעלן, פראנקפורט, 1876, געדרוקט אונטער דער רעדאקציע און מיט אנ'איינלייטונג פון פראפ. ד. קויפמאן.

3) מ. שטיינשניידער, „יודישע שריפטען וועגען דער געאגראפיע פון ארץ ישראל", אין „ירושלים" פון לונץ ב. III.

אַמסטערדאַם 1) דעם „גלילות ארץ ישראל" (די פּראָווינצען פון ארץ ישראל), וואו ער ווייזט אָן די וועגען, וועלכע פיהרען קיין ארץ ישראל און גיט אויך צוגלייך אַ געשיכטע וועגען אַ רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט אין די לענדער, וואָס ליעגען נעבען דעם טייך סמבטיון און אין די לענדער פון כהן יואָן, וואו ער האָט געזעהן פיעל נסים, צ. ב., אַ חיה, וואָס האָט דריי אויגען און אַ לע־בעדיגען מענשען אָהן אַ קאָפּ. דאָס בוך איז עפענטליך פערברענט געוואָרען דורך די יעזואיטען אין ווארשוי, עס איז אָבער דערנאָך ווידער אָבגעדרוקט געוואָרען. אין 1649־טען יאָהר האָט מרדכי בן ישעיהו ליטמע פערעפענטליכט אין אַמסטערדאַם דעם „תוצאות ארץ ישראל", וועלכער בעהאַנדעלט אויך די וועגען, וואָס פיהרען קיין ארץ ישראל 2). אין 1650־טען יאָהר האָט משה בן ישראל נפתלי הירש פּאָרגעס פון פּראָג אַרויסגעגעבען אין אַמסטערדאַם וועגען דעם זעלביגען ענין אַ ספר, וואָס רופט זיך „דרכי ציון", וואו עס זענען אָנגעגעבען איי־ניגע געוויסע געוואוינהייטען פון די יודען, וואָס לעבען אין ירושלים 3); אַ צווייטעס בוך, „תלאות משה" (משה'ס וואַנדערונגען, האַלע 1712), בעהאַנדעלט די לענדער, וואו עס געפינען זיך, לויט דער יודישער לעגענדע, די צעהן שבטים, וועלכע זענען אַוועק אין גלות פאַר'ן חורבן פון בית ראשון 4). אַט די לעגענדע האָט, פערבייגעהענ־דיג בעמערקט, געגעבען מאַטעריאַל פאַר אַ גאַנצער רייהע יודיש־דייט־שע ערצעהלונגען, און מיר געפינען זי אין די ווערק פון איינינע מאָדערנע שריפטשטעלער.

ביכער פון וועלטליכער וויסענשאַפט זענען זעלטען אין דער יודיש־דייטשער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, וואָס מיר בעהאַנדלען אין דעם קאַפּיטעל. די וועלטליכע וויסענשאַפטען זענען צו דער צייט איבערהויפּט אַנ'אונבעקאַנטע זאַך פאַר דער בעפעלקערונג פון געטאָ הויפּטזעכליך פאַר די פרויען, און בעזונדערס נאָך צווישען די מענ־שען, וואָס האָבען נישט בעקומען קיין געהעריגע קענטעניסען אין העברעאיש; פון זיי זענען אָבער דאָך בעשטאַנען די לעזענדע און אַפּט אויך די שרייבענדע עלעמענטען פון דער דאָזיגער ליטעראַטור.

---

1) ד"ר צונץ, געז. שריפטען, בערלין 1875, ב. I ז. 187-188.

2) דאַרמען-זשע, ז. 189.

3) „ „

4) „ „ ז. 193.

די אייניגע ביכער מיט אַ וועלטליכען האַראַקטער, וואָס מיר געפינען צו דער צייט, האָבען פריהער פאַר אַלץ דעם ציעל צו בעפריעדיגען די פראַקטישע עלעמענטאַרע בעדערפניש, פון די לע־זער. צ. ב., ערשט אין 1690 איז אין אַמסטערדאַם ערשיענען אַנ׳אַריטמעטישעס האַנד־בוך. נאָך אַ בוך, פון שבתאי באסס, ענט־האַלט אין זיך נוצליכע אָנווייזונגען פאַר האַנדעלס־מענשען. מען האָט אויך איבערזעצט אייניגע געאָגראַפישע האַנדביכער, וועלכע זענען נויטיג געווען פאַר רייזענדע יודען.

III.

פאָלקס=ליעדער.

עס עקסיסטירט אַ בעדייטענדע צאָהל יודישע ליעדער, וואָס מ'וויסט נישט, ווער ס'האָט זיי געשאַפען און וועלכע האָבען בעקומען, בשעת דאָס פאָלק האָט זיי געזונגען, אַלערליי אומענדערונגען. פון זיי קען מען, ווי פון אַ בעזונדער קוואַל, שעפּען ידיעות וועגען דעם פאָלקס לעבען, וועגען זיין אַרט דענקען און פיהלען. די אויספיהרליכסטע זאַמלונג פון די יודישע פאָלקס=ליעדער, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1901=טען יאָהר דורך גינזבורג און מאַרעק און וועלכע מיר האָבען גענומען אַלס יסוד פאַר אונזער ווערק 1), ענטהאַלט די צאָהל פון 376 ליעדער. די זאַמלונג איז, ווי עס זענען מודה די רעדאַקטאָרען איהרע אַליין, נאָך ווייט פון דעם, אַז מען זאָל אין איהר געפינען דעם גאַנצען אוצר פון די פאָלקס=ליעדער, וועלכע לעבען אין זכרון פון די יודען אין פוילען, ליטא און דרום=רוסלאַנד; מען רעדט שוין נישט וועגען די, וועלכע זענען פערגעסען געוואָרען ביסליכווייז אונטער דער ווירקונג פון די נייע לעבענס=בעדינגונגען, און זענען אויף אַזאַ אופן בעשטימט פערלוירען געגאַנגען פאַר דער געשיכטע פון די געטאָ=ציטען,

---

1) „יעווריעיסקייא נאַראָדנייאַ פעסני וו ראָססיי" (יודישע פאָלקס-ליעדער אין רוסלאַנד), צוזאַמענגעקליעבען און פערעפענטליכט מיט אַ הקדמה דורך ש. מ. גינז-בורג און פ. ש. מאַרעק (אויסגאַבע פון „וואָסחאָד", ס"ט פעטערבורג, 1901). אין דער הקדמה (געשריבען רוסיש) איז דורך די רעדאַקטאָרען אָנגעגעבען די ביבליאָגראַפיע פון דער ליטעראַטור וועגען דעם.

ווי פאַר דער געשיכטע פון דער שפּראַך און ליטעראַטור פון געטאָ.

צווישען די ליעדער זענען דאָ אזעלכע, וואָס זענען פערהעלט-ניסמעסיג נישט לאַנג ענטשטאַנען; עס זענען אָבער אויך אזעלכע פערהאַן, וועגען וועלכע מען קען נישט זאָגען קלאָר און גענוי, ווען און וואו זיי זענען געשאַפען געוואָרען; אָפט טראָגען זיי אויף זיך די סמנים פון אַנ'אַלטקייט פון אַ פּאָר יאָהרהונדערטער, צ. ב., די קינ-דער-ליעדליך, אייניגע פון וועלכע ס'זענען נאָכגעמאַכט דייטשע ליעד-ליעך און זענען מסתמא געזונגען געוואָרען אין די דייטשע געטאָ'ס, בעפאָר די דייטשע יודען זענען אַוועק קיין פּוילען 1). צווישען די וויעג-ליעדער זענען דאָ אייניגע, וואָס מען זעהט באַלד, אַז זיי געהערען נישט צו אַ בעשטימטען געביעט, זונדערן זיי זענען צוגלייך בעקאַנט און ווערען צוגלייך געזונגען אין ליטא און רומעניען, אין דרום-רוסלאַנד און אין גאַליציען; דאָס בעוויזט, אַז זיי זענען ענטש-טאַנען פון זעהר לאַנג אָן. דאָס פּאָפּולערסטע וויעג-ליעד, וואָס ווערט נאָך עד היום געזונגען ביים וויעגעלע פון יעדען יודישען קינד אין געטאָ, איז דאָס פאָלגענדע:

אונטער יענקעלעס 2) וויעגעלע
שטעהט אַ קלאָר-ווייס ציעגעלע;
דאָס ציעגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.
וואָס איז די בעסטע סחורה?
יענקעלע וועט לערנען תורה 3).

אין דעם גרעסטען טייל פון די אַנדערע וויעג-ליעדער חזר'ט זיך איבער אַלעמאָל דער זעלבער צושפּיעל: דאָס קינדעלע וועט לערנען תורה, עס וועט פסקנ'ען שאלות, אין דעם טאָג פון זיין חתונה וועט ער האַלטען אַ לומדי'שע דרשה און נאָך אַזעלכע זאַכען.

---

1) דאָרטען גופא, 84—133; זעהט אויך וועגען דעם: „דאָס יודישע פאָלקס-ליעד אין רוסלאַנד" (אַ רעצענזיע וועגען גינזבורג און מאַרעק'ס בוך) פון א. לאַנדוי אין „די מיטטיילונגען פון דער געזעלשאַפט פאַר יודישער פאָלקס-קונדע", 1903, ב. XI ז. 80—65.

2) ווען דאָס יונגעלע רופט מען נישט יענקעלע, שטעלט מען אַוועק אָנשטאָט יענקעלע אַנ'אַנדער נאָמען.

3) זעהט די וואַריאַנטען פון דעם ליעדעל ביי גינזבורג און מאַרעק, נומער 63. 62. 61. 60.

דאָס קינדהייט האָט אין געטאָ זיך נישט לאַנג געצויגען. שוין דריי יאָהריגע יונגלעך פלעגט מען שיקען אין חדר; צו זיעבען יאָהר, און אַמאָל נאָך פריהער, איז ער שוין געווען אַריינגעטאָן אין די שאַרפע פּלפולים פון די תנאים און אמוראים אין תלמוד און צו דרייצעהן יאָהר האָבען די עלטערן שוין געזעהן איהם חתונה צו מאַכען. ביי אַזעלכע בעדינגונגען, איז פערשטענדליך, אַז ווען דאָס יונגעלע איז נאָך געלעגען אין וויעגעל, האָט עס געהערט נאָר וועגען די פליכטען, וואָס וועלען ליעגען אויף איהם, ווען עס וועט גאָר אָנהויבען צו געהן. און די ערשטע פון די פליכטען איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער דאַרף לערנען תורה און זיין אַ גוטער יוד. אַז דאָס קינד הויבט אָן צו שרייען, זאָגט צו איהם זיין מאַמע, דאָס אַזוי פּאַסט נישט פאַר אַ צוקינפטיגען תלמיד חכם.

„וועסט דאָך זיין אַ גרויסינקער,
וועסט דאָך זיין אַ תנא;
וועסט דיינע עלטערן
באַציערען און באַשיינען, —
פּאַסט דאָך נישט פאַר דיר
זאָלסט פּישטשען און וויינען 1).

דאָס איין אָבער בעציהט זיך נאָר צו אַ קליין יונגעלע, וואָס וועט אַמאָל ווירקליך לערנען און זיין אַ גרויסער למדן, וואָס וועט אַמאָל זאָגען קדיש, און אַריינפיהרען זיינע עלטערן אין גן עדן — יעדענפאַלס אַרויספיהרען פון גיהנום.

„אַז איך וועל אַמאָל דאַרפען אויף יענער וועלט געהן,
„וועלען די טירען פון גן עדן אָפען שטעהן.
„דו, מיין קינד, זאָלסט מיר זיין אַ פרומער און אַ גוטער,
„וועט מען זאָגען אויף יענער וועלט: לאָזט אַריין דעם
צדיק'ס מוטער 2).

די ראָלע פון דעם מיידעל איז פיעל בעשיידענער. זי געהט נישט אין חדר, זי קען זיך נישט אויסצייכענען מיט קענטעניסען אין תורה. דאָס גרעסטע און בעסטע, וואָס זי קען זיך דערוואַרטען אין איהר לעבען, איז אינגאַנצען אָבהענגיג פון מאַנסביל, פון דעם מאַן, וואָס זי וועט בעקומען. און דאָס ליעדעל וועגען די ווייסע און קלאָרע ציע-

1) דאָס זעלבע ווערק, 63 נומער
2) „ „ „ , 65 „

נעלע, וואָס זאָגט דעם יונגעלע, אַז ער וועט לערנען תורה, ווערט בײַ דעם וויעגעלע פון אַ מיידעל געזונגען אויף'ן פאָלגענדען אופן:
„שרה'לעס חתן וועט לערנען תורה" 1).

דער גרעסטער טייל פון די אַנדערע וויעג־ליעדער, אַחוץ די, וואו עס דריקען זיך אויס אין אַלגעמיין די ליעבעס־געפיהלען פון דער מוטער צום קינד, זענען געשאַפען צוליעב די יונגלעך־וועגען די ראָלע פון דער יודישער פרוי ווי אויף דער וועלט, אַזוי אויך אויף יענער וועלט, איז זעהר נידריג און קליין אין פערגלייך מיט דער ראָלע פון אַ זוהן, וואָס שפינט פאַר די עלטערן חלומות פון גליק און שטראַהלענדיגע האָפנונגען וועגען דער צוקונפט. נישט אומזיסט דאַנקט יעדער יוד אַלע אין דער פריה דעם אויבערשטען, „וואָס ער האָט איהם נישט געמאַכט פאַר אַ פרוי", אין דער צייט, ווען די יודישע פרוי דאַוועגט מיט עניוות: „געבענשט זאָל זיין דער, וואָס האָט מיך בעשאַפען לויט זיין ווילען נאָך".

פערקעהרט, אין די ליעדער, וואָס בעציהען זיך צו חתונה, רעדט זיך כסדר נאָר וועגען דער פרוי, וועגען דאָס יונג מיידעל. פאַר'ן יונגען מאַן פון געטאָ איז דאָס חתונה האָבען נישט געוועזען אַזאַ חיכטיג געשעהעניש, ווי פאַר'ן יונג מיידעל. נאָך דער חתונה פלעגט ער פונקט ווי פאַר דער חתונה פאָרטזעצען זיין תורה־לערנען, פערברייננענדיג דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט אין בית המדרש. פערדיענען האָט ער נישט געדאַרפט, אַ דאַנק דעם געטאָ־מנהג, לויט וועלכען דער איידעם קומט אָן צום שווער אויף יאָהריגע אָדער אייביגע קעסט נאָך דער חתונה. פאַר דאָס יונג מיידעל אָבער האָט דאָס החתונה האָבען געהאַט אַ בעזונדערע בעדייטונג און איז געוועזען דער העכסטער ציעל פון איהר לעבען. „דו ביזט געווען אַ נאַרנישט, ער וועט פון דיר מאַכען עפעס", ווערט געזאָגט אין אַ העברעאישען געדיכט 2), וואו עס ווערט בעשריבען די לאַגע פון דער יודישער פרוי, וועלכע איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף'ן צווייטען פלאַן אין פערגלייך מיט'ן מאַנסביל. און פאַר'ן מיידעל פון געטאָ איז נישט געווען קיין שרעקליכערער געדאַנק, ווי צו בלייבען אַנ'אַל-

1) דאָס זעלבע ווערק, 67 נומער.

2) י. ל. גאָרדאָן, קוצו של יוד, געזאַמ. שריפטען ב. IV.

טע מויד. איינע פון די מעהר פערשפרייטע לידער אין גענטאָ איז דאָס פאָלגענדע 1):

זיץ איך אויף אַ שטיין,
קלאָג איך און וויין:
אַלע מיידלעך האָבען חתונה,
נאָר איך איינע ניין.

דער חתן, וועגען וועלכען עס חלומ'ט דאָס מיידעל, האָט בלויע אויגען אָדער שוואַרצע, האָר אויך שוואַרצע, צוגלייך אויך „לאַנגע פאות'ן"; איין זאַך אָבער ווערט איבערגעחזר'ט כמעט אין אַלע לידער, איין וואונש האָבען אַלע מיידלעך: „דער חתן זאָל טויגען צו דער תורה" 2).

אַ גרויסע צאָהל לידער איז געווידמעט דאָס לעבען פון דער חתונה־געהאַטער פרוי. זיי זענען כמעט אַלע פול מיט טרויער און קלאָגען. אָפט בעקלאָגט זיך שוין איינינע טעג נאָך דער חתונה דאָס יונג ווייבעל, וועלכע פלעגט אָפט נישט קענען דעם חתן ביז'ן טאָג פון דער חתונה, ביז דער חופה, אויף איהר ביטערן מזל, און איהר פערדריסט, וואָס עס איז שוין פאָריבער די אַלטע ליעבע צייט פון איהרע מיידעלשע יאָהרען, בעת זי איז געווען ביי איהרע עלטערן און קיין זאַך האָט איהר נישט געפעהלט.

דריי טעג נאָך דער חתונה,
די שמחה איז אַראָב,
ביי דאָס יונגע ווייבעלע
דרעהט זיך שוין דער קאָפּ.

דריי וואָכען נאָך דער חתונה,
קומט זי צום טאַטען קלאָגען;
— טאַטע, דו האָסט מיר געגעבען אַ שאַרלאַטאַן אַ מאַן,
ער חאַפּט זיך צו מיר שלאָגען! 3)

דער מאַן פערגעסט צו זאָרגען פאַר חיונה, פערברייננט אַ

1) גינזבורג און מאַרעק 243 נומער.

2) דאָס זעלבע, 247 נומער: „און צו דער הייליגער תורה זאָל ער טויגען".

3) דאָס זעלבע ווערק 275 נומער.

:ענעם די גאַנצע צייט אין בית המדרש; די פרוי אָבער בלייבט
אין דער היים מיט איהרע עופ׳עלעך און מוז אָפט טאָן די שווערס-
טע אַרבייט, וועלכע פּאַסט מעהר פאַר אַ מאַנסביל.

כּל זמן איך בין אַ מיידעל,
בין איך שען און איידעל;
און ווי איך ווער אַ ווייבעל,
ווער איך, ווי אַ אָרים טייבעל.

דער מאַן געהט זיך אין בית המדרש
און לייענט זיך די סדרות;
אין דאַווענען זינגט ער מונטער,
אין „קדיש״ שפּרינגט ער אונטער.

האַלץ דאַרף איך אַליין האַקען,
און ברויט איז נישטאָ פון וואַנען צו באַקען,
דער חשבון פון די קינדער —
איז יעטווידערען בעזונדער:

איינעם שלאָפען לייגען;
דעם אַנדערן צומאַכען די אויגען;
דעם דריטען אַף דרויסען פיהרען,
דעם פיערטען דעם קאָפּ אויסשמירען.
און דאָס איז נאָך נישט גאָר, —
אַ ברית אַלע יאָהר. 1)

דאָס יונג ווייבעל קלאָגט זיך פאַר׳ן פאָטער; זי בעשולדיגט
איהם אָבער נישט. זי ווייס, אַז דער פאָטער האָט געטאָן פאַר
איהר אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. דער פאָטער ענטפערט
דער יונגער ווייבעל, וואָס בעקלאָגט זיך, אַז ער האָט איהר געגע-
בען אַ שאַרלאַטאַן פאַר אַ מאַן, פאָלגענדעס:

— קליידער און נדן
האָב איך דיר געגעבען,

1) דאָס זעלבע ווערק 277 נומער.

און אַ שאַרלאַטאַן אַ מאַן , —
דו מיזט דאָך מיט איהם לעבען 1) .

דער פערמיטלער ביי חתונות , איז דער שדכן ; דולט זיך אָפּט אויס דער יונגער ווייבעל , אַז ער איז די אמת'ע סבה פון איהר אונגליק . דאָס האָט ער , וועלענדיג פערדיענען אַ פּאָר רובל , איהר אָבגענאַרט , ווי אויך דעם צווייטען צד , און האָט , דורך פערשיעדענע צביעות'דיגע , גלאַטינקע ריידעלעך אָדער סטראַשונקעס , צוזאַמענגעפיהרט אַלס פּאָר אַזעלכע מענשען , וואָס זענען נישט געשאַפען איינע פאַר די אַנדערע :

שדכן , שדכן אַ קלאָג צו דיר !
אָי , וואָס האָסטו געהאַט צו מיר ;
דו האָסט גענומען דיר שדכנות
און האָסט געקוילעט אָהן רחמנות ,
אַ קלאָג צו דיר , אַ קלאָג צו דיר ! 2)

אין אַ צווייטען ליעדעל בעקלאָגט זיך דאָס יונג מיידעל אויף דעם , וואָס די עלטערען מאַכען זיי חתונה , נישט פרעגענדיג ביי זייער מיינונג וועגען דעם מענשען , מיט וועלכען זיי וועלען דארפען לעבען צוזאַמען .

אָי , מיר אָרעמע מיידעלעך ,
וואָס טויג אונזער סך נדן ,
אַז מען פוצט אונז אויס
אַ פערד פאַר אַ מאַן !
אונזערע עלטערן טוען שדוכים ,
זיי טוען אונז גאָרנישט פרעגען ,
דאַרום פערברייגגען מיר אַזוי שלעכט דעם לעבען ! 3)

ווי אין די סלאַווישע פאָלקס-ליעדער שפּיעלט די שוויגער אויך אַ גרויסע ראָלע אין דעם טרויער און די ליידען פון דער יונגער ווייבעל . אין אַ גאַנצער רייהע ליעדער ווערט גערעדט וועגען איהר שלעכטסקייט בנוגע צו דער שנור , וועלכע קען איהר קיינמאָל נישט צופריעדענשטעלען .

---

1) גינזבורג און מאַרעק 275 נומער
2) „ „ „ 279 „
3) „ „ „ 240 „

שטעה איך אויף פריה,
זאָגט מיין בייזע שוויגער:
איך קיי ווי די צאַבאַנסקע קיה!
אָי וועה, מיין לעבען,
אַז איך ווייס נישט, ווי די בייזע שוויגער
דעם כבוד אָפּצוגעבען!

שטעה איך אויף שפעט,
זאָגט מיין בייזע שוויגער:
איך ליג ווי אַ נבלה ביז האַלבען טאָג אין בעט!
אָי וועה מיין לעבען א. א. וו. 1)

ליעדער וועגען דעם, ווי עס לעבט זיך דעם מאַן אין דער פאַמיליע זענען נישט פיעל דאָ. דער מאַן בעקלאָגט זיך אָפט אויף דעם, וואָס דאָס ווייב איז נישט געניג שפּאָרזאָם, פערשטעהט נישט צו קאָכען זיינע געליעבטע מאכלים, אָדער אַז זי גיט אויס צופיעל געלד 2). מייסטענס אָבער קוקט דער מאַן אויף חתונה־האָבען, ווי אויף אַ מיטעל צו לעבען אין פערלייף פון איינינע יאָהר פריי און רוהיג, זייענדיג אויף קעסט ביי שווער און שוויגער. נאָכדעם, ווען ס'קומט אָן די צייט שוין, אַז ער דאַרף אַליין פערדיענען זיין שטיקעל ברויט, האָט ער ווידער אַ מיטעל זיך צו בעפרייען פון דער אונאָנגענעמער נויטווענדיגקייט: ער ענטלויפט אין ערגעץ אַ ישיבה, וואו ער זעצט זיך ווייטער לערנען; עסען און דירה בעקומט ער אויפ'ן חשבון פון גאָטספאָרכטיגע מנדבים.

פינף יאָהר קעסט האָב איך געווים — 3)
זאָל זיך שווער און שוויגער בלאָזען;
און דערנאָך — זיי געזונד, מיין ווייב,
אַ „ויברח" קיין וואָלאָזשין! 4)

---

1) גינזב. אוו מאַרעק 206; זעהט אויך די ליעדער 267-270.
2) " " 290-293.
3) " " 289.
4) וואָלאָזשין: אַ קליין שטעדטיל אין מינסקער גוב., דאָרטען איז געווען די בערימטע וואָלאָזינער ישיבה, איהר לעצטער גרויסער ראש ישיבה איז געווען ר' צבי בערלין.

אָפט אָבער טרעפט זיך, אַז דער חתן האָט אַ שווער, וואָס איז קליגער פאַר איהם, און דאַן פערשטעהט דער חתן גלייך נאָך דער חתונה, אַז אַלע פערשידענע צוזאָגענישען, וועגען וועלכע עס איז גערעדט געוואָרען ביי די תנאים, זענען ווערט אַג'אויסגעבלאָזענע איי, אַז אַלע ווערטער און טענות דערנאָך זענען אַרויסגעוואָרפען. די אַנאָני־מע מחברים פון אַט דער גאַנצער סעריע לידלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען דעם דאָזיגען אונגליק, וועלכער טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט די חתנים אין געטאָ, קענען זיך נישט איינהאַלטען נישט צו מאַכען אָפט חוזק פון זיי. דאָס פּאָפּולערסטע לידעל פון דעם מין איז דאָס פאָלגענדע:

אָט אַזוי, און אָט אַזוי
נאַרט מען אָפּ אַ חתן:
מ'זאָגט איהם צו אַ סך נדן —
און מ'גיט איהם נישט אַ גראָשען.
אָהן קליידער און אָהן נדן, —
אַבילע מיין טאָכטער האָט אַ מאַן! 1)

ליעבעס־לידער געהערען היסטאָריש צום נייעסטען מין צווישען די געטאָ־לידער. און דער צייט, ווען מען פלעגט חתונה־מאַכען געוועהנליך קינדער אין עלטער פון צוועלף־פערצעהן יאָהר, האָט נאַ־טירליך גאָר נישט געקען געבוירען ווערען קיין ראָמאַנטישער ליעבעס־געפיהל צווישען יונגע מענשען פון ביידע געשלעכטער. מען קען רע־כענען פאַר בעשטימט, אַז ערשט אין מיטען פון XIX־טען יאָהר־הונדערט, ד. ה., ווען די ענדערונגען אין לעבען פון די געטאָ־בע־וואוינער האָבען, צווישען אַנדערע, אַרויסגערופען אויך די ערשיינונג אַז חתונה־האָבען האָט מען אָנגעהויבען אַ ביסעל עלטער זייענדיג, און ווען, פון דער אַנדער זייט, די וועלטליכע ליטעראַטור האָט אָנ־געהויבען אַריינצודרינגען אין די טיעפסטע קעמערלעך פון פאָלק, בעקאַנט מאַכענדיג עס צום ערשטען מאָל מיט ווערטער, וואָס זענען איהם פריהער אין גאַנצען אונבעקאַנט געווען, וועגען ליעבע, געליעב־טע א. ז. וו., — ערשט דאַן זענען ענטשטאַנען די ערשטע ליעבעס־לידלעך אין יודיש־דייטש. איינינע פון די דאָזיגע לידער גיעבען אַ פּראָבע פון טיעפער און לויטערער ליעבע. צו איינעם אַ געליעבטען,

1) גינזבורג און מאַרעק 238.

וועלכער לאָזט זיך הוועק זוכען פּרנסה, זאָגט די געליעבטע, אַז זי וואָלט בעסער וועלן, דאָס זי זאָל אַרבייטען; זי זאָגט דערביי:

איך וועל געהן אין אַלע גאַסען
און בעסער זיך אָננעהמען גרעט צו וואַסען, —
נאָר מיט דיר אין־איינעם צו זיין,
נאָר מיט דיר צוזאַמען צו זיין 1).

אין איין סטראָפע, וועלכער ס'פעהלט נישט אַ בעשטימטע נאַאיווע שענקייט, בעט דער געליעבטער גאָט, ער זאָל שיקען זיין מלאך אין שטוב פון זיין היים־געליעבטער, אום דורכצופיהרען דעם שדוך צווישען זיי 2). מייסטענס אָבער זענען די ליעדער אין אַלגעמיין דורכגעדרונגען מיט אַ זעהר פעסימיסטישער און צוגלייך זעהר פּראַקטישער פאָרשטעלונג וועגען ליעבע. ליעבע האָט קיין זין נישט, ווען זי פיהרט נישט גלייך צו חתונה:

וואָס טויג אונזער ליעבשאַפט,
אַז מיר קענען זיך נישט נעהמען?

ווערט געזאָגט אין איינעם פון די ליעדער 3) אין דער געדאַנק געהט דורך אַלע אַנדערע ליעבעס־ליעדער. ליעבע איז, אפילו אין די אויגען פון די געליעבטע אַליין, און קען אויך נישט אַנדערעס זיין, ווי אַ הקדמה צו דער חתונה, וועלכע איז דער הויפּט־זין פון לעבען; נאָר דאָס חתונה־האָבען ענטשולדיגט, אַזוי צו זאָגען, דעם, נישט גאָר אונשולדיגען, געפיהל, וועלכען מען דאַרף קיינמאָל נישט אָננעהמען ערנסט. נישט אומזיסט איז דאָס טעכנישע וואָרט פאַר „ליעבען" אין אַלע דאָזיגע ליעדער כמעט אַלע מאָל דער אויסדריק „שפּיעלען אַ ליעבע" 4).

„פון וואַנען נעהמט זיך אַ ליעבע?"
פרעגט ליעבליך איין ליעד 5), און ענטפערט אַליין.
„פון זיצען און פון ריידען און פון לאַכען".
נאָר אָט וואָס! דאָס שפּיעל, וואָס הויבט זיך אָפט אַזוי לייכט

1) גינזב. און מאַרעק 206
2) " " " 155
3) " " " 176
4) " " " זעהט כמעט אַלע ליעבעס-לידער צ. ב. 199
5) " " " 177

און פרעהליך אָן, נעהמט אָבער אַמאָל אַ נישט גאָר פרעהליכע ווענ־דונג. פערשיעדענאַרטיגע אורזאַכען — די מניעות פון עלטערענס צד, די אונטרייקייט פון איינעם פון די געליעבטע, דאָס מיליטער־דיענסט, חאָס רייסט אָב דעם געליעבטען פון זיין היים געליעבטער אויף פיעלע יאָהרען — דערלאָזען נישט אין דעם גרעסטען טייל פון די פעלען, אַז די ליעבע זאָל קומען צום ציעל: צו דער התונה, און מייסטענס בלייבען די געליעבטע מיט דערשלאָגענע געמיטער און צובראָכענע הערצער. דער גרעסטער טייל פון די ליעדער וועגען ליעבע אין יודיש־דייטש דערצעהלען וועגען אַ טרויעריגען סוף, וועלכער איז אָנגעגרייט פאַר די ליעבעס־אידיליען פון געטאָ. דאָס יונג־מיידעל מיט אַ צובראָכענעם האַרצען בעקלאָגט זיך אין טענה'ט:

אָט, כ'האָב געטאָן אַזאַ זאַך,
כ'האָב גאָר נישט בעטראַכט;
כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז טאָג —
צום סוף איז גאָר נאַכט!
אָי מאַמע, מאַמע,
דו בינסט דאָך גערעכט:
אַז מען פאָלגט נישט קיין עלטערן,
קומט אַרויס שלעכט! 1)

אַ צווייטעס ליעד רעדט וועגען דער אונטרייקייט פון די בחורים:

איין בחור ליעבט איין מייד
ער ליעבט זי זעהר שטאַרק
ער רופט זי „קעציל", „טייבעל",
זי זאָל שוין זיין פאַר איהם.

צו דער צווייטער מיידל טוט ער זאָגען:
„מיידעל קום אַ הער!" —
אַ בחור זאָלסטו גלויבען
פון דאַנען ביז אַ הער! 2)

אַ גרויסע צאָהל ליעבעס־ליעדער שטעלען פאַר אַ געשפרעך

---

1) גינזב. און מאַרעק 176
2) „ „ „ 218

צווישען צוויי געליעבטע. מעהר ווירקען אומעטיג די ליעדער, וואו מען זעהט, ווי דער געליעבטער געזעגענט זיך מיט זיין געליעבטער איי-דער ער געהט אַוועק אין קאַזאַרמע. ער בעט איהר, זי זאָל איהם טאָן א געפעלינגקייט:

„דו זאָלסט זיך אָפּ׳גנב׳ענען פון דיינע עלטערן
און זאָלסט מיר פאָהרען באַגלייטען".
ער ווידער זאָגט איהר צו:
„אַף וואָסער סטאַנציע כ׳וועל זיך אָפּשטעלען,
„וועל איך דיר שרייבען אָפטע בריף.

דאָס האַרץ פון דעם יונגען מיידעל איז דערווייל נישט רוהיג. דאָס האַרץ נויט איהר אַרויסצוזאָגען דעם טרויעריגען חשד:
„אויב דו וועסט מיט א זשערעבע אַרויס,
„וועסטו מיר שוין נישט וועלען. 1)

אין פיעל ליעדער בעקלאָגט זיך, פערקעהרט, דער מאַנסביל אויף דער אונטרייקייט פון דער געליעבטער, וועלכע האָט חתונה גע-האַט מיט אַן אַנדערען.

בעת ביי דיר וועט חתונה זיין
און פאַסען וועסטו דיין חופּה-קלייד,
דאַן וועל איך ליגען אויף מיין בעט׳ל
און ראַנגלען זיך מיט׳ן טוידט.

אַז דו וועסט דעם ערשטען קינד האָבען,
אַ נאָמען זאָלסטו געבע׳ נאָך מיר, —
אַנ׳אָנדיינקונג אויף יאָהרען זאָלסטו האָבען,
אַז איך בין געשטאָרבען דורך דיר. 2)

דאָס פאָלגענדע ליעד, וואָס איז אַפילו נישט אַזוי פינסטער, אָבער זעהר ליריש און האַרציג, רעדט אויך וועגען דער אונטרייקייט פון דער געליעבטער.

„בעקאַנט האָבען מיר זיך און א זומער-נאַכט,
אויף דרויסען איז געווען זעהר שיין;
אַנ׳אמת וואָרט האָב איך דיר געגעבען,
אַז כ׳זאָל דיר קיינמאָל נישט לאָזען אַליין.

---

1) גינזב. און מארעק, 149.
2) „ „ „ 153.

די שטערן האָבען זיך אויפ'ן ים געשטערנט,
און די װעלען שלאָגען צום ברעג;
אַנ'אמת װאָרט האָסטו מיר געגעבען,
אַז דו װעסט מיר נישט לאָזען אַליין.

ליעב האָב איך דיר, דושינקע, װי מיין לעבען,
דו בינסט מיר הייליג און טייער;
פאַר דיר װאָלט איך מיין קאָפּ געשטעלט,
און דו װילסט מיר נישט גלויבען!

איך בין אַרויסגעפאָהרען אויף דער װעלט
צו פערדיענען מיין שטיקעלע ברויט;
און איך האָב שיער נישט בעקומען
דורך דיר דעם פינסטערן טוידט.

איך האָב געאַקערט און געזייט,
אויפ'ן האַנד אַ גילדערנעם פינגערל געטראָגען;
און דאָס האָב איך אויך צוליעב דיר,
דושינקע, פערלאָרען! 1)

צװישען די פאָלקס-ליעדער זענען דאָ פיעל אַזעלכע, װאָס טראָגען אַ רעליגיעזען חאַראַקטער. די ליעדער זענען מייסטענס איינפאַך איבערגעמאַכטע פסוקים פון תנ"ך און סדור. זעהר אינטערעסאַנט פון היסטאָרישען שטאַנדפונקט און אויסגעצייכענט זענען די ליעדער, װאָס שילדערען דאָס לעבען פון די יודישע סאָלדאַטען אין רוסלאַנד 2), בעזונדערס אין די צייטען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען 3).

אין די דאָזיגע ליעדער בעקלאָגט זיך דער יודישער סאָלדאַט אויף די צרות, װאָס עס קומט איהם אויס, אויסצושטעהען פון זיינע מיליטערישע נאַטשאַלניקעס, װי אויך אויף דעם, װאָס ער קען זיך נישט אָבהיטען אין זיין יודישקייט.

„באָרד און פאות טוט מען אונז אָבשערען,

---

1) גינזב. און מארעק 153
2) „ „ „ 331-348
3) „ „ „ 43 און די פאָלגענדע.

שבתים, יום־טובים טוט מען אונז פערשטערען. 1)

דער יודישער יוננער־מאַן איז דורך זיין גאַנצער ערציהונג זעהר יעניג פאַרבערייטעט צום מיליטער־דיענסט און צו דעם נייעם אַרט לעבען, וואָס הויבט זיך פאַר איהם אָן אין קאַזאַרמע. ער האָט מורא פאַר׳ן זשאַנדאַרם, וואָס פיהרט איהם, נאָר נישט וועניגער מורא האָט ער פאַר׳ן דאָקטאָר, וואָס בעטראַכט איהם און פון וועלכען׳ס איינינע ווערטער, געזאָגט אויף אַ פרעמדען לשון, ס׳איז אָבהענגיג זיין גאַנצער גורל. 2)

דאָס לערנען תנ״ך און תלמוד, וואָס איז די הויפט־בעשעפטיגונג פאַר אַ יונגען מאַן אין געטאָ, האָט, פערשטעהט זיך, קיין שייכות נישט געהאַט מיט׳ן שיסען און די אַנדערע פיזישע איבונגען, וואָס זע־נען פערבונדען מיט דער קאַזאַרמע און מיט׳ן מיליטער־דינסט.

„בשעת איך בין געוועזן פינף יאָהר אַלט
האָט מען געטאָן מיר אין חדר פיהרען;
און איצטער דאַרף איך
אפ׳ן פערד שפאַצירען. 3)

טרויעריגע ערינערונגס־געדאַנקען וועגען די פערקימערטע על־טערן, בעזונדערס געדאַנקען וועגען דער מוטער, וואָס האָט אַזוי פיעל געליטען איידער זי האָט איהם אויסגעהאָדעוועט, חזר׳ען זיך אָפט איבער אין די לידער פון די יודישע סאָלדאַטען. אָפט דער־מאָנען זיך די סאָלדאַטען אין זייערע לידער אויך וועגען זייער ווייב און קינדער, וועלכע זיי האָבען איבערגעלאָזען אין דער היים.

„געלאָזען אַ ווייב מיט קינדער,
פערפליוגען ווי אַ פייגעלע פון נעסט;
גאָט, ברוך הוא, באַווייז דיין וואונדער
און ברענג אונז אַהיים פאַר געסט. 4)

אין די סאָלדאַטען־לידער פון ניקאָלאַי׳ס צייטען (ניקאָלאַי דעם ערשטען) איז געבליבען גאַנץ פריש די ערינערונג וועגען דער

---

1) גינזבורג און מאַרעק 47
2) „ „ „ 43, 45, 334 און די פאָלגענדע.
3) „ „ „ 45
4) „ „ „ 346

בהלה צייט, וואס עס האבען איבערגעלאזען אין הארצען פון דער יודישער בעפעלקערונג די אויסעראָרדענטליכע בעדינגונגען, טאקי באַרבאַרישע, ביי וועלכע ס'פלעגט פאָרקומען דאמאלס דאס צונעהמען פאַר אַ רעקרוט. די דעפוטאטען פון יעדער קהלה פלעגען אָנצייכנען, מייסטענס גאַנץ אייגענמעכטיג, די יונגע לייט (אָפט פלעגען עס זיין קליינע קינדער, ברעקלעך), וועלכע מען דאַרף נעהמען פאַר רעקרוטען. די נעמען פון די אָנגעוויזענע פלעגט מען נישט אויסזאגען, ווייל די יונגע לייט, וואס האבען גערעכענט, אַז זיי זענען פערשריבען אין רייסטער, פלעגען צולויפען אין די וועלדער אָדער די עלטערען פלעגען זיי בעהאלטען. די „חאפערס“, וועלכע האבען בפועל ממש געפיהרט אַ געיעג אויף מענשען, האבען אָבער אַלעמאָל כמעט געוואוסט, ווי צו פערנאַרען די קרבנות. בשעת מען לעזט אייניגע פון די לידער, וואס בעציהען זיך צו אָט דער מורא'דיגער עפּאָכע, דוכט זיך אויס, אַז מען לעבט ווידער איבער אַלע שרעקליכע סצענעס, ווייל די אַנאָנימע מחברים פון די לידער איז געלונגען אויסצודריקען און איבערצוגעבען דעם אומגליקס-פאָרגעפיהל, וואס איז געווען ביי יעדערען פון די יונגע לייט, ווען זיי האבען געוואוסט, אַז די צרה קומט אָן, נאַר איין גאָט ווייס, פון וועלכער זייט זי וועט אָנקומען און ווי מען דערלייזט זיך פון איהר. אין דעם ליעד רעדט זיך וועגען אַ בעל הבית'טע:

זי האָט געגעבען אַ קוק, אַז ער איז טויט,
האָט זי אויפ'ן טיש אַרויפגעלעגט אַ לעבעלע ברויט.

נעהמט ער די קענדעל און וויל זיך געהן וואַשען,
דוכט זיך איהם, אַז די חאַפערס געהען אַרום אין
די גאַסען.

געהט ער צו צום האַנטוך זיך ווישען,
דוכט זיך איהם די קייטען צו שליסען.

געהט ער צו דעם ברויט און וויל „המוציא“ מאַכען,
דוכט זיך איהם, אַז מ'טוט די שטוב פערוואַכען.

ווי ער האָט גענומען דעם ערשטען וואָרט בענשען,
זענען אַריינגעקומען אַ פולע שטוב מענשען.

יודען, כ׳ווייס, איהר זייט געקומען נישט נאָך ווייץ
און נישט נאָך קאָרן!
איהר זייט געקומען נאָך מיינע יונגע יאָהרען! 1)

אַלס טעמאַ פאַר איינינע פאָלקס־ליעדער האָבען אויך געדיענט די עולות פון די קהלה־רעפּוטאַטען אָדער שטאָדט־גבאים, וועלכע פלעגען די שווערע משא פון דער שטאָדט אין רוב אַרויפלעגען כמעט אויסשליסליך אויף די אָרימע פאַמיליעס. די עולות ווערען, ווי מיר וועלען עס ווייטער זעהען, בעהאַנדעלט דורך שריפטשטעלער פון דער צייט און דערביי שאַרף קריטיקירט. אין די פאָלקס־ליעדער איז אויסגעדריקט דער גאַנצער כעס און די אונצופריעדענהייט פון פאָלק געגען די „אַריסטאָקראַטען״, וועלכע האָבען, געגען געזעץ, געשאַפען פאַר זיך געוויסע פריווילעגיעס, פון וועלכע עס ליידען די אָרימע און אונטערדריקטע.

טרערען גיסען זיך אין די גאַסען,
אין קינדערשע בלוט קען מען זיך וואַשען.

געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג, —
צי דען וועט קיינמאָל נישט ווערן טאָג?

קליינע עופ׳עלעך רייסט מען פון חדר,
מען טוט זיי אָן יונ׳ישע קליידער.

אונזערע פרנסים, אונזערע רבנים
העלפען נאָך אָבציגעבען זיי פאַר יונים.

ביי זישע ראַקאָווער זענען דאָ זיבען בנים,
איז פון זיי נישט איינער אין יונים;

נאָר לאה די אלמנה׳ס איינציגע קינד
איז אַ כפרה פאַר קהל׳שע זינד.

---

1) גינזב. אוו מאריעק 44

עס איז אַ מצוה אָבצוגעבען פראָסטאַקעס, —
שוסטער, שניידער זענען דאָך לײדאַקעס;

קרעציגע הייציקלעך פון אַ משפחה אַ שענער
טאָרן ביי אונז נישט אַוועקגעהן נישט איינער. 1)

צום סוף פון דעם קאַפּיטעל ווילען מיר נאָך אָנווייזען אויף די
לידער, וואָס ווערען געזונגען אין יו"ט, אויף חתונות און ביי אַנ=
דערע עהנליכע צופעלער 2). איינגע פון זיי צייכענען זיך אויס
מיט זייער פּאָעטישען כאַראַקטער און זאָגען עדות אויף דער זעל=
טענער טרייקייט, מיט וועלכער דאָס פאָלק בעציהט זיך צו דער
אמונה פון זיינע אבות. זעהר פּאָפּולער איז נאָך עד היום אפילו
איין ליעד פון דעם מין, וואָס ווערט געזונגען אין פערשיעדענע
וואַריאַציעס 3). אַלע זענען זיי אָבער דורכגעדרונגען מיט דעם איי=
גענעם טיעפען פאָלקס=געפיהל, אַלע האָבען זיי איין צושפּיעל, וועל=
כער איז בעשטראַהלט מיט דעם בעגייסטערטען געפיהל פון אַ פאָלק,
וואָס, נישט קוקענדיג אויף אַלע רדיפות און גזירות, וואָס ס'שיטען
זיך אָהן אַנ'אויפהער אויף איהם, האָט עס נישט פערלוירען זיין
שטאָלצקייט און גרויסקייט און איז מודיע הויך, אויפ'ן קול זיין יחוס,
זיין גזע:

ווער מיר זענען, זענען מיר,
אָבער יודען זענען מיר 4).

---

1) גינזב. און מארעק 50
2) „ „ „ קאַפּ. 1 און VII
3) „ „ „ 23 און פאָלגענדע.
4) די צאָהל פון יודיש-דייטשע גלייך-ווערטלעך און שפּריך-ווערטער איז זעהר
בעדייטענד; עס קען זיין, אַז זי איז בעדייטענדער, ווי אויף מאַנכער אַנדערער פאָלקס-
שפּראַך. דער הומאָר פון געטאָ ווייזט זיך אַרויס אויף אַ כאַראַקטעריסטישען און ני-
גליך אויך אויף אַ פערשיעדענאַרטיגען אופן. און 1860-טען יאָהר האָט א. מ. טענד-
לוי פערעפענטליכט אַ זאַמלונג פון יודיש-דייטשע שפּריך-ווערטער („שפּריך-ווערטר און
רעדענסאַרטען פון דייטש-יודישער פאָרצייט, אַלס בייטראַג צו דער פאָלקס-שפּראַך און
שפּריכווערטער-קונדע, אויפגעצייכענט לויט דעם פאָלקס-מונד און ערלויטערט נאָך
וואָרט און זין", פראַנקפורט אויפ'ן מאין, 1860). אין ספּעקטאָר'ס „הויז-פריינד"

I) ב. 1888) זענען אָבגעדרוקט געווען 2056 שפריך-ווערטער, דעם גרעסטען טייל פון וועלכע ס'האָט צוזאַמענגעקליבען איגנאַץ בערנשטיין פון וואַרשוי. דער לעצטער האָט אַרויסגעלאָזען אין 1908-טען יאָהר אין וואַרשוי אַ זאַמלונג פון 3943 יודיש-דייטשע שפריך-ווערטער, וועלכע ער האָט צוזאַמענגעקליעבען אין פערלויף פון פינף און דרייסיג יאָהר אין רוסלאַנד, אין גאַליציען און פוילען. דער פּערפאַסער בעמערקט אַליין, אַז דאָס ווערק האָט נישט אַריינגענומען אין זיך אַלע שפריך-ווערטער, וואָס זענען אין גאַנג ביי די יודען, וואָס וואוינען אין די דאָזיגע לענדער. (יודישע שפריך-ווערטער און רעדענסאַרטען, געזאַמעלט דורך א. בערנשטיין, וואַרשוי, 1908). דער טעקסט איז געשריבען צוגלייך מיט העברעאישע און לאטיינישע בוכשטאַבען.

IV.

די השכלה-ליטעראַטור.

א) די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער השכלה-עפּאָכע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און די הומאַניסטישע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די דייטשע יודען פון מענדעלסאָנ'ען אָן, האָט אָנגעהויבען אַריינצודרינגען דורך עסטרייך אין גאַליציען אין די רוסישע געגענדען, בעזונדערס אין די ליטווישע און דרום-רוסישע. אין 1828-טען יאָהר האָט י. ב. לעווינסאָן (געבוירטיג אין וואָלין), וועלכער איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „דער מענדעלסאָן פון די רוסישע יודען”, פערעפענטליכט אין ווילנאָ זיין „תעודה בישראל”, וואָס איז געווען ווי אַ מין מאַניפעסט פון דער דעמאָלסדיגער רוסישער השכלה. דערנאָך זענען ערשיענען אַנדערע ווערק פון דעם זעלבען מחבר; דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך אָבגעגעבען דערמיט, צו פערטיידיגען די אַלגעמיינע בילדונג פאַר דעם געוויסען פון דער פרום פערצייטיגער יודישער וועלט.

דער אמת'ער צענטר פון דער השכלה איז אָבער נישט געווען דער רייכער דרום, וואו ס'זענען געווען וועניג יודען (און אויך די וועניגע, זענען נישט געווען אַריינגעטאָן אין לערנען און אין קאָפּזאַכען), נאָר די אָרימע ליטא, וועלכע איז גרעסטענטיילס נישט צוגעשטאַנען צו דער חסידישער בעוועגונג: אַט דער אַלטער צענט-

רום פון תורה און תלמוד, וואו די מחות האָבען זיך שוין פון כמה הונדערטער יאָהרען געשליפען אויף די פערפלאָנטערטסטע און שאַרפ־סטע פלפולים, וואו ס׳זענען געווען זעהר פערשפרייט ישיבות, וואו מען האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט אַלערליי עלויים און לומדים, וואו יעדע מוטער האָט נאָר געחלומ׳ט, אַז איהר זוהן זאָל זיין אַ רב, אַ תלמיד חכם, — אָט די ליטא איז דער מקיר פון דער רוסישער השכלה. פון דעם אונפרוכטבארען, טרוקענעם לאַנד, וואו עס האָט געלעבט די „קרוין״ פון די ליטווישע יודען, „דער ווילנער גאון״, וועלכער האָט שטאַרק געליעבט די מאַטעמאַטיק און האָט אַריינגעלעגט אין חרם די חסידים, — איז אַרויס די השכלה מיט איהרע יונגע־לייט, פּאָעטען, פובליציסטען, ראָמאַניסטען, וועלכע זענען כמעט אַלע געווען מעהר אָדער וועניגער בעדייטענדע דענקער, אָנפיהרער פון דער רוסישער השכלה־בעוועגונג, קעמפפער פאַר רעליגיעזע רע־פאָרמען, געגנער פון דעם חסידיזמוס און די רבנים; וועלכע האָבען בעזונגען די נצחונות פון דער השכלה, געלויבט די מעלית פון דער „בילדונג״ און וועלכע זענען אין פערלויף פון איין האַלבען יאָהר־הונדערט געוואָרען די שעפפער פון דער העבּרעאישער ליטעראַטור און געוויסערמאַסען אויך פון דער יודיש־דייטשער.

בעפאָר מיר טרעטען צו נעהנטער צו בעטראַכטען די ליטע־ראַרישע עפּאָכע, וואָס מיר האָבען בעצייכענט מיט׳ן נאָמען „די השכלה־עפּאָכע״, מוזען מיר זיך בעקענען מיט דעם טיפּ פון אַ משכיל איבערהויפּט, איך וויפיעל ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין לעבען און אין דער ליטעראַטור פון דער דאָזיגער עפּאָכע. בעזונ־דערס איז עס ווילכטיג דערפאַר, וויל קוים געפינען מיר נאָך אַ לי־טעראַרישע עפּאָכע, וועלכע זאָל אויף אַזוי פיעל זיין דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט און די טענדענצען פון איין סאָציאַלער און ליטעראַרישער גרופּע, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דער דאָזיגער עפּאָכע, וועלכע טראָגט אויף זיך אין גאַנצען דעם שטעמפּעל פון די מענשען, וואָס זענען בעקאַנט, אַלס „משכילים״. זיי זענען נישט נאָר געווען כמעט די איינציגע מחברים פון דער גאַנצער וועלטליכער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, נאָר זיי זענען אויך געווען די איינציגע לעזער, הויפּט־זעכליך אויף העבּרעאיש, אויף וועלכען עס האָבען פון אָנהויב געש־ריבען כמעט אַלע יודיש־דייטשע שריפטשטעלער. די ליטעראַטור האָט פאַר אַלעם געהאַט אין זינען די פערשפרייטונג פון די משכי־לישע אידעען; זי האָט שטענדיג געשילדערט, מעהר אָדער וועני־גער אונפּאַרטייאיש, דעם קאַמפף, וואָס איז געפיהרט געוואָרען צווי־

שען די „משכילים” און זייערע אָרטאָדאָקסישע געגנער ; איהרע העלדען פאַר ראָמאַנען האָט די ליטעראַטור געפונען, נאָר אין דער משכילישער וועלט ; ווילען מיר פערשטעהן, פאַרוואָס האָט זיך די יודיש-דייטשע ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, וועלכע מיר בעטראַכטען דאָ איצט, געפונען אין אַזאַ שלעכטען צושטאַנד, דאַרפען מיר זיך ווענדען צו די אידעען, וועלכע האָבען געהערשט צווישען די משכילים, בנוגע צו דער יודיש-דייטשער שפּראַך און דער יודיש-דייטשער ליטעראַטור .

די הויפּט-שפּראַך פון משכיל איז געווען העברעאיש, חאָטש ער האָט אויף איהר נישט גערעדט ; דעריבער מוזען מיר זיך ווענדען צו דער העברעאישער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, ווען מיר ווילען פערשטעהן דעם גייסטיגען סיסטעם, די אידעען און געפיהלען פון דעם אינטערעסאַנטען און אָריגינעלען טיפּ, וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען דורך דעם, וואָס אין אַ סביבה, וועלכע איז געווען פּאָליטיש און סאָציאַל זעהר נישט געהויבען, האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען צוויי פערשיעדענע קולטורען, די יודישע און די אייראָפּעאישע 1) .

דער משכיל האָט זיך צוערשט בעוויזען אין דייטשלאַנד. דאָרטען האָט ער זיך גרופּירט אַרום דעם „המאסף” (דער זאַמלער), אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1784-טען יאָהר און איז ערשיענען מיט אייניגע מעהר אָדער ווייניגער לאַנגע אונטערברעכונגען ביז'ן 1811-טען יאָהר 2). דייטשלאַנד אָבער, וואו די יודען האָבען זיך באַלד געקענט צוזאַמענגיעסען מיט דער

---

1) ווען מיר וואָלטען ווּלען אויסרעכענען אַלע ליטעראַרישע דאָקומענטען, וואָס מיר בעהויפּטען וועגען די משכילים און דער משכילישער בעוועגונג אין אַלגעמיין, — וואָלטען מיר געדאַרפט ציטירען כמעט די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, און דאָס איז, פערשטעהט זיך, אונמעגליך. מיר ווּלען אונז בענוגענען דערמיט, וואָס מיר ווייזען דאָ אָן קורץ (אַחוץ די קוועלען, וואָס מיר ציטירען ווייטער) אַן'אַלגעמיינעם אַרטיקעל, וועלכער נעהמט אַרום די העברעאישע ליטעראַטור פון דער עפּאָכע, וואָס מיר ערלערנען דאָ, און איז געדרוקט אין נ. סלושץ'ס ספר „די אויפלעבונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור” ; „די נוי-העברעאישע ליטעראַטור פון XIX-טען יאָהרהונדערט” פון י. קלויזנער, וואַרשוי, 1900 ; די יודישע ענצ., אַרטיקעל „השכלה”.

2) אויספיהרליכע וועגען דעם „המאסף” און די „מאספים” (די מיטאַרבייטער

נאַציאָנאַלער קולטור פון דעם לאַנד, האָט נישט געשאַפען אַזעלכע בעדינגונגען, ביי וועלכע ס'האָט זיך געקענט ענטוויקלען אַ בעדייטענדע השכלה-בעוועגונג. די קינדער פון די ערשטע משכילים האָבען זיך שוין, מיט דער הילף פון דער שפראַך פון דעם לאַנד, אָנגעזאַפט מיט דער מאָדערנער קולטור (העברעאיש האָט מען דערביי נישט געדאַרפט), און דער ערשטער דור פון די משכילים אין דייטשלאַנד איז צוגלייך געווען אויך דער לעצטער.

גאַנץ אַנדערש זענען געווען די בעדינגונגען פון יודישען לעבען אין די סלאַווישע לענדער, דעריבער איז אויך אַנדערש געווען דער מזל פון דער השכלה-בעוועגונג אין די דאָזיגע לענדער. די אָרימקייט פון די יודען און, פון דער צווייטער זייט, די פערפאָלגונגען, וועלכע זיי זענען אויסגעשטאַנען און שטעהען נאָך עד היום דאָרטען אויס, די ספעציעלע געזעצען, וואָס עקסיסטירען דאָרטען פאַר זיי, ווי, צ. ב. דער תחום המושב און די „פראָצענט-נאָרמע", איבער וועלכער די שולען זענען פאַר זייערע קינדער פערשלאָסען, — אָט די אַלע בעדינגונגען האָבען מיטגעהאָלפען אויפצוהאַלטען דעם אויבען דערמאָהנטען איבערגאַנגס-טיפ פון אַ משכיל.

צוערשט איז פאַר'ן משכיל כאַראַקטעריסטיש זיין העברעאישע בילדונג. אַזוי ווי מייסטענס זענען די משכילים אַרויסגעקומען פון די ישיבות און זענען געווען חברים פון די יונגע לייט, וועלכע האָבען פון קינדוויז אויף פערבראַכט די צייט אויסשליסליך אין לערנען גמרא — האָבען זיי טאַקע פון אָנהויב נישט געהאַט קיין אַנדערע בילדונגס-קוואַלען, ווי די ליטעראַטור, וואָס איז געווען געשריבען אויף דער איינציגער שפראַך, וועלכער זיי האָבען פערשטאַנען, ד. ה., אויף העברעאיש. געוועהנליך פלעגט דער משכיל אָנהויבען מיט דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעזען דעם רמבם'ס „מורה נבוכים" און נאָך איינינע פילאָזאָפישע ווערק פון יודישען מיטעל-אַלטער, און ענדיגען פלעגט ער דערמיט, וואָס ער האָט געלעזען די ווערק פון דער מאָדערנער העברעאישע ליטעראַטור; פילאָזאָפישע ווערק, ווי דער „מורה נבוכי הזמן" פון גאַליציאַנישען פילאָזאָף ר' נחמן קראָכמאַל (1785—1840), ווערק פון דער השכלה-פראָפאַגאַנדע, ווי „תעודה בישראל" פון י. ב. לעווינסאָן, פאָלעמישע ווערק, שריפטען וועגע

פון „המאסף") זעהט גרעץ, „געשיכטע פון די יודען" א. א. וו., ב. IV, ז. 140-131. — גוסטאוו קאַרפעלעס, אויבען ציטירט, ז. 1079-1086.

דער העברעאישער גראַמאַטיק, ראָמאַנען, ליעדער, וואָס זענען גע־שאַפען געוואָרען פון זיינעטוועגען דורך זיינע חברים־משכילים. דער משכיל פלעגט זיך אָבער נישט בענוגענען מיט דער העברעאישער ליטעראַטור. און טאַקע דאָס ערשטע, וואָס די השכלה־ליטעראַטור האָט איהם רעקאָמענדירט, איז געווען, אויסלערנען זיך פרעמדע שפּראַכען, ווייל די ליטעראַטור איז פאַר אַלעם געווען אַ פּראָפּאַגאַנ־דע־מיטעל אום צו ערוועקען, צו שאַפען די שטרעבונג אויף צו בילדען זיך.

ליידער, האָט דער משכיל געטראָפען זעהר פיעל מניעות און בעדייטענדע שוועריגקייטען אויף זיין וועג צו בילדונג. ווערק, וואָס האָבען אַ וויסענשאַפטליכען ווערט, זענען זעהר זעלטען אין העברע־איש; אָריגינעלע ווערק, ווי דער „מורה נבוכי הזמן“, זענען אויך נישט פיעל געווען אין דער שפּראַך. היינט הויבט זיך נאָך אָן די טראַגעדיע אין משכיל'ס לעבען גופא. זעהר אָפט איז ער צו דער צייט, ווען עס „עפענען זיך איהם די אויגען פון דער השכלה־ליכט“, שוין אַ יוד אין יאָהרען, אַמאָל שוין אַ חתונה־געהאַטער, מיט אַ ווייב און קינדער. איינינע האָבען געהאַט אין זיך די נויטיגע ענערגיע גובר צו זיין די דאָזיגע הינדערניסע; מיט אָדער אָהן דער צושטי־מונג פון זייערע פאַמיליעס פאָהרען זיי אַוועק אין די גרויסע שטעדט, אין די קולטור־צענטרומס, וואו זיי קומען אָן אין די ראַבינער־שולען, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרען דורך דער מלוכה, און בערייטען זיך פאָר צום אוניווערסיטעט. אין די שולען נעהמען זיי איבער די שפּראַך און די קולטור פון לאַנד, בעקומען אַ פרייע פּראָפעסיע און זעהר אָפט, פערלאָזענדיג די שול, טראַכטען זיי מעהר נישט וועגען זייער אַלטען משכיל'ישען אידעאַל, פערליערען זייער ליעבע צו העב־רעאיש און ווערען פּראַקטיש און טעאָרעטיש דאָס, וואָס מען רופט אין דער יודישער ליטעראַטור, אַסימילאַטאָרען.

די צאָהל „עמאַנציפּירטע“ איז אָבער פערהעלטניסמעסיג געווען קליין. מייסטענס פלעגען די עלטער, די דאגות וועגען דער פאַ־מיליע, די מאַטעריעלע אָרעמקייט, די מורא צו שיידען זיך מיט דער סביבה, וואו מען איז געבוירען און אויסגעוואַקסען, אָפט אויך די בעגרענעצונגס־געזעצען שטערען דעם משכיל אַריינצוטרעטען אין דער שול, וואוהין ער האָט געשטרעבט. נישט קענענדיג אַלזאָ בע־קומען קיין נאָרמאַלע בילדונג, זיך ספּעציאַליזירען אין אַ בעשטימטער פּראָפעסיע, האָט דער משכיל, ווען ער האָט געוואָלט בעפרידיגען זיין דורשט נאָך בילדונג, בלייבענדיג אויף דעם זעלביגען אָרט, וואו

ער האָט געלעבט, נישט געהאַט קיין אַנדער מיטעל, ווי זיך צו ווענדען צו די שטומע ביכער, ווי צו ווערן אַנ׳אויטאָדידאַקט. נאָך דער העברעאישער בילדונג איז די צווייטע האַראַקטעריסטיק פון משכיל דאָס, וואָס ער איז אַנ׳אויטאָדידאַקט, מיט אַלע אָריגינעלע שטריכען, וואָס זענען טיפּיש פאַר דעם בילדונגס-גאַנג.

די ערשטע זאַך, וואָס דער משכיל האָט ערלערנט נאָך העברעאיש, איז געווען די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור. און דאָס דאַרף אונז נישט וואונדערן; די קולטור איז צו איהם נישט געקומען נישט דורך דער רוסישער שול, נישט פון די טויזענדער רוסישע אינטעליגענטען, מיט וועלכע דער משכיל האָט נישט געהאַט קיין מגע ומשא; די קולטור איז געקומען צום משכיל פון דייטשלאַנד, דורך די דאָרטיגע משכילים. זייער נאָמען האָט איהם פערבלענדעט, זייער וואָרט איז פאַר איהם הייליג געווען, און ער האָט געשטרעבט צו זיין עהנליך צו איהם.

פון דער אַנדערער זייט, האָט דער משכיל געהאַט אַ מיטעל זיך אויסצולערנען דייטש, וועלכעס עס האָט איהם אויסגעפעהלט בנוגע צו רוסיש און וואָס האָט געשטימט מיט זיין געשמאַק און מיט זיין ספּעציעלער קולטור. מענדעלסאָן און זיינע תלמידים, וועלענדיג, אַז די יודען זאָלען זיך נעהמען לערנען תנ״ך מיט אַ זין און אַ שכל, און זיי זאָלען פערלאָזען די יודיש-דייטשע שפּראַך צוליעב דער דייטשער, — האָבען פערעפענטליכט אַ נייע אויסגאַבע פון תנ״ך, מיט אַ באור אין העברעאיש, וועלכער איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר און איינפאַך און וועלכען אַ גרויסער אָרט איז אָבגעגעבען געוואָרען דעם פילאָלאָגישען שטודיום פון די ווערטער. צוגלייך מיט דעם באור איז צוגעגעבען געוואָרען אַ ליטעראַרישע דייטשע איבערזעצונג צום טעקסט גופא, געדרוקט מיט העברעאישע אותיות 1).

ס׳איז שווער צו בעשטימען ריכטיג די ווירקונג, וואָס די דאָזיגע אויסגאַבע האָט געהאַט אויף דער השכלה-בעוועגונג. די צוויי ציעלען, וועלכע די אויטאָרס האָבען זיך געשטעלט, זענען דערגרייכט געוואָרען. לערנען תנ״ך מיט אַ זין און אַ שכל, לערנען די ביבלישע שפּראַך, ווי אויך לערנען די ליטעראַרישע דייטשע שפּראַך, — זע-

1) די ערשטע אויסגאַבע פון חומש מיט׳ן באור און דער דייטשער איבערזעצונג מיט העברעאישע אותיות איז אַרויסגעגאַנגען אין בערלין אין 1780-1783.

גען געוואָרען די הויפּט־פּונקטען פון השכלה'שען „אני מאמין" 2).

דער רוסישער משכיל, געהענדיג אין פיסטריט פון זיין דייטשען ברודער, האָט זיך ווירקליך באַלד גענומען לערנען דייטש. די דייטשע איבערזעצונג פון תנ"ך האָט איהם אריינגעפיהרט אין דער שפּראַך, באַלד דערויף האָט ער זיך געווענדעט צו דער קלאַסישער ליטעראַטור אויף דער שפּראַך. געטהע, טשאַקקע, בעזונדערס שילער זענען געווען די פּאָפּולערסטע נעמען ביי די משכילים. „די גלאָקע", „רעזיגנאַציאָן" זענען מעהרערע מאָל איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש, און ס'איז געווען מאָדנע וואונדערבאַר צו זעהען דעם רוסישען משכיל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער זשיפּעצע, געהענדיג דריי מאָל אין טאָג אין בית המדרש דאַווענען, — ווי ער לעזט מיט יראת הרוממות (עהרפורכט), כמעט ווי אַ תפלה, די סענטימענטאַלע לידער פון שילער אדער פון אַן'אַנדער דייטשען פּאָעט.

די נייגונג צו דער דייטשער שפּראַך איז אויך שטענדיג פערבליעבען אין דעם משכיל'ישען גייסט. נישט קענענדיג גוט רעדען אויף דער שפּראַך, וועלכע ער האָט ערלערנט פון ביכער, ריזיקירענדיג, פון דער אַנדערער זייט, אַז ווען ער וועט אויף איהר רעדען, וועלען דאָך איהם די אַרומיגע יודען נישט פערשטעהן, — האָט דער משכיל זיך געסטאַרעט חאָטש אַריינצושטעלען, אויף וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך געווען, דייטשע ווערטער אין זיין געשפּרעך אָדער אין זיינע שריפטען, וועלכע ער האָט געשאַפען אין דער פאָלקס־שפּראַך. דאָס פאָלק, זיך בעציהענדיג, פערשמעהט זיך, זעהר איראָניש צו אַזאַ ארט רעדען און שרייבען, האָט עס אָנגערופען: „טייטשמעריש".

וואָס איז געווען דער פּאָזיטיווער אידעאַל פון דעם דאָזיגען משכיל'ישען גייסט, וועלכער איז ערשיענען אין יודישען לעבען? איינינע, די מעהר ערנסטע און אויסדערוועהלטע צווישען זיי, ווי צ. ב., לעווינסאָן, דער העברעאישער פּאָעט י. ל. גאָרדאָן, האָבען געחלומט אַז אין אַ מעהר אָדער וועניגער נאָהענטער צוקונפט וועט אָנקומען

---

2) אַ בעריהמטער רב פון דער עפּאָכע, ר' יחזקל לאַנדוי פון פּראַג, בעקלאַגט זיך ביטערליך אויף דער דאָזיגער איבערזעצונג; „די תורה איז געוואָרען ווי אַ מין דינסטמויד, וועלכע דאַרף דינען צו פּראָפּאַגאַנדירען די דייטשע שפּראַך", ציטירט ביי ב. צ. כץ, „די געשיכטע פון דער השכלה ביי די רוסישע יודען" (אויף העברעאיש) הזמן, ס"ט פּעטערבורג, 1903, ב. II ז. 20. זעהט אויך ה. גרעץ, „די געשיכטע פון די יודען", לייפּציג, ביי אָסקאַר לייגער, ב. VI, ז. 45.

אזא מין זאך, ווי די עמאנציפאציע פון די יודען אין זייערע לענדער. דערביי האבען זיי זיך פארגעשטעלט, אז די עמאנציפאציע וועט נישט זיין א פאליטישער אקט פון דער נייער ארדנונג, וועלכע וועט געשאפען ווערען אין דער ארומיגער געזעלשאפט, זונדערן דאס וועט זיין א טובה און א ישועה מצד דער רעגירונג און איהרע מיניסטארען. זיי האבען אויך גערעדט וועגען גרינדען אגראנאמישע שולען, זיי האבען געוועקט אין פאלק א שטרעבונג צו בעשעפטיגען זיך מיט פיזישער, צ. ב., האנדווערקעריי־ארבייט, דערביי האבען זיי נישט אזוי געהאט אין זין דאס, אז די בעשעפטיגונגען זענען גוט אן און פאר זיך, ווי זיי האט זיך געוואלט וויזען די נישט־יודען, אז יודען קענען זיך בעשעפטיגען מיט מלאכות און, הויפטזעכליך, אז זיי קענען זיין נוצליך פאר דער געזעלשאפט. 1) צוליעב דעם זעלבען ציעל האבען זיי געראטען צו לערנען די לאנד־שפראך, בעזוכען די מלוכה־שולען, איבערבייטען די טראדיציאנעלע מלבושים אויף א מאדערנעם קאסטיום און נאך אנדערע רעפארמען פונ'ם זעלביגען מין.

פאר דעם גרעסטען טייל משכילים אבער, פאר די אונגליקליכע האלב־אינטעליגענטען, וועלכע האבען זיך אבגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער מאדערנער קולטור; וועלכע זענען שוין גלייך געווען ווייט, ווי פון די פינסטערע אבערגלויבישע מאסען, אזוי אויך פון די זעלטענע פריווילעגירטע, ווען עס איז געלעגען זיך אין גאנצען צו עמאנציפירען; פאר די משכילים, וואס זענען געגויט געווען איבער זייערע מאטעריעלע בעדינגונגען צו פיהרען די ארימע עקסיסטענץ פון קליינע בעלי הבית'לעך, ליגענדיג אויפ'ן האלז פון זייערע עלטערן אדער פרויען, — פאר זיי איז לעווינזאנ'ס און גארדאנ'ס אידעאל געווען אונמעגליך צו פערווירקליכען. דער אידעאל פון „השכלה" איז פאר זיי געווען עפעס א זאך, וואס איז גוט בשעת עס איז אונקלאר, און ווערט שלעכט, ווען עס לייטערט זיך אויס און ווערט מעהר בעשטימט. די השכלה איז נישט געווען א קינד פון דער ערד, זונדערן א „טאכטער פון הימעל", ווי עס ווערט אהן אויפהער איבערגעחזר'ט אין זייערע פראזאאישע און פאעטישע שריפ־

---

1) „די פראגע: „וואס וועלען די גוים זאגען וועגען אונז?" איז געווען דער גרונד־געדאנק ביי די אלע, וואס האבען גערעדט אין נאמען פון דער השכלה. ס'געפינט זיך קוים איין ארטיקעל, וואו די פראגע זאל נישט בעריהרט ווערען" ב. צ. בן, אויב. ציט. הזמן 1903, ב. I ז. 81.

טען. פאַר פאָלקאָמענע מענשען האָבען זיך גערעכענט נאָר דער דאָקטאָר, דער אַדוואָקאַט, אפילו דער סבאָרשטשיק פון דעם בראָנ־פען־אָבצאָהל, אַלע די, וואָס האָבען גערעדט רוסיש, וואָס האָבען זיך געקליידט אייראָפּעאיש, און האָבען ווען־נישט־ווען געגעסען אַ מיטאָג ביי דער „נאַטשאַלסטווע" פון שטאָדט, — מיט איין וואָרט אַלע די, וועלכע האָבען געהאַט אין זיך וועלכע נישט איז אויסערליכע סמנים פון דער ציוויליזאַציע, צו וועלכער דער דורכשניטליכער משכיל האָט אַלץ מעהר געשטרעבט, וואָס שווערער איהם איז גע־ווען צו איהר צוצוקומען.

זיין גאַנצע ליעבע און זיין גאַנצע פערעהרונג אָבער האָט דער משכיל הויפּטזעכליך אָבגעגעבען דער העברעאישער שפּראַך און דער העברעאישער ליטעראַטור, פון וועלכע ער האָט דאָך געשעפּט די טיעפסטע פריידען פון זיין אינטעלעקטועלען לעבען.

די העברעאישע שפּראַך, און בעזונדערס איהר גראַמאַטיק (דקדוק), איז פאַר איהם געוואָרען אַן׳אמת׳ער קולט. דער טיטול „בעל מדקדק" (גראַמאַטיק־קענער) איז אפשר געווען דער, מיט וועלכען מען האָט מעהר פאַר אַלץ געשטאָלצירט. מען פלעגט זיך אָבער נישט אָבשטעלען ביי דער גראַמאַטיק אַליין, — כמעט אַלע משכילים האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ליטעראַטור. און אין דער ליטעראַטור האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע די פאָרם פון זאַץ. שרייבען מיט מליצה, אין אַן׳ערהויבענעם טאָן, פול מיט פּרעטענזיע, אַריינוואַרפען, אויף וויפיעל ס׳איז נאָר מעגליך געווען, פסוקים פון תנ״ך, בעצייכענען די איינפאַכסטע זאַכען מיט וואָס מעהר פּאָעטישע שטריכען און בילדער, — דאָס איז געווען דער פאָרם־אידעאַל פון דעם משכיל.

האָבענדיג ווייניג געדאַנקען, איבערחזר׳ענדיג שטענדיג איין און די זעלבע זאַך, — האָבען זיי געמוזט זעהן צו פערדעקען די אָרימע נאַקעטקייט פון זייער געדאַנק מיט פראַזעאָלאָגיע, בלישצענדיגע קליי־דער, און עס פאָדערט זיך אַן׳ערנסטע אָנשטרענגונג מצד די מאָדער־נע העברעאישע שריפטשטעלער, כדי צו ראַטעווען די ליטעראַטור פון דעם מבול פוסטע ווערטער און אינהאַלטסלאָזע פראַזען, מיט וועלכע די השכלה־צייט האָט זי פערדאָרבען.

אַן׳אינטערעסאַנטע ערשיינונג! דער משכיל, וואָס האָט שטענ־דיג, אָן אַן׳אויפהער, בעזונגען די נצחונות פון דער שענער, „איין־איינציגער שפּראַך, פון דער לעצטער זאַך, וואָס איז אונז נאָך איבערגעבליבען", איז נישט געווען קיין נאַציאָנאַליסט. דער

משכיל איז געוואָרען א נאַציאָנאַליסט „איבער געוואלט„, נאָכדעם ווי עס זענען געקומען די בעריהמטע פאָגראָמען. שפּעטער האָט ער אָנגעפילט די רייהען פון דער ציוניסטישער אַרמעע 1); פאַר די אונרוהען אָבער פון 1881-טען יאָהר איז דער משכיל קיין נאַציאָנאַליסט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט נאָך נישט געווען.

זיין גרעסטער אידעאַל איז נישט געווען צו שאַפען א נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, נאָר צו אַסימילירען זיך מיט דער אַרומיגער קולטור; זיין זוהן זאָל נישט ריידען העברעאיש, נאָר, אויף וויפיעל דאָס איז מעגליך, — דבר'ן רוסיש. אַפילו אין זייערע מנהגים און אויסערליכע זיטען האָבען די משכילים, וואָס האָבען זיך געפונען אין בעסערע לעבענס-בעדינגונגען, געסטאַרעט זיך נאָכצומאַכען זייערע שכנים—די נישט-יודען. י. ל. גאָרדאָן, דער גרעסטער העברעאישער פאָעט פון דער עפּאָכע, איינער פון די אָנפיהרער אין דער השכלה-בעוועגונג, פאָרמולירט זייער גאַנצען פּאָליטישען „אני מאמין" אין איין פראַזע 2), וואָס איז געוואָרען בעריהמט און איז שפּעטער מיט פעראַכטונג אָבגעוואָרפען געוואָרען דורך די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען: „היה אדם בצאתך ויהודי באהליך" (זיי א מענש אויפ'ן גאַס און א יוד אין שטוב).

די משכילים האָבען נישט געהאַט קיין ברייטען פּאָזיטיווען אידעאַל, אויף וועלכען זיי וואָלטען זיך געקענט שטיצען אין זייער קריטישער און צעשטערענדער אַרבייט; פון דעם איז לייכט צו פערשטעהן, אַז דער טייל פון זייער פּראָגראַם, דער מעהר וויכטיגער, האָט נישט ווילענדיגערהייד געמוזט אָננעהמען זעהר א ענגען חאַראַקטער. די גאַנצע אַלטע יודישע קולטור, וועלכע די משכילים האָבען געהאַט, ביי זייער ערשטען ערשיינען, פ א ר זיך און ג ע ג ע ן זיך, האָט געטראָגען א רעליגיעזען חאַראַקטער; דער קאַמפּף האָט זיך אָנגעהויבען גלייך פון אָנהויב צווישען די פאָרשטעהער פון די אַלטע

---

1) פערגלייכט די צוויי ביכער פון מ. ל. ליליענבלום, איינעם פון די שפּעטערדיגע אָנפיהרער פון דער השכלה-בעוועגונג, וועלכער איז, נאָכדעם, געוואָרען איינער פון די אַקטיווסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פון נאַציאָנאַליזם: „חטאת נעורים" (יוגענד-זינד), וויען, 1876, און „דרך תשובה" (דער וועג פון תשובה), וואַרשוי, 1899.

2) י. ל. גאָרדאָן, פּאָעטישע ווערק (כל שירי יהודה ליב גאָרדאָן, אין 6 בענדער, ווילנא), 1898, ב. I, ז. 45.

מנהגים און די בעשיצער פון דער אייראָפּעאישער קולטור. די לעצטע זענען אָבער וויים געווען פון דעם, אַז זיי זאָלען קענען רעדען און נאָמען פון אַ נייען אידעאַל; נאָך וועניגער זענען זיי געווען דורכגעדרונגען מיט אַ נייער רעליגיעזער אידעע; דעריבער איז זייער גאַנצער קולטור־קאַמפף פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזאַ אָרים שטיקעל אַרבייט, ווי פערטייטשען און מבאר זיין פסוקים. די אַרבייט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס מען פלעגט דאַרפען אַרויסווייזען אַ טיעפערע קענטנים פון תלמוד אין דער הינזיכט, אַז ווען איינער האָט געבראַכט איין דעה וועגען אַ בעשטימטען דין, האָט מען געדאַרפט קענען ענטגעגענשטעלען אַ צווייטע דעה, אַ מעהר ליבעראַלע, וועלכע איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַ גרעסערן אויטאָריטעט. שמואל, אַ בעריהמטער העלד פון אַ העברעאישען ראָמאַן, אין וועלכען דער קאַמפף פאַר רעליגיעזע רעפאָרמען איז אידעאַליזירט, 1) פערברייננט זיין צייט אין דעם, וואָס ער וויל פערשעמען דעם רב פון זיין שטעדטיל, און דעריבער ברענגט ער פערשיעדענע גמרות, אום אויפצעווייזען, אַז דער אָקס, וועלכען דער רב האָט געמאַכט פאַר „טרף" דאַרף זיין נאָר „כשר" און מען מעג איהם ניצען 2). י. ל. גאָרדאָן אַליין, וואָס איז געווען דער היציגסטער געגנער פון די רבנים און וועמען די פערטיידיגער פון דער רעליגיע האָבען מורא'דיג געהאַסט, ערלויבט זיך קיינמאָל נישט אויף אַנדערע אָנפאַלען געגען דעם רבניזמוס, ווי נאָר פון דעם מין, וועגען וועלכען מיר רעדען דאָ יעצט. 3)

1) ר. א. ברוידאָ, הדת והחיים (די רעליגיע און דאָס לעבען) לעמבערג, 1880.

2) זעהט אויך שירי מ. גאָרדאָן (יודיש-דייטש) וואַרשוי, 1889, ז. 54.

3) זעהט די ליעדער „קוצו של יוד", „אשקאָ דריספּק" און אַנדערע אין די פּאָעטישע שריפטען פון י. ל. גאָרדאָן, אויבען ציטירטע אויסגאַבע. — „די השכלה־שרייבער האָבען אַריינגעפיהרט נייע מאָטיווען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די מאָטיווען בעציהען זיך מייסטענס אויף דעם קאַמפף „פונ'ם ליכט געגען דער פינסטערניש" אין ענגען און אַלעגאָרישען זין פון וואָרט. „דאָס ליכט", מיינט מען „די השכלה" ד. ה. גראַמאַטיק, קורצע קליידער, די שפּראַך פון דעם לאַנד, א. א. וו. און „די פינסטערניש", הייסט: יאַרמאָלקע, אָבהיטען צו עסען מצות פסח, די תפלה „אשר יצר" א. א. וו. (ח. נ. ביאַליק, „אונזער נייע פּאָעזיע" אין דער העברעאישער מאָנאַטסשריפט השלח, יאַנואַר, 1904, ז. 69). משה ליוב ליליענבלום, וועלכען מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, האָט זיך, צו דער צייט שוין, ווען ער האָט געקעמפפט פאַר די

צוגלייך מיט די רבנים, און אפשר נאָכמעהר פאַר זיי, האָט די חסידישע בעוועגונג געליטען פון די אונאויפהערליכע אָנפאַלען מצד די השכלה־שרייבער. „דער חסידיזמוס, איז דער שונא". דאָס איז נעהמען דאָס קאַמפף־וואָרט פון דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור. די לעצטע אָבער, נישט האָבענדיג קיין דאָקטרינע, קיין אייגענעם אידעאַל, וואָס זי זאָל קענען ענטגעגענשטעלען אָט דער בעוועגונג, וועלכע איז געווען איינע פון די אָריגינעלסטע און שטאַרקסטע ביים יודישען פאָלק פאַר די לעצטע יאָהרהונדערטער, — האָט אויך נישט געקענט פיהרען קיין ממשות'דיגען קאַמפף. אַלע שריפטשטעלער, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט'ן חסידיזמוס, אָנהויבענדיג פון ערטער'ן, דעם שאַרפען הומאָריסט (1792—1841) ביז דעם בעריהמטען ראָמאַניסט פרץ סמאָלענסקי'ן (1842—1885) און בראַנדשטעטער (געבוירטיג אין 1844־טען יאָהר אין ברזשעסקא, גאַליציען), דעם גייסטרייכען אויטאָר פון די מעשה'לעך פון חסידישען לעבען אין גאַליציען, האָבען אין חסידיזמוס געזעהן נאָר זיין לעכערליכע און פאַלשע זייט, זיינע מופתים, זיינע האַבגיעריגע און פינסטערע רביים, די בלינדע און אָבערגלויבישע מאַסע פון געטרייע חסידים. זיי האָבען נאָר גע'חוזק'ט פון אַ בעוועגונג, וואָס האָט בעריהרט די געהיימסטע פעדים אין דער נשמה פון מיליאָנען יודען און וואָס איז געוואָרען אַנ'אונאויסשעפּבאַרע־ קוואַל פון פּאָעזיע און לעגענדען פאַר אַ פאָלק, וועגען וועלכען מען האָט על פי טעות גערעכענט, אַז זיין הארץ איז אויסגעטריקענט געוואָרען אין דער שווערער און שטיקענדיגער אַטמאָספערע פון הונדערטע יאָהריגע רבנות און לומדות. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען די השכלה־וועלען זענען שוין פאַריבערגעלאָפען, ווען ס'איז ענטשטאַנען אַ נייער דור שריפטשטעלער און פּאָעטען אין דרום־רוסלאַנד מיט דעם מיסטישען און חסידישען פּוילישען יודען, וועלכען ס'איז במעט פרעמד געבליבען די השכלה־בעוועגונג, — ערשט דאַן האָבען די העברעאישע און יודיש־דייטשע ליטעראַטורען, אָנגעהויבען צו זעהען אין חסידיזמוס עפּעס אַנדערש, ווי נאָר בעטרוג און אַ לעכערליכען אַבערגלויבען.

דער משכיליזמוס איז קיינמאָל נישט געווען קיין פאָלקס־בעוועגונג.

רעליגיעזע רעפאָרמען, נאָך מורא געהאַט, — דער יושר האָט איהם צו דעם נישט צוגעלאָזען, — אריבערצוטראָגען אום שבת אַ בוך פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען. (ג. סלושץ, די אויפלעבונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור, פאַריז, 1903, ז. 168).

ער איז אַלעמאָל געבליבען איינגעשלאָסען כמעט אין בעשטימטע אינטעליגענטע און האַלב־אינטעליגענטע קרייזלעך, וואָס ס'האָט איהם געגעבען דעם כאַראַקטער פון אַ סעקטע; זיין שפּראַך אין דער פּראָפּאַגאַנדאַ איז געוועזן העברעאיש, וואָס איז ווייניג צוגענגליך פאַר די מאַסען. צו יודיש־דייטש האָט ער זיך געווענדעט נאָר אין בעזונדערע פעלען, און דאָס איז אויך געווען שוין געגען זיין גוטען ווילען. די פאָלקס־מאַסע האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט די משכיל'ישע דאָקטרינעס, שיטות און לעהרען. דער נאָמען „משכיל" האָט שטענדיג געקלונגען אַביסעל איראָניש אין מויל פון פאָלק. די אַגראָנאָמישע שולען, וואָס די משכילים האָבען אַזוי געלויבט, זענען גוט געווען אין דער טעאָריע; אין דער פּראַקטיק איז זייער נוצען געווען זעהר צווייפעלהאַפט, ווייל מען האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין מעהרערע יאָהרהונדערטע און בעשעפטיגט זיך מייסטענס מיט האַנדעל. פון דער אַנדערער זייט, האָבען אַלע יודען נישט געקענט ווערען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, און אַפילו נישט קיין אָבצאָהל־„סבאָרשטשיקעס", און אַלע האָבען נישט געקענט זיך זעצען לערנען דייטש אָדער רוסיש.

דאָס פאָלק האָט מעהר אָדער ווייניגער קלאָר געפיהלט דעם עגאָאיסטישען יסוד פון דער השכלה־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט געפּרעדיגט דעם אינדיווידואַליסטישען „ראַטעוועט זיך אַרויס, ווער עס קען" — און וועלכע וואָלט געפיהרט, נישט ווילענדיגערהייד, (ווען די אויסערע בעדינגונגען וואָלטען נאָר געווען גינסטיג צו דעם), אַז עס זאָל אויסגעגראָבען ווערען אַנ'אָבגרונד צווישען די גליקליכע אויסדערוועהלטע, — וואָס וואָלטען צוגלייך, ווי זיי זענען אַריין אין דער רוסישער שול, אַוועקגעהן פון יודישען לעבען, — און צווישען דער פאָלקס־מאַסע, וועלכע וואָלט געבליבען, פערשטעהט זיך, דאָרט וואו זי איז געווען, נישט וויסענדיג וואָס צו טאָן, נישט האָבענדיג קיין וועגווייזער, וועלכער זאָל אויסדריקען איהרע בעדערפנישען און איהרע אינטערעסען. 1)

1) וועגען דעם עקאָנאָמישען אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט עקזיסטירט אין גאַליציען צווישען דער פאָלקס־מאַסע און די משכילים, אונטער וועלכע עס האָבען זיך געפונען די בעלי־קאַראָבקע אויף פלייש און ליכט און וועלכע זענען אַליין געווען אפילו די איניציאַטאָרים פון בעשטימטע אָבצאָהלען, פיינדליכע דעם פאָלק, ווי דער אָבצאָהל פון ליכט, זעהט ביי מאַקס ווייזענבערג, „די ניי־העברעאישע אויפקלערונגס־ליטעראַטור

אויך דער רעליגיעזער קאמפף, וועלכע די משכילים האבען גע־פיהרט, האט די פאלקס־מאסען נישט פעראינטערעסירט. — זיי זענען גע־בליבען צו דעם זעהר קאלט. דארטען, וואו דער דאזיגער קאמפף האט אנגענומען דעם פראקטישען כאראקטער פון א קאמפף צווישען פארטייען אין דער קהלה גופא, איז דאס פאלק געבליבען אינדיפערענט אדער עס האט זיך גאר געשטעלט אויפ'ן צד פון די אלטע פארשטעהער. און דאס איז נישט געווען רעפאר, ווייל דאס פאלק איז איינפאך געוועזן פאנאטיש. עס ערקלערט זיך גיכער דערמיט, וואס הינטער די רעליגיעזע רעפארמען, וועלכע די משכילים האבען געפאדערט (אמאל גוצליכע, אלעמאל אבער קליינליכע), איז, ווי מיר האבען שוין גע־זעהן, נישט געווען עפעס פאזיטיוועס, עפעס, וואס זאל קענען אריינ־ציהען דעם עולם און לאזען איהם בקיום זיין זיינע אלטע איבערציי־גונגען צוליעב א נייען אידעאל. און מייסטענס האט דעם פאלק גע־צויגען מעהר צו זיינע רבנים, וועלכע האבען אויך נישט פערשטאנ־גען דאס לעבען, וועלכע האבען אבער געלעבט מיט איהם צוזאמען און זענען געווען מיט איהם מעהר פערבונדען, ווי די משכילים, וואס פלעגען ביי דער ערשטער מעגליכקייט צורייסען דעם בונד מיט דער יודישער סביבה.

ב) השכלה און יודיש־דייטש.

די בעציהונג פון די משכילים צו יודיש־דייטש איז געווען גלייך פון אנהויב פיינדליך. שוין אין 1783־טען יאהר האט מענדעלסאן, דער גרעסטער אויטאריטעט, אבגעגעבען א התראה: „גאר נישט די געמישטע שפראך!“ און די התראה, וועלכע האט געקלונגען ווי א קאמפפס־אויס־רוף, איז געווען געווענדעט געגען יודיש־דייטש, וואס האט, לויט דער מיי־נונג פון דעם אויטאר פון „פעדאן“, געקענט נישט וועניג מיטהעלפען צו „דעמאראליזירען דעם געוועהנליכען מענשען פון פאלק“ 1). אין הונדערט־יאהר ארום האט גרעץ, דער בעריהמטער יודישער היסטאריקער, זיין נישט אבגעהאלטען אויסצודריקען אין נאך מעהר ענערגישע ווערטער זיין מיינונג, וועלכע איז כמעט עהנליך צו דער פריהערדיגער, וועגע

אין גאליציען“, לייפציג און וויען, 1808, ז. 61.

1) קארפעלעס, געשיכטע פון דער יודישער ליטעראטור, בערלין ז. 8816, 1680

יודיש-דייטש, וועלכעס ער האט אנגערופען „א שפראך פון האלב ווילדע מענשען" 1), ש. י. ראפאפארט (1790—1867), דער אנפיהרער פון די גאליציאנער אינטעליגענטען, איינער פון די שעפפער פון דער יודישער וויסענשאפט, דריקט אוים די מעסיגע משכילישע מיינונג וועגען דער פראגע, איבערמאכענדיג א בעקאנטען שפרוך פון תלמוד: „אויף וואס גוטס דארף מען יודיש-דייטש אין פוילישען לאנד? אדער העברעאיש אדער פויליש" 2). א צווייטער משכילישער אנפיהרער, יצחק אייכעל (1726—1804), דער רעדאקטאר פון "המאסף", האט זיך ארומגעטראגען מיט דער אידעע צו שרייבען א סאטירישע פיעסע געגען יודיש-דייטש: „רבי חנוך, אדער וואס טהוט מען דערמיט" אויף דערזעלבער שפראך, וועלכער ער האט געוואלט בעקעמפפען. 3) די אידעע פון „קוילענען א שפראך מיט דער אייגענער שפראך" האט אויסערדעם, ווי מיר וועלען עס זעהען צום סוף, געהערשט ביים צוזאמענשטעלען און ביים שאפען פון ווערק ביי מעהרערע יודיש-דייטשע שריפטשטעלער. מצד די רוסישע משכילים האט זיך אויך באלד אנגעהויבען א קאמפף געגען יודיש-דייטש. יצחק בער לעווינסאן שרייבט אין זיין „תעודה בישראל", וועלכען מיר האבען אויבען בעצייכענט אלס א מאניפעסט פון דער רוסישער השכלה, מעהרערע גרינגשעציגע אויסדריקען וועגען יודיש-דייטש, ווי, למשל, וועגען א „מאוס׳ען מיש-מאש פון ביבלישע, פוילישע, דייטשע, רוסישע און אנדערע ווערטער, וועלכע, זייענדיג ארים און ווענינ בעארבייט, טויגען נישט אויף אויסצודריקען פיינע געפיהלען, ערנסטע, אבסטראקטע געדאנקען". „צוואס זאל מען זיך נאך דערמיט האלטען? וואלטען נישט זיין בעסער צו פערבייטען עס מיט דייטש אדער רוסיש, מיט דער שפראך פון אונזער פאטערלאנד. וועלכעס איז שען, שטארק, אייך און הארמאניש?" 4)

1) ש. צינבערג, „די זשארגאנישע ליטעראטור און איהרע לעזער", וואסחאד, מערץ 1903. זעהט אויך א. שולמאן: „די יודיש-דייטשע ליטעראטור און שפראך פון סוף XV-טען ביז׳ן סוף פון XVIII-טען יאהרהונדערט" (העברעאיש) אין „הזמן" ס"פ. פעטערבורג 1903, ז. XI-XII.

2) „בכורי העתים" א העבר. זשורנ. וויען 1828, ז. 22.

3) פ. ערש און גרובער, אלגעמיינע ענציקלאפעדיע פון וויסענשאפטען און קינסטע, לייפציג, 1850, ארטיקעל „יודיש-דייטש" פון י. מ. יאסט.

4) יצחק בער לעווינסאן, תעודה בישראל, 4-טען אויסג. ווארשוי, 1901.

י. ב. לעווינסאָן, דער קרעמעניצער פילאָזאָף, וועלכער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט די רוסישע מיניסטאָרען און וועלכער האָט געהאַט זעלבשטענדיגע בליקען איוף דער לאַגע פון זיינע ברידער אין רוסלאַנד, איז אַוועק ווייטער אין פערגלייך מיט די אַנדערע משכילים, וועלכע האָבען צו דער צייט און נאָך שפּעטער געהאַלטען טייער דעם געדאַנק, אַז די רוסישע יודען זאָלען אָננעהמען ד י ט ש פאַר אַ מי־טער־שפּראַך.

איינער פון די שאַרפסטע אָנהענגער פון דייטש איז געווען טוביה פעדער (1817—1760), געבירטיג אין פּאָדאָליען, איינער פון די בראָווער משכילים. זיין האַס צו יודיש־דייטש איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס, ווען אַנ׳אַנדער בעקאַנטער משכיל, מענדעל לעפין אָדער לעווין מיט׳ן צונאָמען מענדעל סאַטאַנאָווער, האָט פערעפענטליכט אין 1817־טען יאָהר אין טאַרנאָפּאָל אַ יודיש־דייטשע איבערזעצונג פון שפּריכווערטער, האָט ער אָנגעשריבען אַזאַ בעליידיגענדען פּאַמפלעט געגען דער דאָזיגער איבערזעצונג, אַז לעפינ׳ס פריינד האָבען געפונען פאַר נייטיג זיך אַריינצומישען, און זיי איז געלונגען צו פועל׳ן ביים מחבר, ער זאָל אָבלעגען די פערעפענטליכונג פון פּאַמפלעט. דער פּאַמפלעט איז ערשט אָבגעדרוקט געוואָרען אין 1853־טען יאָהר 1), נאָכ׳ן טויט פון ביידע הויפּט־פּעראַינטערעסירטע אין דעם ענין; ער בלייבט אָבער אַלס אַנדענקונג פון דעם בלינדען און שרעקליכען האַס, וואָס די משכילים האָבען געפיהלט געגען דער שפּראַך פון דעם יודישען פאָלק.

אַז אלכסנדר דער צווייטער איז אַרויף אויפ׳ן טראָן, ווען די ליבעראַלע טענדענצען זענען געוואָרען שטאַרק בעמערקבאַר, איבערהויפּט אין ערשטען פעריאָד פון זיין ממשלה, האָט זיך די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונג צווישען די יודישע אינטעליגענטען לטובת דער רוסישער שפּראַך בעדייטענד פערפעסטיגט.

פערבלענדעט דורך דער פּערספּעקטיווע פון אַ נייעם לעבען, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זייערע אויגען, בשעת זיי האָבען דערזעהן די פריי געעפענטע שולען און דאָס רעכט צו וואוינען אויסער דעם תחום המושב, וואָס איז געגעבען געוואָרען די יודען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אָדער האָבען געהערט

ז. 33 און 38.

1) „קול מהצצים" („די שטים פון די שיסער") לעמבערג 1853.

צו בעשטימטע אַנדערע קלאָר בעצייכענטע סאָציאַלע קלאַסען 1), — האָבען די אינטעליגענטען נאָכמעהר אָנגעפאַנגען גלויבען, אַז דאָס גליק בעשטעהט אין דעם, אַז מען זאָל וואָס פולקאָמענער איבערנעהמען די שפּראַך און קולטור פון לאַנד, וואו מען לעבט; אַז די איינציגע רעטונג איז אַסימילאַציע. די פאָרשטעהער פון אַלטען משכּילישען אידעאַל האָבען נאָך געלעבט און געווירקט אין לעבען דורך דער ליטעראַטור. זייערע אָנהענגער זענען ווי פריהער געוואַקסען צווישען דער יוגענד פון די ישיבות, וועלכע האָט נישט פערשטאַנען קיין אַנדערע שפּראַך, ווי העברעאיש און יודיש-דייטש; ס'איז אָבער שוין איפגעשטאַנען אויך אַ נייער דור, וועלכער האָט זיין בילדונג בעקומען אין די רוסישע שולען, האָט זיך געשפּייזט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און האָט באַלד געמוזט אַריבערשטייגען אפילו דעם משכּילישען אידעאַל גופא. ס'האָבען זיך בעוויזען פּאָעטען, ראָמאַניסטען יודישע, וואָס האָבען געשריבען אין דער לאַנדס-שפּראַך; ס'האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן זשורנאַלען אין רוסיש, וועלכע זענען געוואָרען די טרעגער און בעשיצער פון דער אַסימילאַציאָנ'ס-אידעע, און דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט זיך אויסגעדוכט, איז בעשערט אין אַ מעהר אָדער ווייניגער קורצער צייט אין גאַנצען צו פערשווינדען.

די משכּילים פון דער אַלטער שול האָבען נישט געקענט קוקען אָהן טרויער אויף דעם דור, וואָס איז געגאַנגען נאָך ווייטער פאַר דעם, וואָס איז זייער חלום געווען, און גאָרדאָן, איינער פון די מעהר בעדייטענדע פאָרטשריטסמענער ביז דאַן, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָט אַרויסגעלאָזען דעם בעקאַנטען זיפץ, אין וועלכען עס הערט זיך שרעק און חרטה:

„ווער ווייס, צי בין איך נישט דער לעצטער פּאָעט פון ציון און צי זייט איהר נישט אונזערע לעצטע לעזער?" 2)

אויב די לאַגע פון דער העברעאישער ליטעראַטור האָט אַרויסגערופען אַזעלכע טרויעריגע געדאַנקען ביי איינעם פון איהרע אויסגעצייכענטסטע פאָרשטעהער, קען מען שוין פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מזל עס האָט געהאַט, ווי טרויעריג ס'איז געווען דער צושטאַנד פון דער ליטעראַטור, וועלכע איז, אין פערלויף פון אַ לאַנגער צייט שוין,

---

1) זעהט יודישע ענציקל. ווי ציט. אויסג. , אַרטיקעל „אלכסנדר II".

2) י. ל. גאָרדאָן, אויסג. ציט., ב 1, 102-104. „למי אני עמל"? „פאַר וועמען האָרעווע איך?"

געווען בעשטימט און גערעכענט אין די משכילישע קרייזען אלס די נידעריגע „דיענסט", וואס דארף זיך האלטען אויף א געהעריגער דיסטאנץ פון איהר עדלער „בעל-הביתט'ע" 1). דער קאמפף געגען דער „שענדליכער" דיענסט איז איצט ערקלערט געווארען פאר נויטווענדיגער, ווי פריהער, און אלע מיטלען האבען געשיינט צו זיין כשר. ס'איז אונז געבליבען אנ'אינטערעסאנטער דאקומענט פון דער דאזיגער עפאכע, וועלכער בעשרייבט נאר איין עפיזאד פון דעם קאמפף. דאך איז ער העכסט כאראקטעריסטיש פאר'ן גייסט-צושטאנד פון די געגנער פון יודיש-דייטש. דאס איז א בינדעל בריעף, וואס עס האבען געשריבען אין 1862-טען יאהר דער מיניסטער פון אינערן און דער מיניסטער פון פאלקס-בילדונג אין רוסלאנד איינער דעם אנדערן וועגען א בהלה ביי דער רעגירונג פון א רבנים-קאמיסיע, וועלכע איז איינגערופען געווארען, אום זיך קלאר צו מאכען די יודישער פראגע 2). די קאמיסיע, וועלכע איז בעשטאנען, נישט קוקענדיג אויף איהר אפיציעלען נאמען, מייסטענס פון אינטעליגענטע יודען, האט צוגעשטעלט דער רעגירונג א ביטע וועגען דעם, אז מען זאל שטרענג פערוועהרען איטליכע אויסגאבע אויף יודיש-דייטש, א חוץ רעליגיעזע ספרים. לויט דער ערקלערונג פון די מענשען, וואס האבען די ביטע פארמולירט, האט זי געהאט דעם ציעל, אז צווישען די יודען זאלען זיך פערשפרייטען אנשטאט דעם די רוסישע און דייטשע שפראכען און דאס איז נאר מעגליך, ווען מען וועט שטערען דעם יודיש-דייטש זיך צו ענטוויקלען ליטעראריש!

און די געשיכטע האט בעוויזען א שפיצעל: א רוסישער מיניסטער האט געמוזט געבען די געבילדעטע יודען א ביישפיעל פון טאלעראנץ און ליבעראליזם. דער בילדונגס-מיניסטער האט אבגעזאגט אין דער ביטע; דערביי האט ער מיט רעכט אנגעוויזען, אז ווען מען וועט פערבאטען צו דרוקען יודיש-דייטשע ביכער, וועט דער יודישער עולם, וואס פערשטעהט נישט קיין רוסיש אדער דייטש, נאך נישט נעהמען זיך לעזען ביכער, וואס זענען געשאפען אין די שפראכען. גראד

---

1) „דיענסט" און „גביר'טע" זענען ווירקליך געווען אין פערלויף פון א לאנגער צייט סינאנימען פון יודיש-דייטש און העברעאיש ביי די משכילישע שרייבער, ווען זיי האבען געוואלט בעצייכנען די בעציהונג צווישען דיביידע שפראכען.

2) פ. ס. אוזוסאוו, „פון מיינע מעמוארען", איסטארישעסקי וויעסטניק", — 1883, ב, 11; זעהט אויך ש. צינבערג, אויב. ציט.

פערקעהרט. דער פערבאָט קען שאַפען ביים פאָלק אַ ליעבע און גע־טרייקייט צו דער פערבאָטענער שפּראַך. דער רעגירונג ווידער וואָלט מען בעשולדיגט אין דעם, אַז זי פערפאָלגט ביכער נישט פאַר זייער אינהאַלט, זונדערן פאַר דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי זענען גע־שריבען.

עס שיינט, אַז די פראַגע צו פועל'ן, מען זאָל פערבאָטען פון דער רעגירונג יודיש־דייטש איז מעהר נישט איבערגע'חזר'ט געוואָרען. דאָך איז בעשטימט, אַז די שנאה און די פעראַכטונג צו דער יודיש־דייטשער שפּראַך איז נאָכדעם אויך, ווי פריהער, געבליעבען איינע פון די פונדאַמענטאַלע דאָגמעס אין משכילישען „אני מאמין".

ג) דער אָנהויב פון דער משכיל'ישער יודישער ליטעראַטור.

די יודיש־דייטשע ליטעראַטור, די אָרימע ליטעראַטור פון אי־בערזעצונגען, נישט האָבענדיג קיינע שאַנסען אויף דעם, זי זאָל פראָ־טעזשירט ווערען מצד די גבירים־מעצענאַטען, איז דאָך נישט געפאַלען פון די קלעפּ און אָנפאַלען, וואָס האָבען זיך אויף איהר געשאָטען פון אַלע זייטען. נישט נאָר דאָס שאַפען און אַרויסגעבען ביכער מיט אַ רעליגיעזען־אינהאַלט, פאָלקס־מעשות, איז פאָרגעקומען ווי פריה־ער, נאָר דוקא אין דער צייט פון משכילישען פעריאָד — וועלכער ווערט האַראַקטעריזירט מיט זיין אונגעהויערער שנאה צו דער יודיש־דייטשער שפּראַך—איז געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ וועלט־ליכער ליטעראַטור אין דער דאָזיגער שפּראַך. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס נישט קוקענדיג אויף אַלע איהרע פעהלערן האָט די יודיש־דייטשע שפּראַך געהאַט איין מעלה, (צו יענער צייט יעדענ־פאַלס), וועלכע האָט איהר בעשיצט פאַר אַלע אָנפאַלען און האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו זיעגען און טריאומפירען אין איהר ביטערן קאַמפף פאַר דער עקסיסטענץ: דאָס איז געווען אַ שפּראַך, וואָס איז געוועדט און פערשטאַנען געוואָרען פון מיליאָנען מענ־שען, — דער גרעסטער טייל פון וועלכע ס'האָט נישט פערשטאַנען קיין אַנדערע שפּראַך, ווי די דאָזיגע. אַלע ערקלערונגען און זלזולים גע־גען יודיש־דייטש זענען צושמעטערט געוואָרען פון דער שטילער,

דוהיגער קראַפט, וועלכע איז געלעגען אין דעם פאַקט, וואָס איז גע-
וועזן אַזוי קלאָר, דײַטליך און בעדייטונגספול אפילו אין די משכּילישע
קרייזען (פערשטעהט זיך, ביי די שאַרפזיניגע און וועניגער פאַנאַטי-
שע), דאָס דער בעסטער און זיכערסטער מיטעל צו זיין פערשפרייט
אין פאָלק איז — רעדען אין דער שפּראַך, וועלכע אַלע משכּילים
האָבען געוואָלט זעהן אַ פערניכטעטע און אַ פערשוואונדענע. און אַזוי
איז געשאַפען געוואָרען אַ ליטעראַטור, מען קען זאָגען אַן'איינציגע
פון דעם מין, דורך מענשען, וואָס זענען געווען איהרע שאַרפסטע
און אויסגעשפּראָכענסטע געגנער און וואָס האָבען זי בעשאַפען מיט דער
כּונה זי צו פערניכטען.

איינער פון די ערשטע משכּילים, וועמען ס'איז געקומען אויפ'ן
געדאַנק צו פערשפּרייטען אַביסעל ליכט אין די טיעפסטע שיכטען
פון פאָלק, בענוצענדיג זיך מיט דער יודישער פאָלקס-שפּראַך, איז
געווען מענדעל לעפין, געבירטיג אין 1741-טען יאָהר אין סאַטאַנאָוו
(פּאָדאָליען), געשטאָרבען אין 1819-טען יאָהר אין מיקאָלאַיעוו
(פּאָדאָליען).

זייענדיג מענדעלסאָנ'ס אַ חבר און אַ תּלמיד, האָט ער זיך בע-
גייסטערט מיט דעם ביישפּיעל פון זיין רבי'ן, און האָט געוואָלט אַרויס-
געבען אַ ראַציאָנעלע איבערזעצונג פון תּנ"ך אין יודיש-דייטש, אום דער
מיט צו טאָן פאַר דעם פאָלקס-מאַסע דאָס, וואָס מענדעלסאָן האָט
אויפגעטאָן פאַר זיינע מעהר קולטורעלע עלעמענטען. ריכטיג איז די
אידעע געוויס געווען, נאָר ליידער האָט זי נישט געקענט אויסגעפיהרט
ווערן.

דער שטאַרקער ווידערשטאַנד, וואָס עס האָט בעקומען די אי-
בערזעצונג פון משלי, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1817-
טען יאָהר, מיט דער הילף פון אַ געוויסער צאָהל משכּילים 1), איז
פאַר'ן מחבר געווען, ווי אַ מין ביטערע התראה. ער האָט נישט געהאַט
דעם מוט צו בלייבען ביי זיין אידעע. פון זיינע איבערזעצונגען: קהלת
און תּהלים איז דאָס ערשטע בוך אַרויסגעגעבען געוואָרען ערשט אין
1873-טען יאָהר אין אַדעסאַ, דאָס אַנדערע איז קיינמאָל נישט פערע-
פענטליכט געוואָרען און די גאַנצע אַרבייט איז אַוועק אין ניוועץ. דאָך,
אפילו אין דער פאָרם, האָט לעפינ'ס איניציאַטיווע געהאַט אַ בעשטימ-
טע ווירקונג אויף דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פון דער יודיש-דייטשער

---

1) זעה אויבען.

ליטעראטור. נישט נאר עס איז מיט דעם געגעבען געווארען א בייש־פיעל, אז א משכיל געפינט פאר מעגליך צו שרייבען אויף דער פאלקס־שפראך, נאר זיינע איבערזעצונגען פון משלי און קהלת האבען געהאט אויף דער שפעטערדיגער ליטעראטור אויך א געוויסע דירעקטע ווירקונג.

די פריהערדיגע איבערזעצונגען פון חומש און די ליטעראַרישע ווערק אין אלגעמיין אין יודיש־דייטש פון דער פריהערדיגער עפאכע זענען אלע געווען געשריעבען אין דער שפראך, וועלכע מען רופט „עברי־טייטש“ און וועלכע איז געווען די זעלבע אין פערלויף פון דער גאנצער צייט, אנהויבענדיג פון די ערשטע יודיש־דייטשע אויסגאבען. די גאנצע ענטוויקלונג פון דער שפראך, די ווערטער, וואס זענען גענומען געווארען פון סלאווישע און אנדערע מקורים און זענען אריינגעפיהרט געווארען אהין, די טיעפע ענדערונגען, וועלכע די שפראך האט בעקומען אין דעם געבייט פון זאץ, דער הומאר אליין, וועלכער איז געווארען אלץ מעהר חאראקטעריסטיש, — דאס אלץ איז געבליבען פרעמד דער ליטעראטור פון דער צייט, וועלכע האט געהאט דעם זעלבען חאראקטער, וואס זי האט בעקומען אין אנ׳עפאכע, ווען די דייטשע ווירקונג האט זיך אם שטארקסטען געלאזען פיהלען אין איהר. די יודיש־דייטשע שריפטשטעלער, זייענדיג מייסטענס אהן שום אריגינאליטעט, האבען נאכגעמאכט איינע די אנדערע און אלע צוזאמען האבען נור דאס געטאן, וואס זיי פלעגען נאכמאכען און איבער׳חזר׳ן די פערעלטערטע שפראך פון די ביכער פון דער ערשטער עפאכע. אויף אזא אופן איז געשאפען געווארען א תהום צווישען דער ביכער־שפראך און דער אומגאנגס־שפראך, צווישען „מאמע־לשון“ אדער „פראסט־יודיש“ און „עברי טייטש“ אדער „תחינות־טייטש“.

לעזענדיג די יודיש־דייטשע ווערק, האט דאס פאלק מיט געוויסע שוועריגקייטען גאר פערשטאנען די לאנדס־שפראך, און עס האט זיך אנגעשטויסען אויף דייטשע ווערטער, וואס זענען שוין לאנג ארויס פון געברויך 1). לעווין איז געווען דער ערשטער, וואס האט געפרובט קלענער מאכען דעם דאזיגען תהום. צוברעכענדיג אין גאנצען

---

1) א. שולמאן אין זיין ארט. „עמקי שפה“, השלה, 1908, ב. IV ז. 45-43 גיט אן א גאנצע רייהע יודיש־דייטשע ווערטער, פון דייטש־גענומענע, וואס דאס פאלק האט מעהר נישט געברויכט, נאר מלמדים פלעגען זיי איבערגעבען פון דור צו דור אין חדר, פערטייטשענדיג זייערע תלמידים דעם חומש.

מיט דעם טראַדיציאָנעלען און בעוועגליכען סטיל פון דער פריהערדיגער עפּאָכע, זאָט ער געגעבען אַלס ביישפּיעל נאָר די פאָלקס־שפּראַך, אַזוי ווי זי איז גערעדט געוואָרען אין די סלאַווישע לענדער, אין האָטש ער האָט פערשטאַנען דייטש, דאָך האָט ער געוואוסט, ווי זיך פריי צומאַכען פון איהר ווירקונג. נאָכמעהר, ווען ס'האָבען איהם געפעהלט אין יודיש־דייטש ווערטער, האָט ער זיך נישט געווענדעט צו דייטש, נאָר ער האָט זיי פון דאָס־ניי געשאַפען אין דעם גייסט און זין פון דער שפּראַך אַליין. לעווין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפיהלט דעם גייסט פון דער דאָזיגער שפּראַך, אין וועלכער אַבראַמאָוויץ און שלום עליכם האָבען געפונען אונענדליכע אוצרות פון אָריגינאַליטעט און הומאָר. אין דער הינזיכט האָט לעווין געהאַט אַנ'אונגעהויערע ווירקונג אויף די שרייבער פון דעם פאָלגענדען דור.

אין זיעבען יאָהר אַרום נאָכדעם, ווי לעווין האָט פערעפענטליכט זיין איבערזעצונג פון משלי, אין 1824־טען יאָהר, איז אין ווילנא אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בוך מיט'ן נאָמען „קאָלומבוס", דער מחבר פון וועלכען ס'איז געווען אַ געוויסער חייקעל הורוויץ פון אומאַן (קיעווער גוב. 1). דאָס דאָזיגע בוך, וואָס איז נאָר אַנ'איינפאַכע איבערזעצונג פון אַ דייטשען בוך וועגען דער ענטדעקונג פון אַמעריקא, האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם סטיל פון די יודיש־דייטשע שריפטשטעלער; די ווירקונג האָט זיך אָבער אויסגעדריקט פונקט קאַפּויער, פון דער ווירקונג פון לעווין'ס בוך. דער מחבר ערקלערט אַליין, אַז זיין בוך איז געשריבען „אין אַ ריינער יודישע־דייטשער שפּראַך, וואו ס'איז נישט דאָ דאָס צוזאַמענמישעניש פון העברעאישע, פּוילישע און אַנדערע ווערטער, וואָס טרעפען זיך אָפט אין דעם אומגאַנגס־יודיש־דייטש". און ווירקליך, דער אויטאָר (מחבר) האָט זיך געגעבען גרויס מיה, אַז זיין סטיל זאָל האָבען אַ דייטשען כאַראַקטער. ער האָט זיך אָבער אויך נישט בענוצט מיט דעם יודיש־דייטשען סטיל פון דער ערשטער עפּאָכע, וואו עס איז אויף אַ נאַאיווען און נאַטירליכען אופן צוזאַמענגעמישט דער העברעאישער עלעמענט מיט

1) א. ב. גאָטלאָבער, „זכרונות", מאָלקסב., ב. I; זעהט צו גלייך ווינער „די געשיכטע פון דער יודישער ליטער. אין XIX יאָהרהונדערט", ניו־יאָרק, 1899, ב. I, 134, וועלכער רעכענט, דוכט זיך, ריכטיג, אַז דער אויטאָר פון „קאָלומבוס" איז געווען דער העברעאישער שריפטשטעלער מ. אַ. גינזבורג (1895-1746), דער אויטאָר פון דער העברעאישער איבערזעצונג פון דעם זעלבען בוך.

אַלט דייטש, וואו די פערעלטערטע ווערטער בעהאַלטען אין די אויגען פֿין פֿאָלק, צוליעב זייער אַלטקייט טאַקע, אַ פֿאַמיליערען און צוגלייך אַ הייליגען חאַראַקטער.

אין „קאָלומבוס״ טרעפֿען זיך פֿיעלע דייטשע ווערטער, מאָדערנע, וועלכע דאָס פֿאָלק האָט אויפ'ן לעבען נישט געהערט, און אפילו דאָס געביי פֿון זאַץ האָט דאָרטען אָנגענומען אַ דייטשען חאַראַקטער.

דער מחבר פֿון דעם בוך האָט געשאַפֿען אַ שול. אַ געוויסע צאָהל שריפֿטשטעלער אויף יודיש=דייטש, בעזונדער פֿון ליטא, האָבען זיך געסטאַרעט צו שאַפֿען, ווי ער, אין זייערע ווערק אַ בעזונדערע אַטמאָספֿערע, וועלכע האָט זיי געשיינט צו זיין העכסט ריין, שרייבענדיג זיי אין אַ פּרעטענציעזען סטיל, אָנגעפּיקעוועט מיט דייטשע ווערטער, וועלכע זיי האָבען אָפֿט געמוזט פֿערטייטשען אין קלאַמערן אויף דער פֿאָלקס=שפּראַך. די אַרט שרייבען האָט געבראַכט פֿיעל שאָדען דעם יודיש=דייטשען סטיל; ער איז געבליבען פֿאַרבלאָז, פֿאַלש, מיט אַ צעמישטען חאַראַקטער. דער אייגענטליכער גייסט פֿון דער שפּראַך איז געווען, ווי אין תפיסה, און האָט זיך נישט געקענט אַרויסווייזען אונטער דער פֿעדער פֿון אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבען, אונטער דער ווירקונג פֿון די משכיל'ישע אידעען, גערעכענט זייער לאַנדס=שפּראַך ניעדעריגער פֿאַר אַנדערע און האָבען איהר געוואָלט נישט אַנדערש, ווי געבען אַזאַ פֿאָרם, וואָס האָט איהר לחלוטין נישט געפּאַסט. דער גערמאַניזירטער סטיל איז ענדגילטיג פֿערשוואונדען פֿון דער ליטעראַטור ערשט מיט דער ערשיינונג פֿון די גרויסע שריפֿטשטעלער, די גלענצענדע לעהרער פֿון דער שפּראַך, אַבראַמאָוויטש, ראַבינאָוויטש און פּרץ. נאָר נאָך עד היום בעמערקט מען איהם אין פּאָפּולערע און ראָמאַנטישע ווערק פֿון אַ ספּעציעלען מין, וועלכע מיר וועלען בעטראַכטען אַביסעל שפּעטער.

הורוויץ'עס בוך פֿערדיענט אַ ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט נאָך דערפֿאַר, ווייל עס איז אָנגענומען געוואָרען ביים יודיש=דייטשען עולם. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָס בוך איז געווען כמעט דאָס ערשטע אין יודיש=דייטש, וועלכעס איז געווען פֿריי פֿון אַ רעליגיעזען און פֿאַנטאַסטישען אינהאַלט און האָט געהאַט נאָר איין ציעל: צו בילדען די לעזער און אויסצולערנען זיי אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען זיי ביז דאַן אונבעקאַנט געווען.

אַז עס עקזיסטירט אַן אַמעריקא, וועלכע האָט צום סוף פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט אַריינגענומען אין איהרע שטעדט אַן ערך צוויי מיליאָן יודישע עמיגראַנטען, איז דאַמאַלס נאָך די תושבים פֿון געטא

בטעט אונבעקאַנט געווען; דעריבער איז דאָס ערשיינען פון אַ בוך, וואָס האָט געהאַט נאָך אַמאָל ענטדעקט אַמעריקא פאַר יודען, געווען אַ וויכטיג געשעהעניש. פלוצלונג איז ברייטער געוואָרען דער האָריזאָנט, איז גרעסער געוואָרען די מאַטעריעלע וועלט. גאָטלאָבער, דער בע־ריהמטער העברעאישער און יודיש־דייטשער פּאָעט, וועלכער איז געווען אַנ׳עדות פון די אויסערגעווענליכע רעזולטאַטען פון דעם בוך, האָט איהם געווידמעט אין זיינע מעמואַרען וועגען דער יודיש־דייטשער לי־טעראַטור איינינע אינטערעסאַנטע שטעלען, פון וועלכע מיר ציטירען דאָס מעהר האַראַקטעריסטישע:

„הוירוויץ׳עס בוך איז געווען אויף אַזוי פיעל פּאָפּולער, דאָס עס איז נישט געווען קיין איין איינציגער יוד, וואָס האָט עס נישט געלעזען. די ווייבער האָבען פערגעסען דעם „צאינה וראינה״, די „תחינות״, זיי האָבען אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט די „באָבאָ־מעשה״ אַפילו, זיי האָבען גאָר נישט געלעזען אַ חוץ „קאָלומבוס״. איידער דאָס דאָזי־גע בוך איז ערשיענען האָבען פיעלע יודען נישט געוואוסט אַפילו, אַז עס עקזעסטירט אַנ׳אמעריקא״ 1).

דאָס ערשטע אמת אָריגינעלע ווערק, וואָס איז געשאַפען גע־וואָרען אין דער עפּאָכע, איז אַרויס פון י. ב. לעווינסאָן (געבוירטיג אין קרעמענעץ אין 1788־טען יאָהר, געשטאָרבען אין דערזועלבער שטאָדט אין 1860־טען יאָהר), וועגען וועלכען מיר האָבען שוין גע־האָט די געלעגענהייט צו רעדען מעהרערע מאָל. דאָס ווערק, אונ־טער׳ן נאָמען „הפקר־וועלט״, בעשטעהט פון צוויי טיילען. דער ערשטער טייל איז געשריבען אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך, וואָס ס׳פיהרען צווישען זיך אַ ליטווישער יוד און צוויי יודען פון די דרום־פּראָווינצען. זיי רעדען אַרום די פּאַלשקייטען און עולות אין די קהלה־ענינים, די גבאים פון די קהלות, וואו זיי געוועלטיגען ביד רמה און האָבען נישט פיינד חאַבאַר, זעהען אין די אָבצאָהלען גאָר אַ מיטעל רייך צו ווערען, און דעריבער קומען־צו אַלע טאָג נייע אָבצאָהלען. די אָרימע האָבען קיין העזה נישט צו פּראָטעסטירען—גאָט איז צו הויך און די רעגירונג

---

1) א. ב. גאָטלאָבער אין זיינע „זכרונות״, אויבען ציטירט, אין „זיכרונות מימי נעורי״, וואַרשוי 1880-1881, ז. 24. דערזועלבער מחבר רעדט מיט לויב וועגען דעם יודיש-דייטשען בוך (קאָלומבוס), „וואָס האָט איבערגעלאָזען אין מיין האַרצען אַ פּרוּכטבאַרען זוימען און האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַ לאַנד און פעל־קער, וועגען וועלכע איך האָב ביז דאַן אַפילו נישט געהערט זייער נאָמען״.

איז צו ווייט. קיינמאָל נעהמט מען נישט קיין סאָלדאַטען פון די רייכע, נאָר אָרימע קינדער בעצאָהלען מיט'ן גוף דעם חוב פאַר אַנדערע, און דאָס רעכט פון קהל צוזאַמענצושטעלען די רייסטערס פון די, וואָס דאַרפען געהן דיענען, איז געוואָרען אין זייערע הענד דאָס בעסטע מיטעל אָבצושרעקען די יעניגע, וואָס וואָלטען זיך נאָך ערלויבט אַמאָל צו פּראָטעסטירען געגען זיי. דער ליטווישער יוד, אין וועלכע'ס פערקליידט זיך דער מחבר אַליין, זאָגט אַרויס צום סוף פון געשפּרעך דעם געדאַנק, וואָס לעווינסאָן האָט געהאַט אויפ'ן האַרצען און אין וועלכען ער האָט געזעהען אַ רפואה געגען אַלע פּורעניות'ן, פון וועלכע זיינע ברידער האָבען אַזוי געליטען. דער געדאַנק איז בעשטאַנען אין דעם, אַז די יודען דאַרפען זיך צוריקקעהרען צו ערד-אַרבייט.

דער צווייטער טייל פון „הפקר-וועלט", שטעלט פאָר אַ פאַנטאַסטישע ערצעהלונג פון אַ שלאָפענדיגען מלמד, וועלכער דערצעהלט דאָס, וואָס זיין נשמה האָט געזעהען אויף איהר שפּאַציר דורך יענער וועלט. פיעל פּערזאָנען, וואָס מען האָט אויף דער ערד געהאַלטען פאַר שרעקליך פרומע און גאָטס-פאָרכטיגע זענען דאָרטען אויבען אָבגע'משפט געוואָרען צו אייביגען גיהנום. דעם תנאי'ס ווערטער: „איך האָב געזעהן אַן'איבערגעקעהרטע וועלט: די, וואָס זענען געווען אויבען, זענען אונטען, און די, וואָס זענען געווען אונטען, זענען אויבען", זענען מקוים געוואָרען. די צוהערער פון די מעשיות, וואָס דער מלמד דערצעהלט, ווערן בעזונדער נשתומם, ווען זיי דערהערן, אַז איינער אַ חסיד'ישער רבי, וואָס איז בעריהמט געווען אין לעבען און מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ קדוש און אַ בעל מופת, ווערט דאָרטין אויבען בעהאַנדעלט, ווי דער ערגסטער בעל-עבירה. נאָר דעם וואונדערבאַרען פאַקט ערקלערט דער רבי אַליין, וועמענ'ס ודוי ס'האָט אונטערגעהערט דער שלאָפענדיגער מלמד, און ער דערצעהלט עס איבער איצט וואָרט ביי וואָרט. דער רבי איז געווען אַן'איינפאַכער שווינדלער, וועלכער האָט אויסגענוצט די תמימות און די אמונה פון דער מאַסע. זיינע מופתים זענען געווען איינפאַכע קונצען, וועלכע זענען חיטרע אויסגעפיהרט געוואָרען דורך איהם אַליין און דורך זיינע געהילפען. זייענדיג אַליין אַן'עם הארץ, האָט ער גע'דרש'ענט פאַר חסידים, אַז די גרעסטע מעלה איז נישט צו לערנען תורה, נאָר צו דערצעהלען די מופתים פון רבי'ן און צו טראָגען איהם כסדר „פדיונים". דעריבער האָט ער טאַקע געלעבט ברייט און רייך, האָט זיך ערלויבט אַלע תענוגים און, אָב-

שטאַרבענדיג איז זיין נשמה געווען רוהיג, ווייל זיין זוהן האָט ער איבערגעלאָזען אַ זעהר הכנסה׳דיגע פרנסה.

אין זיין „הפקר־וועלט״ האָט לעווינסאָן אָנגעצייכענט דעם וועג, אויף וועלכען עס זענען דערנאָך געגאַנגען כמעט אַלע יודישע שריפטשטעלער פון דער השכלה־עפּאָכע. אין מעהר ווי דרייסיג יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי עס איז ערשיענען דאָס ווערק, איז דער גרויסער שריפטשטעלער אַבראַמאָוויטש אַרויס אין דער ליטעראַטור מיט צוויי ווערק, „דאָס קליין מענשעלע״ און די „טאַקסע״, אין וועלכע ער פאַלט אָן אויף די זעלבע עולות פון די שטאָדט־בעלי־טובות, וועלכע זענען בעריהרט געוואָרען, ווי מיר האָבען געזעהן, אין דער „הפקר־וועלט״. לעווינסאָנ׳ס שפּראַך איז געווען די שפּראַך פון די דרום־פּראָווינצען. זיין סטיל איז זעהר נאַטירליך, לעבעדיג, אָפט זעהר קאָלאָריטנע, אָהן דעם קלענסטען זכר פון גערמאַניזמען. ווען נישט־ווען געברויכט ער אַ וואָרט אָדער אַפילו אַ שפּריכוואָרט אַ סלאַווישעס. דאָס פּוילישע שפּריכוואָרט „באָג וויסאָקע, פּאַן דאַלעקע (גאָט איז צו הויך, דער פּריץ איז צו וויט), איז אַפילו גענומען געוואָרען אַלס דעוויז צום ווערק.

די „הפקר־וועלט״ איז געשריבען געוואָרען כמעט אין דערזעלבער צייט, ווי „תעודה בישראל״ ד. ה. אַנ׳ערך אין 1828־טען יאָהר, זי איז אָבער נישט פערעפענטליכט געוואָרען ביי׳ן לעבען פון מחבר. אין פערלויף פון מעהר ווי אַ האַלבען יאָהרהונדערט איז זי געלעגען אַלס מאַנוסקריפּט, און נאָר די אינטימסטע פריינד פון מחבר האָבען געוואוסט פון איהר עקסיסטענץ 1); ערשט אין 1888־טען יאָהר איז דאָס ווערק צום ערשטען מאָל אָבגעדרוקט געווען אין שלום עליכם׳ס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק״. 2)

דער פּחד, וועלכער איז געווען נישט אָהן אַ גרונד, פאַר די רדיפות מצד די אַלמעכטיגע קהל׳שע גבאים, געגען וועמען זיין ווערק איז געווען געריכטעט, האָט, אָהן צווייפעל, נישט ערלויבט דעם מחבר

---

1) זעהט לעווינסאָנ׳ס ביאָגראַפיע פון ב. נאַטאָנסאָן אין דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטהעק״, ב. I, ז. 125.

2) אַ בעזונדערע אויסגאַבע פון דער „הפקר-וועלט״ מיט אַ ביאָגראַפיע פון מחבר איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך ב. נאַטאַנסאָן, לעווינסאָנ׳ס אַ פלעמעניק, אונטער דעם פאָלגענדען נאָמען: פּאַפּיערענע בריק, אָדער די הפקר-וועלט. ר׳ י. ב. ל—ס לעבענס-בעשרייבונג, דער סוד פון מאַגנעטיזמוס, אויך וואָס עס טהוט זיך אויף ענער וועלט א. א. וו.״ וואַרשוי, 1844

צו פערעפענטליכען זיין ווערק ביים לעבען. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו קאָנסטאַטירען, אַז לעווינסאָן איז אין דעם פאַל פון נישט פערעפענטליכען אַ ווערק געווען דאַמאָלס נישט דער איינציגער. פיעלע דאַמאָלסדיגע פערפאַסער, וועלכע האָבען געשריעבען ביכער וועגען איינפאַכערע ענינים אין יודיש, האָבען נישט געהאַט דעם מוט, זיי באַלד אָבצודרוקען.

דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס שרייבען אין יודיש איז געווען פאַר אַ משכיל זעהר אַן׳אונגעוועהנליכע זאַך, — אַ זאַך, וואָס האָט ווידערשפּראָכען אַלע אידעען, וועלכע האָבען געהערשט אין זיין סביבה. די איינצעלנע זעלטענע משכילים, וואָס האָבען געהאַט די כונה צו אַמוזירען אָדער צו בילדען דאָס פאָלק, אָדער די העזה צו שרייבען אויף דער לאַנדעס-שפּראַך, האָבען עס געטאָן בשתיקה, בעהאַלטענערהייד, שעמענדיג זיך עס צו טאָן עפענטליך; און ווען זיי האָבען שוין אַרויסגעגעבען זייערע ווערק, האָבען זיי זיך אויף דעם ענטשלאָסען ערשט נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת. מייסטענס פלעגען זיי עס אָבטאָן ערגעץ וואו אין דער פרעמד און אונטער אַ פסעוידאָנים. אָט אַזוי געפינען מיר זיך אין אַ זעהר אַן׳אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער עפּאָכע, ווען עס זענען געווען שריפטשטעלער, אָבער ס׳זענען נישט געווען קיין ביכער, און ווען אַ ליטעראַטור, וואָס איז בעשטימט געווען פאַר׳ן פאָלק איז, איבער אויסערע סבות, גענויט געווען, צו צירקולירען נאָר פאַר ליעבהאָבער און אין אַ שטאַרק בעגרעצטער צאָהל פון געשריבענע עקזעמפּלאַרען. פונדעסטוועגען, האָטש די „געשריעבענע״ ליטעראַטור האָט נישט געקענט האָבען קיין ווירקונג אויף די זיטען און די אידעען פון פאָלק, (וואָס האָט זי נישט געקענט), האָט זי דאָך איהר בעשטימטען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יודישע ליטעראַטור, ווייל זי האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף אַ בעשטימטער צאָהל שריפטשטעלער פון דעם פאָלגענדען דור, וועלכע האָבען זי געלעזען און זענען געוואָרען דורכגעדרונגען מיט איהר. מיט דער דאָזיגער ליטעראַטור טאַקע זענען אין דער יודישער ליטעראַטור אַריין די הויפּט-אידעען פון דעם משכיליזם: דער קאַמפּף געגען חסידיזם, די בעגייסטערונג פאַר בילדונג, פאַר אַלערליי מלאכות און האַנדווערקערייען.

צווישען די מחברים פון דער עפּאָכע זענען ווערט בעמערקט צו ווערען אויסער י. ב. לעווינסאָן נאָך י. אָקסענפעלד און עטטינגער.

יצחק אָקסענפעלד איז אין דער יוגענד געווען אַ פערברענטער

חסיד, נאָר, ווי די אַנדערע יונגע־לייט פון דער עפּאָכע, איז אויך איהם געלונגען, זיך צו עמאַנציפּירען; ער האָט זיך אויסגעלערנט רוסיש און דייטש, און, ווי עס שיינט, איז ער אין אַדעס געוואָרען אַ נאָטאַריוס, — אַ שטעלע, וואָס איז כמעט קיינמאָל נישט איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ יודען. יעצט, אַז ער האָט דערגרייכט צו אַ גוטען געזעלשאַפטליכען מצב, האָט אַקסענפעלד געוואָלט, אַז זיינע ברידער, וואָס זענען איבערגעבליבען אין אונוויסענהייט און עלענד, זאָלען קענען אַראָבנעהמען זיך אַ ביישפּיעל פון איהם, זאָלען האָבען האָטש אַ נוצען פון זיין ערפאַהרונג. ער האָט געשריבען אין יודיש און, וואָס איז נאָך זעלטענער פאַר אַ משכיל פון דער דאַמאָלסדיגער עפּאָכע, נ אָ ר א י ן י ו ד י ש. „מיינע ביכער, האָט ער געשריבען אין 1862־טען יאָהר צו זיין פריינד גאָטלאָבער, זענען געשריבען געוואָרען פאַר איינפאַכע פרויען, וועלכע פערשטעהען נישט קיין אַנדערע שפּראַך, זיי וועלען דאָרטען געפינען נישט נאָר מיט וואָס זיך צו אַמוזירען, נאָר אויך מאַטעריאַל זיך צו בילדען“. 1) און פונדעסטוועגען זענען, צו דער צייט, ווען ער האָט געשריבען דעם בריעף, אַלע זיינע ווערק (אין גאַנצען אַנ׳ערך 26 בענדער), וועלכע זענען געשאַפען געוואָרען צווישען 1820־טען און 1840־טען יאָהר, נאָך נישט געדרוקט געווען. ערשט אין 1862־טען זענען ערשיענען זיינע צוויי ערשטע בענדער, פון וועלכע איינער איז אַ ראָמאַן: „דאָס שטערנטיכעל אָדער שבת חנוכה אין מעזשיבוזש“ (1862, ביי ק. וו. באַלראַט, לייפּציג), און דער אַנדערער אַ דראַמא: „דער ערשטער יודישער רעקרוט אין רוסלאַנד, א. א. וו.“, (קאָמיש־טראַגישער דראַמאַן אין יודיש־דייטשען זשאַרגאָן, לייפּציג, 1862). דריי אַנדערע פון זיינע דראַמען 2) זענען פערעפענטליכט געוואָרען נאָך זיין טויט. די איבעריגע זיינע ווערק אָבער זענען געבליעבען מאַנוסקריפּטען און זענען קיינמאָל נישט בעקאַנט געווען דעם גרויסען עולם.

אַקסענפעלד׳ס ווערק זענען הויפּטזעכליך זיטען־שטודיען. אין דעם „שטערנטיכעל“ בעשרייבט ער אין זעהר פינסטערע פאַרבען דאָס לעבען פון די חסידישע רביים, מיט וועלכען ער האָט פריהער געהאַט די

---

1) א. ב. גאָטלאָבער אין זיינע „זכרונות“, ציטירט פריהער שוין.

2) מאַן און ווייב. שוועסטער און ברודער. איין אמת׳ע מעשה בעאַרבייט אין טהעאַטער-שטיק, אַדעסאַ, 1867. — איין געגנאַרטע וועלט, אַדעסאַ, 1870. — קבצנ׳עשע שפּיעל, אַ דראַמא אין צוויי אַקטען, אַדעסאַ, 1870.

געלעגענהייט זיך, צו בעקאָנען. דער העלד פון ראָמאַן, מיכל
מצבה, ווערט בעשולדיגט אין דער עברה, דאָס ער האָט נישט אָב=
געהיט שטרענג איינעם פון די קליינע תעניתים. דער רבי בעניצט
זיך דערמיט, אום אַרויסצונאַרען פון איהם זיין ביסעל געלד, וואָס ער
האָט צוזאַמענגעקליבען לערנענדיג ווייבער און קינדער לייענען און שרייי=
בען; דערווייל איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען דער שדוך מיט דער טאָכ=
טער פון דעם שמש אין בית המדרש. אַ פערצווייפעלטער, פערלאָזט
דער יונגער מאַן זיין שטאָדט, געהט אַוועק קיין ברעסלוי און דאָר=
טען, אין דעם משכילישען צענטרום, ווערט זיין האָריזאָנט ברייטער,
ער ווערט אַ קולטורעלער מענש. בשעד ער קעהרט זיך אום צוריק
אין זיין געבורטס=שטאָדט, געלינגט איהם דורך אַ גליקליכען צופאַל,
צו בעווייזען עפענטליך דעם רבי׳ס פאַלשקייט. דער ראָמאַן ענדיגט
זיך דערמיט, וואָס דער יונגער מאַן ווערט ווידער גוט מיט זיין
פריהערדיגער כלה.

די פיעסע אין אַכט סצענעס, וואָס רופט זיך „דער ערשטער
יודישער רעקרוט אין רוסלאַנד", בעשרייבט אַ מעהר טראַגישען פאַקט.
דער מחבר, וועלכער האָט געלעבט אונטער ניקאָלאַי דעם ערשטענס
ממשלה, האָט אַליין צוגעזעהן די פערצווייפלונג און די אימה, וואָס זענען
אַרויפגעפאַלען אויף דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד, ווען
עס איז פערעפענטליכט געוואָרען דער אוקאַז פון 1827=טען יאָהר.
לויט וועלכען יעדע יודישע קהלה איז געווען פערפליכטעט צוצו=
שטעלען אַ געוויסע צאָהל רעקרוטען פאַר דער אַרמעע. אין דער ערש=
טער סצענע זענען מיר אויף אַנ׳אסיפה פון קהל: מיר זעהען די מאַ=
סע, און וועלכער דער ווייבערשער עלעמענט איז זעהר שטאַרק פער=
טרעטען, ווי זי קאָכט זיך און בעט מיט געשרייען און יללות ביי די
גבאים פון דער קהלה, אַז זיי זאָלען נישט דורכפיהרען די נייע גזירה,
וואָס איז אָנגעקומען פון דער גובערניע. די אָרימע מענשען מיינען,
אַז מיט אַזאַ מיטעל וועלען זיי קענען אויסמיידען דעם גזר דין, וואָס
איז אַרויס אויף זייערע קינדער. די צווייטע סצענע שפּיעלט זיך
אָב ביי אַ ציווילייזירטען סוחר און שטוב, דעם משכיל אַהרן וויס=
מאַן, וועלכער איז דער אידעאַלער טיפּוס אין דער פיעסע. אין דער
סצענע, ווי אויך אין דער פאָלגענדער, ערקלערט וויסמאַן קהל, אַז
זיי דאַרפען נישט קלאָגען אויף דעם נייען געזעץ, נאָר, פערקעהרט,
די יודען דאַרפען זיך פרעהען מיט איהם, זיי דאַרפען איהם בעטראַכ=
טען. ווי אַ גנאַד מצד דעם קייזער, וועלכער האָט געוויס אין

זינען, צו פערגלייכען די רעכט פון זיינע אונטערטאַנען מיט זייערע פליכטען.

מיר געפינען דאָ פאַר מעגליך צו בעמערקען, אַז אַזאַ טרייקייטס-געפיהל צו דער רעגירונג און אַזאַ גלויבען אין דער קומענדיגער גערעכטיגקייט, געהט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער השכלה-ליטעראַטור.

אין דער פינפטער סצענע לייגט פאַר דער זעלבער ווייסמאַן קהל, זיך צו בעפרייען מיט איין מאָל פון צוויי צרות, פערשרייבענדיג אַלס רעקרוט נחמן דעם גרויסען, וועלכער האָט, דורך זיינע שמד׳שטיק, אַרויפגעוואָרפען אויף דער שטאָדט אַנ׳אימה. אום עס בעסער דורכצופיהרען וויל מען אויף דעם ראַט פון ליבעראַלען משכיל, זיך בענוצען מיט אַ גנבה׳לע, צוליעב וועלכער נחמן דער גרויסער וועט אַליין קומען זיך אָבגעבען פאַר אַ רעקרוט. אַלע האָבען געוואוסט, אַז נחמן דער גרויסער האָט געוואָרפען אַנ׳אויג אויף דער שענער און ליעבער פרומע׳ן, די טאָכטער פון בעל הקאַראָבקע. איצט וועט מען קומען איהם זאָגען אין נאָמען פון זיין געליעבטער, אַז זי וועט אַנדערש נישט איינשטימען צו ווערן זיין פרוי, ווי נאָר דאַן, אויב ער וועט ווערן אַ סאָלדאַט. פערבלענדט דורך זיין ליעבע, פאַלט דער דער אָרימער נחמן אַריין אין נעץ, וואָס מען האָט פאַר איהם אויסגעשפרייט, און דעם משכיל׳ס איינפאַל גיט זיך פאָלקאָם איין. די פיעסע איז נאָך דערמיט נישט געענדיגט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פרומע האָט אין דער אמת׳ן ליעב דעם פרעהליכען און וואוילען יונג נחמן. דאָס האַרץ פלאַצט איהר, ווען זי דערהערט וועגען דעם קרבן, וואָס נחמן האָט געבראַכט אין נאָמען פון זיין ליעבע צו איהר. זי ווייס, אַז ער איז געשמידט אין קייטען און אָבגעפיהרט געוואָרען וויית, וויית... אין דער לעצטער סצענע זעהען מיר נחמן׳ס מוטער, ווי זי שטעהט פאַר׳ן טויטען קערפער פון דעם יונגען מיידעל און דערצעהלט איהר וועגען איהר זוהן, וועגען דער גוטסקייט און טרייקייט פון זיין האַרצען. די פיעסע ענדיגט זיך מיט דער דאָזיגער ריהרענדיגער סצענע.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די מעשה פון דער פיעסע איז אַביסעל נאַאיוו און וואָס דער מחבר האָט אַריינגעפיהרט אין דער פיעסע איינינע פאַלשע, געקינסטעלטע עפיזאָדען, איז די דאָזיגע פיעסע, אין אַלגעמיין גענומען, דאָך געטריי געבליבען דער ווירקליכקייט און מען לעזט זי מיט אינטערעס נאָך היינט, אַלס אַ בילד פון אַ לעבען, וואָס איז אפילו נישט לאַנג ערשט פערשוואונדען, פון וועלכען עס זענען אָבער נישט געבליבען קיין סך „מענשליכע דאָקומענטען“.

אָקסענפעלד'ס סטיל איז אין אַלגעמיין זעהר ריין, די ווירקונג פון דייטש לאָזט זיך אפילו ביי איהם דייטליך פיהלען , דאָך אין אַ בעגרענעצטער מאָס . ווי כמעט אַלע שריפטשטעלער פון דרום , האָט אויך אָקסענפעלד געשריבען אין אַזאַ דיאַלעקט , אויף וועלכע מען רעדט, און מען בעמערקט ביי איהם נישט די טענדענץ צו גערמאַניזירען , וועלכע וואַרפט זיך אַזוי אָפט אין די אויגען ביי דעם גרעסטען טייל ליטווישע שריפטשטעלער פון דעם זעלבען פעריאָד .

דער שאַרפער און צוגלייך בייסענדער הומאָר , וועלכער איז שפעטער געוואָרען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער יודישדייטשער ליטעראַטור , טרעפט זיך שוין , מאָמענטענווייז , אויך אין די שריפטען פון יצחק אָקסענפעלד .

דער גרעסטער טייל פון שלמה עטינגער'ס ווערק זענען אויך געשריבען געוואָרען צווישען 1820=טען און 1840=טען יאָהר , ד. ה. , אין דערזעלבער עפּאָכע , ווען עס זענען געשאַפען געוואָרען אָקסענפעלד'ס שריפטען , און ווי די לעצטע זענען אויך די ערשטע אַ לאַנגע צייט געבליבען נישט געדרוקטע מאַנוסקריפטען . עטינגער'ס קאָמעדיע, שרה'קעלע ("סערקעלע") . איז צום ערשטען מאָל אָבגעדרוקט געוואָרען אין 1861=טען יאָהר 1), אין זעקס יאָהר אַרום נאָכ'ן פערפאַסערס טויט ; זיינע פּאָעטישע ווערק זענען פערעפענטליכט געוואָרען ערשט אין 1889=טען יאָהר אין אַ באַנד אונטער'ן נאָמען "משלים און לידלעך" 2) .

מיר האָבען זעהר ווייניג ביאָגראַפישע ידיעות וועגען עטינגער'ס לעבען . מיר ווייסען נאָר , אַז ער איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין , אַז ער איז נאָכדעם , ווי ער האָט געענדיגט זיין שטודיום אין לעמבערג , אַוועק וואוינען קיין זאַמאָשטש (לובלינער גוב. פּוילען) , וואו ס'איז געווען אַ השכלה=צענטרום ; אַזוי אָבער ווי ער האָט געהאַט אַן'אויסלענדישען דיפּלאָם , האָט ער זיך נישט געקענט בעשעפטיגען

1) „שרה'קעלע אָדער די פאַלשע יאָהרצייט" , קאָמעדיע אין פינף אַקטען , געשעהען אין לעמבערג . יאָהאַניסבורג , 1861 .

2) משלים , לידלעך , קליינע מעשה'לעך און כתבות'לעך , אייגענע און נאָכגעמאַכטע פון דאָקטאָר שלמה עטינגער , הערויסגעגעבען דורך וו. , ס"ט פּעטערבורג 1889 , צווייטע אויסגאַבע אין פּעטערבורג 1890 · איינינע פאָעמעס פון עטינגער זענען פערעפענטליכט געוואָרען אין „קול מבשר" (1863—1871) און אין אַנדערע יודישע זשורנאַלען .

מיט דאָקטאָריי אין רוסלאַנד, איז ער געוואָרען אַ קאָלאָניסט אין איינער פון די יודישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען זיך צו דער צייט געגרינדעט אין די דרום-פּראָווינצען. נאָכדעם האָט ער זיך אַריבערגעצויגען קיין אָדעס. ער האָט גרינדליך געקענט די דייטשע ליטעראַטור און אין זיינע ווערק איז שאַרף צו בעמערקען איהר ווירקונג. צווישען זיינע פּאָעמען, משלים און עפּיגראַמען זענען דאָ פּיעלע, וואָס ער האָט איבערזעצט אָדער נאָכגעמאַכט נאָך לעסינג, שילער און אַנדערע. אַזוי, צ. ב., האָט ער געשאַפען אַ פּאָעמע „דאָס ליכט", וועלכע איז נאָכגעמאַכט שילער'ס „דאָס ליעד פון דער גלאָקע".

עטינגער האָט נישט נאָר נאָכגעמאַכט, ער איז צוגלייך געווען אויך אַן אָריגינעלער שריפטשטעלער, אַ שאַרפער און גוטער בעאָבאַכטער, וואָס האָט ריכטיג געמאָלט און געשילדערט די פעהלערן און מעלות פון מענשליכען הארצען. זיין פּיעסע „שרה'קעלע" שטעלט פאָר דעם קאַמפּף צווישען דער השכלה און דער פינסטערניש, צווישען מרדכי רעדליך, אַ סטודענט אַ מעדיצינער, און זיין געליעבטער הינדע פון איין זייט און, פון דער אַנדער זייט, שרה'קעלע, דער לעצטער'ס אַ מוהמע, אַ שלעכטע, בייזע היסטערישע יודענע, וועלכע איז מקריב אַלץ צוליעב איהר עגאָאיסטישער ליעבע צו איהר איינציגער טאָכטער-פריידע אַלטעלע. צום סוף, פערשטעהט זיך, טריאומפירט די אָרענטליכקייט אין דער געשטאַלט פון די השכלה-קעמפּפער; פערקעהרט, די שלעכטסקייט איז בעשטראָפט אין דער געשטאַלט פון שרה'קעלע און אַנדערע פּערזאָנען פון דער פּיעסע, וועלכע זענען אויך געגנער פון דער השכלה. נישט קוקענדיג אויף דעם טענדענציעזען גייסט, מיט וועלכען ס'איז שטאַרק דורכגעדרונגען די קאָמפּאָזיציע פון דער פּיעסע, זענען דאָך אייניגע חאַראַקטערען, הויפּטזעכליך דער חאַראַקטער פון דער הויפּט-העלדין אין דער פּיעסע, שרהקועלע, פול מיט לעבען. פערקעהרט, די חאַראַקטערען פון רעדליך, זיין כלה און דער כלה'ס פאָטער, אַלע דריי, בעפּוצטע מיט אַלע מעגליכע מעלות, זענען שרעקליך אידעאַליזירט און לאָזען איבער דעם איינדריק פון אוננאַטירליכקייט.

„שרה'קעלע" איז דאָס איינציגע ווערק, מיט וועלכען עטינגער האָט דירעקט אַן אַנטייל גענומען אין קאַמפּף פאַר השכלה. אין דער אמת'ן איז ער איינער פון יענע זעלטענע משכילים, וועלכע האָבען געשריבען עפּעס אַנדערעס, ווי טענדענציעזע ווערק, און וועלכע האָבען געשאַפען נאָר פון אייגענעם פערגעניגען אַליין, פאָרשטעלענדיג די מענשען און די זאַכען אַזוי, ווי זיי האָבען עס געזעהען אין דער

ווירקליכקייט, אַמאָל אפילו לוּיבענדיג די גוטע און זידלענדיג די־שלעכטע, אַלעמאָל אָבער אָבלאַכענדיג; דערביי האָבען זיי געלאָזען רעדען די פאַקטען אַליין, אָהן פאַלשע הסברות.

עטינגער׳ס סטיל בעווייזט, אַז ער איז אַ קינסטלער. ער איז קורץ, שאַרף, פול מיט אָריגינעלען אויסדריקע און בילדער. זיין שפּראַך איז, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט גוט געקענט דייטש, פריי פון יעדער פרעמדער ווירקונג. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מען קען קאָנסטאַטירען זעהר אָפט אין דער יודישער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע. דאַמאָלס זענען דאָס געוועזען די שרייבער, וואָס האָבען גלענצענד געקענט דייטש און צוגלייך האָבען זיי גוט פערשטאַנען, אָבצוהיטען און אַפילו צו ענטוויקלען די אָריגינאַליטעט פון זייער איי־גענעם דיאַלעקט; אין דער צייט, ווען די יעניגע, וואָס האָבען אויף יעדען שריט און טריט אַרויסגעוויזען זייער פערלאַנג צו „גערמאַ־ניזירען״ דעם יודישען דיאַלעקט, האָבען אין אַלגעמיין פערשטאַנען נאָר מיטעלמעסיג דייטש.

אָט זענען אַ משל און אַן׳עפּיגראַם, וואָס מיר האָבען אַרויסגע־נומען פון עטינגער׳ס באַנד „משלים און ליעדלעך״.

די מאַלפּע. 1)

„וויז מיר האָטש איינער צווישען די חיות,
„איך זאָל נישט נאָכמאַכען איהרע העויות״? —
אַזוי טהוט זיך אַ מאַלפּעלע בעריהמען,
פאַר אַ פוקס, וואָס איז צו איהר געקומען. —
דאָס פיקסעל ענטפערט תיכף צוריק:
„זאָג נאָר, דו פאַרשיווער מאַרשעליק!
„וועמען וועט אָבער דאָס איינפאַלען אַ גאַנץ יאָהר
„ער זאָל וועלען דיר נאָכמאַכען אויף אַ האָר״. —

דאגות נאָך דעם טוידט. 2)

דער קאַרגער חיים ליעגט באַגראָבען אָט אָ דאָ,

1) „משלים און לידלעך״ א. א. וו. ז. 106.
2) „ „ „ „ „ 225.

קיין אָרעמאַן פלעגט ער צו געבען אַ דרייער ;
ער האָט נאָך דאגות ביז דער איצטיגער שעה,
וואָס זיין מצבה האָט געקאָסט אַזוי טייער. ——

די שריפטשטעלער, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט אין דעם קאַפּיטעל געהערן אַלע צום ערשטען דור פון די רוסישע משכילים. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די צאָהל פון די השכלה־אָנהענגער אין רוסלאַנד איז נאָך געווען זעהר קליין און שוואַך ; דער קאַמפף צווישען זיי און די כחות פון דער רעאַקציע האָט זיך ערשט דאַן אָנגעהויבען און פיעל פון זיי, ווי לעווינסאָן, ד"ר ליליענטאַל, דער וואָס האָט געשפיעלט אַזאַ ראָלע אין ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס רעגירונג, האָבען נאָך געהאָפט צו פעראייניגען אין זייער בעוועגונג אפילו די אָנפיהרער פון דער אָרטאָדאָקסיע 1). די שוואַכקייט אין צאָהל, ווי אויך די האָפנונג, אַז באַלד וועט אָנקומען אַ צייט פון אַנ'אַלגעמיינעם פּראָגרעס, האָט געשאַפען דאָס, אַז די ווערק פון די דאָזיגע מחברים טראָגען אַ בעשטימטען האַראַקטער פון מיטעלמעסיגקייט, דורך וועלכען דער גייסט פון פּראָזעליטיזם וויזט זיך אַרויס זעהר זעלטען. ערשט דער פאָלגענדער דור איז עס געווען דער, וואָס האָט דערקענט דעם אמת'דיגען קאַמפף און האָט אָנגעהויבען שפירען די בעדערפנישען פון אַ נייען לעבען ; די עפּאָכע פון פרומען וואַרטען האָט אָבגעטראָטען איהר פּלאַץ דער עפּאָכע פון היציגער אַקטיוויטעט ; דאָס איז דער דור געווען, וואָס האָט אין דער יודישער ליטעראַטור אַריינגעפיהרט די מאָטיווען פון קאַמפף, ליידענשאַפט און פּראָזעליטיזם, — אַנ'אָבקלאַנג פון דעם קאַמפף, וואָס האָט זיך געפיהרט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אין זיין יודישער פּראָפּאָגאַנדע־אַרבייט האָט זיך דער משכילישער דור בענוצט מיט צוויי ליטעראַרישע אַרטען, וואָס האָבען מעהר געפּאַסט פאַר זיינע ציעלען : מיט דעם ליעד און דער פאָלקס־ערצעהלונג. ביידע האָבען זיי געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע ; דער ערשטער מין איז שוין לאַנג בעקאַנט געווען דעם פאָלק, דער אַנדערער האָט אויסגעדריקט זיין ווירקונג אויפ'ן שטאַרקסטען אופ'ן, ווייל ער איז געקומען צו דער צייט, אום צו בעפרידיגען

1) זעהט פּוילינע ווענגראָוו, „מעמואַרען פון אַ גרויסמוטער". בילדער אויס דער קולטור־געשיכטע פון די יודען אין רוסלאַנד אין 18־טען יאָהרהונדערט. ב. I, בערלין, ז. 120.

דאָס בעדערפניש, וואָס האָט זיך מיט'ן אָנקומען פון דער נייע צייט בעוויזען אַפילו ביי די נידעריגסטע עלעמענטען פון פאָלק, — דאָס בעדערפניש צו וויסען, צו לעזען, צו פערברענגען. צוגלייך מיט ביידע הױפּט-אַרטען האָבען אויך די איבעריגע, ווענינגער בעדייטענדע, געפונען זייער אויסדריק אין דער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע. דער משל, דאָס דראַמע, די ערצעהלונג זענען אַלעמאָל געבליבען ווירקענדע מיטלען אין דער משכּילישער פּראָפּאַגאַנדע. אַ פּערפאַסער פון דער עפּאָכע, א. צווייפעל 1), וועלכער איז אַרויסגעקומען פון דער משכּיל'ישער וועלט, איז אָבער פרעמד געבליבען אַממעהרסטענטייל איהרע אינטערעסען, בעשעפטיגט זיך בעזונדערס אין זיינע ווערק מיט דער עטיש-רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, און בעמיהט זיך צו געפינען אַ קאָמפּראָמיס צווישען די טראַדיציאָנעלע אידעען, אַלטע מנהגים, און די אידעען פון דער מאָדערנער עפּאָכע.

---

1) אליעזר צבי הכהן צווייפעל (געב. אין מאָהילעוו אין 1815-טען יאָהר, געשטאָרבען אין גלוהאָוו אין 1888-טען יאָהר) האָט אָנגעשריבען מעהרערע ווערק אין העברעאיש, פון וועלכע דאָס בעריהמטסטע איז אונטערן נאָמען: „שלום על ישראל", אין 4 בענדער, (ווילנא, 1873—1868), וואו דער חסידיזם ווערט צום ערשטען מאָל פערטהיידיגט פון אַ משכיל.

אין זיינע יודישע שריפטען פערלאַנגט א. צווייפעל, מען זאָל זעהען אויסצובעסערן די זיטען. ער האָט זיך הויפּטזעכליך געווענדעט צום פּראָסטען עולם; דעריבער איז זיין טאָן, אַלעמאָל, קלאָר איינפאַך, און צו דערזועלבער צייט אויך פריינדליך. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש צו זעהן, ווי צווייפעל ענטשולדיגט זיך, וואָס ער שרייבט אויף יודיש. אין אַ העברעאישער פאָררעדע צו זיין יודישען ספר אונטער'ן נאָמען: „תוכחת היום" („אַ לעבענס-שטראָף-רעדע", ערשטע אויסגאַבע, ווילנא, 1865), וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אַנאָנים, שרייבט ער: „יעדער זוהן, וואָס זעהט זיין מוטער אַ פערטרויערטע און אַ פעראומעדיגטע, איז פערפליכטעט צו צערשטרייען זי מיט אַלע מיטלען, וואָס געפינען זיך אין זיין רשות... איך און מיינע פריינד ליעבען דאָס פאָלק-ישראל מיט דערזועלבער ליעבע, וואָס אַ זוהן פיהלט צו זיין אונגליקליכער מוטער. דעריבער איז אונזער חוב צו זיין מיט איהם ליעבליך, רעדען מיט איהם אויף אַ עדעלער שפּראַך, מיט זיסע און ווייכע ווערטער... אַלץ אייגס צי איז עס אין די שפּראַך פון תנ"ך, צו די לאַנד-שפּראַך, צו אפילו אַ געמישטע, אונדייטליכע שפּראַך. און ווען מיר טוען עס דאַרפען מיר זיך נישט שעמען, נישט מורא האָבען פאַר שמייכלערייען, ווייל דאָס איז אַנ'אַרבייט, וואָס געפעהלט דעם הימעל און די מענשליכע מיינונגען וועגען זעם עקסיסטירען נישט פאַר גאָט." די אַנ-

רערע יודישע שריפטען פון צוויפעל, אויסער „הוכחת היים", זענען: „ספר מוסר השכל" („דאָס בוך פון מוסר און שכל"), ווילנא, 1884; „דער גליקליכער מפטיר" (וואַרשוי, 1886) און אַ סאַטירע אין פערזען: „די קליינע וועלט אָדער אַהער און אַהין", פערעפענטליכט אין דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק" פון ראַבינאָוויטש (1888). צוויפעל האָט אויך פערעפענטליכט איינינע קליינע אַרטיקלען אין ספעקטאָר'ס „הויזפריינד" („מוסר פיר אַלע; אַ מעשה פון פאַרצייטען") און אין אַנדערע יודישע זשורנאַלען.

V.

טענדענציעזע פאָלקס־פּאָעזיע.

א) בדחנים.

דער חאַראַקטעריסטישסטער פאָרשטעהער פון דער טענדענציע־זער פאָלקס־פּאָעזיע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך די משכּילים, איז מיכל גאָרדאָן (1823—1890). האָבענדיג אַ זעהר בעשיידענעם טאַלאַנט, איז ער געוואָרען דער הויפּט־טרעגער פון די משכּילישע אידעען און שטרעבונגען אין דער יודישער פּאָעזיע. כמעט אַלע זיי־נע שירים טראָגען אַ מלמדי׳שען חאַראַקטער און טאָן, וואָס הערשט אין זיי, איז דער טאָן, מיט וועלכען עס רעדט אַ רבי מיט קליינע קינדערלעך, זיינע תּלמידים:

„ס׳איז דאָ נאָך פיעל צו זאָגען דיר, מיין פאָלק,
דערוויל איז געננג, דאָס ביסעל נאָר פאָלג.
נאָכדעם וועסטו שוין אַליין גוט פערשטיין
וואָס גוט, וואָס שלעכט, וואָס מיאוס, וואָס שיין. 1)

פאַר איהם איז דאָס העכסטע ציעל פון זיין פּאָעטישען טאַלאַנט:

„אַז דאָס, וואָס איך וויים מיט מיין פערשטאַנד,
מוז איך עס באַלד יענעם ערקלערען. 2)

1) שירי מיכל גאָרדאָן, יודישע ליעדער, פון מיכל גאָרדאָן, ווארשוי 1899, ז. 35.
2) „ „ „ ז. 28.

און , ווירקליך , ער נעהמט זיך פאַר זיין דיכטער-אַרבייט, נאָ כדי צו פערשפרייטען דורך זיינע פאָלקס-פּאָעמען די פונקטען פון דעם השכלה-פראָגראַם . עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז די פּאָעמען , וואו מען געפינט זעלטען פערזען פון אמת'ער פּאָעזיע און וועלכע זענען אָפט נאָר צייטונגס-אַרטיקלען אין גראַמען , זענען אין זייער צייט געווען זעהר פּאָפּולער און פלעגען אויפגענומען ווע- רען מיט התפעלות פון איין צד, און מיט גרוים כעס פון דעם אַנדערן . עס איז בעשטימט, אַז די פּאָעזיע איז פון אָנהויב אָן בעטראַכט געוואָרן פון אַלעמען אַלס קאַמפּפ'ס-פּאָעזיע . איהרע פריינד , פונקט אַזוי ווי איהרע שונאים, האָבען זיך רעקרוטירט אויף'ן פאָלגענדען אופן : די ערשטע זענען געווען אָנהענגער, די צווייטע — געגנער פון די אידעען, וועלכע די פּאָעזיע האָט אויסגעדריקט .

די מעהר בעריהמטע צווישען די קאַמפּפ'ס-פּאָעמען איז די, וואָס רופט זיך „שטייא אויף מיין פאָלק" 1) . זי איז געשריבען אין אַנ'איינפאַכער שפּראַך, כמעט שוין צו איינפאַך , און ענטהאַלט אין זיך דעם גאַנצען תמצית פון דעם , וואָס מען קען אָנרופען די משכילישע שיטה, איהרע אַלע סאָציאַלע און מאָראַלישע אַנזיכטען, דעריבער איז איהר היסטאָרישער ווערט גאַנץ בעדייטענד .

די פּאָעמע איז פערעפענטליכט געוואָרען צום ערשטען מאָל אין 1869-טען יאָהר , אין אַ ליעדער-זאַמלונג, וואָס דער מחבר האָט אַרויסגעגעבען אונטער אַ פּסעווידאָנים אין זשיטאָמיר. אין דער צייט ווען עס האָט געקיניגט אַלכסנדר דער 2-טער , האָט זיך פיעלען אויסגעדוכט, אַז די עמאַנציפּאַציע פון די רוסישע יודען איז אַ זאַך, וואָס וועט פאָרקומען אין דער מעהר אָדער וועניגער נאָהענטער צו- קונפט . צוגלייך איז אין דער משכילישער וועלט אויף דער טאָגעס- אָרדנונג געשטאַנען די אַסימילאַציע . מען האָט געוואָלט דורך איהר פאָרבערייטען דאָס פאָלק צו זיין עמאַנציפּאַציע ; מאַכען , אַז דאָס פאָלק זאָל זיין ווערט, זאָל פערדיענען , מען זאָל עס עמאַנציפּירען .

„שטייא אויף , מיין פאָלק , גענוג דיר שוין שלאָפען,
שטייא אויף און מאַך שוין דיינע אויגען אָפען ;
וואָס איז אויף דיר אַליין אַזוי אַ גרוים פלאָג,
וואָס דו אַליין שלאָפסט ביז האַלבען טאָג ?

---

1) שירי מיכל גאָרדאָן , ז. 29-35 .

די זון איז לאַנג שוין אַרוים אויף דער וועלט,
זי האָט שוין אַלע מענשען אויף די פיס געשטעלט;
נאָר דו אַליין ליגסט געקאָרטשעט, געבויגען
און האַלטסט נאָך פעסט פערמאַכט דיינע אויגען." 1)

נאָך דעם ווייניג פּאָעטישען אָנהויב געהט דער זינגער איבער צו מעהר פּראַקטישע פראַגען און גיט איבער אויף זיין פּאָפּולערער שפּראַך די פּונקטען פון זיין משכּילישען „אני מאמין". די פּונקטען בעציהען זיך פאַר אַלעם צו די אויסערליכע פאָרמען, צו ריינקייט, צו דער אַרט קליידען זיך א. א. וו.

„טהו אָן דיינע קליידער, ווי אַלע זיך קליידען,
וואָס דאַרפסטו די קליידער פון דיין עלטער-זיידען?
גייא אויפ׳ן גאַס נישט אַרוים אין לאַנגען חאַלאַט,
זאָלען מענשען נישט ווייזען: אָט גייט דער אַזיאַט."

אָט די דאָזיגע מורא פאַר דעם, „וואָס מען וועט זאָגען", הערשט אין אַלע געדאַנקען ביי אונזער פּאָעט; די מיינונג פון אַנדערע ווענען יודען איז ביי איהם אַן אָפּענע וואונד. די יודען, פּונקט ווי אַלע מזרח-פעלקער, האָבען זעהר ליעבעדיגע בעוועגונגען. ביים דאַווענען אָדער ביים לערנען תורה האָבען זיי די געוואוינהייט צו שאָקלען זיך, צו מאַכען אַלערליי העוויות און בעוועגונגען. ווען דער פּאָעט קוקט זיך צו צו דעם אין בית מדרש, זאָגט ער:

„ווען איך בין מיט דיר צוזאַמען אין שול,
איך זעה דו מאַכסט דיך משוגע און דול,
זיץ איך גאַנץ רוהיג, און ווער נישט אין כּעס,
איך בין שוין געוואוינט מיט דיין משוגעת". 2)

ער „קריגט אָבער שיער די פלאַץ", ווען ער זעהט אַ יודען דאַווענדיג אין אַ עפענטליכען אָרט, אין אַן אייזענבאַהן-וואַגאָן צ. ב.

„די דאַווענסט און קרימסט זיך, מיאַויקעסט, ווי אַ קאַץ,
איך זעה פרעמדע לאַכען, איך קריג שיער די פלאַץ".

---

1) שירי מ. גאָרדאָן ז. 29.

2) די זעלבע שריפטען פון מ. גאָרדאָן.

איבערהייפט געפעלן איהם נישט די שטעלען פון דאווגען, וואו עס ווערט געדעדט פון מלאכים, און דאס שיינט איהם צו זיין אזא מין שרעקליכעס פערברעכען, אז ער ערקלערט די ראזיגע אמונה, פאר א קוואל פון אלע צרות, וואס דאס פאלק שטעהט אויס.

„גאט האט דיך געשטראפט, און שטראפט דיך ווידער,
דערפאר וואס איז פול דיין מחזור, דיין סידור
מיט נעמען פון מלאכים. זיי זענען אבגעטער,
דינסט עבודה זרה, ווי עשו דיין פעטער".

ס'פערשטעהט זיך, אז אין דעם רייסטער, וואו עס זענען אויסגערעכענט די גרעסטע פעהלערען פון דעם יודישען לעבען, ווי עס האבען זיי פערשטאנען די משכילים, פעהלען אויך נישט די חסידישע רביים. די רביים זענען „די גיפטיגע שלאנגען, די גרעס־טע מזיקים".

„אונזער ריינע אמונה, אונזער הייליגע תורה
איז ביים חסידישען צדיק א פראסטע סחורה.
ער מישט אין זיי אריין פסלת אלערליי,
פאר ריינעם פיינעם גאלד פערקויפט ער זיי".

דער פאעט וואלט נאך וועלן, אז אין לערנען גמרא און תנ"ך זאל מען איינפיהרען א מעהר ראציאנעלע מעטאדע, ווייל דאן, זאגט ער, „וועסט אין איהר אויך דעם גלייכען וועג געפינען".

מיר זעהען אלזא, אז די אלע רעפארמען, וואס ער פאדערט, זענען זעהר אונשעדליכע; דער משכיל פאלט נישט אן אויף די יסודות פון דער רעליגיעזער פעסטונג. ער לאזט נישט דורך יערע געלעגענהייט צו לויבען „אונזערע ריינע אמונה, אונזער הייליגע תורה", צו רעדען פול מיט שבחים וועגען דער אדער יענער רעליג־יעזער דאגמע, וועגען דער אדער יענער מצוה. אונזער אויטאר ווערט אפילו אליין בעגייסטערט און שרייבט:

„... אין גאט זאלסטו גלויבען
טאקע דריי מאל אין טאג זאלסטו איהם לויבען". 1)

נאר אויב דער משכיל בעציהט זיך מיט אכטונג אדער גלייכ־

1) שירי מיכל גארדאן ז. 33

מיט אינדיפערענטיזם צו דעם אַלעמען, וואָס איז פערבונדען מיט דער רעליגיעזער פראַגע, וועלכע איז אין רוסלאַנד, ווי אויך אַנ־דערשוואו, גאַנץ אָבגעטיילט פון דער פראַגע וועגען דער יודישער עמאַנציפּאַציע, איז דערפאר זיין ראַדיקאַליזם זעהר שאַרף, ווען עס רעדט זיך וועגען דעם יודישען נאַציאָנאַלען גייסט, ווייל מען האָט אָנגענומען, אַז דער דאָזיגער גייסט מוז פערשווינדען, ווען די יו־דען וועלען עמאַנציפּירט ווערען, אָדער נאָך פריהער אפילו.

פון דער פּאָעמאַ „שטייא אויף מיין פאָלק", וועלכע מיר האָ־בען שוין ציטירט, איבערהויפּט פון איינִיגע פערזען, וועלכע זענען געשריבען לויט דעם מחבר'ס געוואוינהייט אין אַ פּראָסטער אומגאַנגס־שפּראַך, קען מען זעהן לייכט, קלאָר און דייטליך, די בעציהונגען און געפיהלען פון פּאָעט בנוגע צו די הונדערטיעהריגע האָפנונגען פונ'ם יודישען פאָלק, בנוגע צו דעם פאָלקס־חלום וועגען אַ נאַציאָ־נאַלער צוקונפט אין דעם לאַנד פון זיינע אָבות. דער פּאָעט וואַרפט אויף דעם פאָלק זיינע

„. . . . נאַרישע חלומות
פון אַלטע צייטען, פון גאָר אַלטע מקומות,
ניטאָ שוין יענע צייטען, ס'איז גאָר אַ נייע צייט
און פון יענע מקומות ביסטו לאַנג שוין גאַנץ ווייט.

דיין פינסטערע אַזיע, פון וואַנען דו ביסט אַרויס,
איז עד היום פינסטער, איהר השך איז גרויס;
ביסט לאַנג שוין פון דאָרט, אין איירָאָפּא ביסט היינט,
טאָ זעה זשע, ווי שען די זון דאָ שיינט." 1)

ווייטער זאָגט ער, אַז די פאָלקס־שפּראַך, אויף וועלכער דער פּאָעט האָט אַליין געשריבען, דאַרף פערלאָזען ווערן פריהער פאַר אַלץ.

„דו רייד נישט אַ לשון, וואָס קיינער פערשטייט,
דיין לשון איז פערעמד, פערמישט, פערדרייט.
דאָס לשון המדינה איז קלאָר און ריין,
דו רייד איהם, שרייב איהם, זאָל יעדער פערשטיין." 2)

---

1) שירי מ. גאָרדאָן ז. 30.
2) „ „ „ „ 31.

אונטערדעסען האָבען די געשעהענישען, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך אלכסנדר דעם צוויטענס טויט, אויפגעוויזען דעם מחבר און אַלע זיינע פּאָליטישע חברים, אַז די זון איז נאָך גאָר נישט אַזוי הויך אויפגעגאַנגען, ווי זיי האָבען עס גערעכענט אין זייער ערשטער התפּעלות. און עס איז כאַראַקטעריסטיש צו זעהן, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט, סיי מעכניש, אַזוי אויך אינטעלעקטועל, דער פּאָעט געהמט אָן אַ נייע ווענדונג אין געהט אַרויס מ„בין המצרים" אין דעם מאָמענט, ווען עס איז פערעפענטליכט געוואָרען זיין ליעדער־זאַמלונג, אין 1889־טען יאָהר.

אין אַ ליעד 1) מיט'ן נאָמען „דער יוד אין גלות", וואָס איז געשריבען געוואָרען נישט לאַנג פאַר דער דאָזיגער עפּאָכע און איז געשאַפען אין דעם זעלבען גייסט, ווי דאָס ליעד, וואָס מיר האָבען איצט איבען בעטראַכט, האָט גאָרדאָן גאַנץ איינפאַך צוגעשריבען צו די פערזען, וואו ער לעגט אַריין אין אַ יודענ'ס מויל זיינע האָפנונגען וועגען אַ נאָהענטער עמאַנציפּאַציע, די פאָלגענדע גראַמען, וועלכע גיעבען איבער דאָס אַלץ, וואָס איז נישט מקוים געוואָרען.

„נישט לאַנג האָט געשיינט מיר אַ ליכטיגער שטערן
כ'האָב שוין געמיינט, ס'וועט באַלד ליכטיג מיר ווערן,
און מיין טרייער ברודער, אַנ'אמת'ער יודעל, 2)
האָט דענסטמאָל אַזוי געזונגען אין זיין לידעל". 3)

ביים משכּילישען פּאָעט, וואָס האָט בעטראַכט די אַסימילאַציע גופא, אַלס אַ פּראָבלעם, וואָס ליעגט פון אויבען־אויף און קען זעהר לייכט אויסגעפיהרט ווערן, האָט זיך דער באַנקראָט פון דער אַסימילאַציע אָבגערופען נאָר מיט אַ נייעם גראַם און דאָס ליעדעל איז געבליבען שען און גוט, ווי פריהער. פון די דידאַקטישע ליעדער דאַרף מען נאָך אָנווייזען אויף צוויי: „פון דער חופּה" 4) און „מיין דעה" 2), אין וועלכע דער פּאָעט פּאַלט אָן אויפ'ן מנהג, וואָס איז געווען זעהר פערשפּרייט צווישען יודען פון דער עפּאָכע,

---

1) שירי מ. גאָרדאָן, ז. 14-10
2) ד. ה. דער מחבר אַליין.
3. שירי מיכל גאָרדאָן, ז. 13
4) שירי מ. גאָרדאָן, ז. 92-84
5) „ „ „ 93-98

התונה צו מאכען זייערע קינדער קליינערהייד. דער אנהויב פון דער ערשטער פון די פאעמען איז נאך עד היום זעהר פאפולער ביי די רוסישע יודען:

„פון דער חופה צו דער סעודה
האלט זיך, האלט זיך מיט דער דודה.
עס איז שוין נאך אלען,
עס איז שוין פארפאלען".

מיכל גארדאן האט אויך געשריבען סאטירישע ווערק, וועלכע זענען נישט זעהר טיעף, אהן פרעטענזיעס. זיין אבלאכען איז גוטמוטיג, זיי זענען דעם פערפאסער מעהר געלונגען. מייסטענס זענען זיי געווענדעט געגען די חסידישע צדיקים און געגען חסידישע זיטען איבערהויפט. אמאל זענען זיי געשריבען אין דער פארם פון א וידוי, וואס א פערבלאנדזעטער חסיד זאגט פאר'ן רבי'ן, צוריקקעהרענדיג זיך צו זיין אלטען גלויבען („מיין תשובה", „מיין וידוי" 1), אמאל איז עס א מעשה וועגען א מופת פון א צדיק („א נייער מופת" 2), אמאל ווידער איז עס א וויציג בילד, וואס שטעלט פאר א גרופע חסידים, שבת-צו-נאכט, וואס זענען צוהיצט פון משקה, פון די מעשות וועגען צדיקים, וואס זיי דערצעהלען זיך איינער דעם אנדערען און פון די מעשות פון זייער רבי'ן 3). אין צוויי סאטירישע פאעמען: „די בארד" 4) און „דער גט" 5) לאכט דער פאעט אב אויף א וויציגען אופן פון די יודישע ווייבער, וועלכע, זייענדיג נאך מעהר פאנאטיש פון זייערע מענער, דערגעהען אפט אזוי וויט, אז זיי בעטען גט ביי א מאן, וואס שערט זיך די בארד, אדער איז בעגאנגען אנ'אנדער פערברעכען געגען די רעליגיעזע מנהגים, מצוות און דינים. אין דעם ערשטען ליעד, וואס איז מעהר פאפולער און מען הערט איהם נאך עד היום, גיט דער פאעט איבער דאס יאמערן פון א יודישער פרוי, וואס האט אין א שענעם פריהמארגען מיט שרעק דערזעהן, אז די בארד, וואס האט פערשיינט איהר מאנ'ס פנים, איז פערשוואונדען געווארען; אין דעם צווייטע

1) „מיין תשובה" ז. 19-22; „מיין וידוי ז. 66-69.
2) „א נייער מופת" (פון א צדיק בן צדיק) ז. 47-60.
3) „דער בארשט" ז. 45-48.
4) און 5) 15-81.

ליעד שילדערט ער אונז נאָך אַ יודישע פרוי, וועלכע בעט גאָט דער־פאַר, וואָס איהר מאַן געהט „גאַנץ קורץ געקליידעט נאָך דער גוי'־שער מאָדע" און זיצט „אָהן אַ היטעל גאַנצענע טעג":

„צי טאָר איך מעהר פערברייינגען די יאָהרען
מיט'ן מאַן, וואָס האָט עולם־הבא פערלוירען,
צי וועל איך גאָר מיט איהם שוין לעבען קענען:
איך וויים דאָך—ער וועט אין גיהנם ברענען".

נישט קוקענדיג אויף דער איראָנישער כונה פון דעם פערפאַסער, איז דאָס ליעד „די משקה" 1) פרעהליך, מיט אַ לעבעדיגער און אויסגעהאַלטענער שטימונג: דער מענש, וואָס איז דאָרטין אַרויסגע־פיהרט, לויבט דאָס געטליכע פלעשיל: „די משקה". זי איז מיט איהם מיטגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבען, ציט ער איז געבוירען געוואָ־רען, ביז דער חתונה, און אויך איצט וויים ער איין זאַך נאָר:

„און ווען דיין ווייב פערקרימט די נאָז,
טרינק דו באַלד אוים אַ גרויסע גלאָז;
ווען זי וועט טאָן אויף דיר אַ געשריי,
דו טרינק באַלד אוים איינס און צוויי.
זאָל זי זיך שרייען, נישט אויפהערען,
און דו זאָלסט נאָר די גלעזער קעהרען".

איינער פון די לעצטע פערזען אין דעם ליעד ענטהאַלט אַ פאַראָדיע אויף היינע'ס ליעד „די צוויי גרענאַדערען":

„מיין ביסעלע יאָהרען, ווען איך וועל אויסלעבען,
וויל איך, מען זאָל מיר אין קבר מיטגעבען
אַ פעסעלע משקה, נאָהענט ביי דער וואַנד,
אַ גרויסע גלאָז אין דער רעכטער האַנד.
צו תחית המתים בין איך ווידער דאָ
און טרינק באַלד משקה אין דער ערשטער שעה".

מיכל גאָרדאָן האָט געפרובירט שרייבען מיט אַ גרויסען ער־פאָלג אויך עלעגיען און לירישע ליעדער.

די לירישע ליעדער זענען אומעטיגע און טרויעריגע און האָ־

---

1) שירי מ. גאָרדאָן ז. 49-53.

בען אַ ליטעראַרען טאָן. דער פּאָעט האָט נישט געהאַט קיין גליקלי־כע יוגענד:

„די יונגע יאָהרען, די שענסטע טעג
צום שענעם פריהלינג גלייכט מען זיי,
זיי זענען מיר מיט שטורם אַוועק,
מיט שטאַרקע פרעסט, מיט גרויסען שניי.“ 1)

יעדענפאַלס, ווען ער איז יונג געווען, האָט ער האָטש גע־האַפּט, איצט אָבער, אַלט און אָרים, האָט ער אפילו נישט די אילוזיע פון ערוואַרטען:

„האָסט מיך גענאַרט, היינט זעה איך קלאָר,
מיין וואונש איז קיינמאָל ערפילט געוואָרען.
האָסט מיך גענאַרט פון יאָהר צו יאָהר,
ביז ס'זענען פערשוואונדען מיינע יאָהרען. 2)

וואָס האָט ער פערלאַנגט? אויף וואָס האָט ער געהאָפט? דאָס זאָגט אונז דער פּאָעט נישט; נאָר מיר זעהען איהם אַליין, אָהן פריינד, אָהן שטיצע:

„איך בין אין דער וועלט תמיד אַ גר,
מיינע הערצענסליידען פיהלט נישט קיינער,
איך בין ווי אַ שיפעל, וואָס שווימט הין און הער,
אין מיטען ים צווישען שפּיציגע שטיינער. 3)

גאָרדאָן האָט געהאַט פיעל שונאים, וועלכע ער האָט בעקעמ־פט צוליעב זיינע שריפטען. מען האָט איהם נישט געקענט ליידען, וויל ער האָט געטענה'ט: „ברידער, זייט נישט בלינד“. נאָר די ערנסטע שנאה איז איהם געווען ליעבער, ווי די פאַלשע און פער־אינטערעסירטע פריינדשאַפט. אויך דאָס לעבען האָט פאַר איהם קיין איבער נישט געהאַט און דער געדאַנק וועגען טויט האָט איהם נישט געשראָקען:

1) שירי מיכל גאָרדאָן, „מיינע יאהרען“ ז. 99-104.
2) „ „ „ „ „ „ 101.
3) „ „ „ „ „ „ 101.

„פון מוטער׳ס לייב בין איך אַרויס,
מיט גרויס געשריי, מיט גרויס געוויין;
אָבער איצט אין דער ערד, מיין אייביג הויז,
וויל איך שטיל און רוהיג געהן.

אזוי ווי דורך אַנ׳אָפּען טהיר
אַרויס אין גאַס פון ענגער שטוב,
אזוי גאַנץ רוהיג געה איך מיר
אַראָב פון בעט אַריין אין גרוב. 1)

ערהאַבען און פיין איז די שטימונג אין דעם ליעד „מיין צוואה“ 2):

„די גאַנצע וועלט איז גאָטעס הויז,
צום פרייען לעבען איז זי געשטעלט.
די אַלע מענשען קליין און גרויס,
איין פראַווע האָבען זיי אין דער וועלט.
. . . .
טאָן טובות מענשען נאָך דיין פערמעגען, —
מיט׳ן גאַנצען הארצען זאָלסטו בעגעהרען.
נאָר טאָרסט דערביי גאָר קיינמאָל פרעגען,
צו וועלכער אמונה זיי געהערען.

אין דעם זעלבען ליעד, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1888־טען יאָהר 3), ווערט דער פּאָעט נתפעל פון דער יודישער רעליגיע און געשיכטע:

„דער נאָמען יוד איז אונזער עהרע,
דער נאָמען קאָסט אינז זעהר טייער,
ער קאָסט אונז צרות, גזירות שווערע
איבער איהם האָבען מיר געברענט אין פייער“.

נאָר דער נאַציאָנאַלער שמאָלץ פון פּאָעט שטערט אויף:

1) שירי מיכל גאָרדאָן, „מיין לעבענס־צייט“ ז. 110-111.
2) „ „ „ „מיין צוואה“ ז. 105-109.
3) און ספּעקטאָר „הויז־פריינד“, ב. I

פאַר נישט זיין מענשענפריינדליכען אידעאַל:

„כ'האָב דיר געזאָגט און זאָג דיר ווידער;
די זיי אַ יוד, נאָר וויס, פערשטעה,
אַז אַלע מענשען זענען ברידער,
איין גאָט, איין פאָטער האָבען זיי".

א געבוירענער אין ליטא, האָט מיכל גאָרדאָן הויפטזעכליך געשריבען אויף דעם יודישען דיאַלעקט פון דער פּראָווינץ, נאָר אַזוי ווי ער האָט זעהר לאַנג געלעבט אין די דרום-פּראָווינצען, געפינען מיר אין זיין שפּראַך שפּורען פון דעם דיאַלעקט פון יענע פּראָווינצען אויך. זיין סטיל צייכענט זיך אויס דערמיט, וואָס ער איז איינפאַך, שטאַרק און פול מיט קראַפט. חאָטש זיין סטיל איז נישט אַזוי רייך און טיעף, ווי דער סטיל ביי געוויסע שריפטשטעלער פון דער פאָלגענדער עפּאָכע, דאַך דאַרף מיכל גאָרדאָן צוגערעכענט ווערען צו די יעניגע שריפטשטעלער, וואָס האָבען מיטגעהאָלפען צו שאַפען אַן אָריגינעלען יודישען ליטעראַרישען סטיל. אויסער זיינע יודישע לידער, האָט ער נאָך געשאַפען אין דער פאָלקס-שפּראַך אַ געשיכטע פון רוסלאַנד.

מיכל גאָרדאָנ'ס שוואָגער, יהודה לייב גאָרדאָן (1830—1862), וועלכער איז געוועזען איינער פון די בעדייטענדסטע אָנפיהרער פון דער השכלה-בעוועגונג און צוגלייך איינער פון די גרעסטער העברעאישער פּאָעט, ווערט צוגערעכענט צו די בעסטע יודישע שריפטשטעלער פון דער עפּאָכע. אין 1886-טען יאָהר האָט ער פערעפענטליכט אין וואַרשא אַ זאַמעלבוך פון זיינע יודישע לידער אונטער'ן נאָמען: „שיחות חולין". 1)

מיט דעם העברעאישען נאָמען, וואָס האָט צוויי בעדייטונגען: „וואָכעדיגע געשפּרעכען און פּלוידערייען, אום צו פערברענגען די צייט, האָט דער פּערפאַסער געוואָלט זאָגען, אַז די פּראָסטע שפּראַך איז נאָר מסוגל צו וואָכענדיגע זאַכען. אַ געוויסע צאָהל לידער, וואָס זענען אָבגעדרוקט געוועזען אין דעם זאַמעלבוך, זענען געשאַפען געוואָרען אין די יוגענד-יאָהרען פון פּאָעט; אַנדערע ווידער זענען געשאַפען געוואָרען פיעל שפּעטער, נאָך די בעקאַנטע

1) „שיחות חולין", לידער אין דער פאָלקס-שפּראַכע פון י. ל. גאָרדאָן 4 א. ווילנא 1899.

געשעהענישען פון 1881-טען יאהר. אלע אבער געהערען, לויט דער פערזענליכקייט פון זייער פערפאסער, אזוי אויך לויט דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון זייערע אידעען און געפיהלען, צו דעם פעריאד פון דער משכילישער ליטעראטור.

אלס די בעסטע פון די לידער, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט דער לעבעדיגקייט פון דער שפראך און מיט דעם געפיהל פון אנ'ערנסטען כעס, קען מען רעכענען די יעניגע, וואו י. ל. גארדאן בעשרייבט די עולות פון די קהל'שע גבאים, וואס האבען דעם גאנצען יאך פון דעם רעגיערונגס-אבצאהל ארויפגעלעגט אויף די ארימערע מיטגליעדער פון דער קהלה, אויסשליסענדיג פון דעם די זיהן פון די גבירים און נגידים. אין דער פאעמע „עיכוב הקריאה"[1] זעהען מיר אנ'ארימע אלמנה, א יונגע-ווייבעל און א בעל-מלאכה, וועמענס זוהן, מאן און ברודער זענען אויף א גאנץ אונגעזעצליכען אופן בעשטימט געווארען פון די קהל'שע-גבאים צו געהן דיענען. די סצענע שפיעלט זיך אב אין בית המדרש, צו שחרית, די עלטערן פון די אונגליקליכע קרבנות, נישט האבענדיג קיין אנדער מעגליכקייט נעהמען זיך פאר דאס איינציגע פראטעסט-מיטעל, וועלכעס די פראקטיק פון יודישען לעבען האט אויסגעטראכט פאר די פשוט'ערע מיטגליעדער פון דער קהלה, וואס זוכען יושר: נישט לאזען „לייענען" די תורה ביים דאווענען שבת אדער יו"ט. נאר אפילו דאס מיטעל קען גארנישט אויפטאן געגען דער באנדע קהל'ס-לייט. דער בעל-מלאכה האט אזוי לאנג געשריען, ביז ער איז הייזעריג געווארען; איין יודענע איז געפאלען אין חלשות, די אנדערע האט מען ארויסגעווארפען, און אלץ איז פערבליבען ווי געוועזן. דער בעל-קורא האט זיך אבגעלייענט די תורה ווי אלעמאל, די גבאים פון דער קהלה האט מען „אויפגערופען" און געגעבען א שענע עליה; יעדערער פון זיי האט, ווי דער מנהג איז, מנדר געוועזן א פיינע נדבה און „עולם כמנהגו נוהג". מיט א בייסענדיגער און פיינליכער לעבהאפטיגקייט, אונטער וועלכער עס פיהלט זיך א טיעפער כעס, וועזט אונז דער מחבר די גבאים אין פערלויף פון די אלע סצענעס, וועזט אונז די פאזען, וועלכע יעדערער פון זיי סטארעט זיך אנצונעהמען,—פאזען, וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר זייער לאגע און וועלכע דער פאעט שטעלט פאר זעהר רעל עף, כמעט פלאסטיש. האבענדיג א פינסטערן געוויסען,

---

1) י. ל. גארדאן, אויב. ציט., „עיכוב הקריאה" ז. 44-55;

בטאַרעט זיך יעדערער פון זיי אָנצוגעהמען אַזאַ מין אויסזעהען, דאָס מען זאָל קענען מיינען, אַז ער ועהט גאָרנישט פון דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום איהם; פאָלקאָמענע צבוע׳קעס, מאַכען זיי זיך, כלומר׳שט, ווי זיי וואָלטען זיין שטאַרק פערטיעפט אין דאַווגען:

„דער רב זיצט זיך ווי אַ שררה,
גאַנץ רוהיג אויף זיין אָרט,
ער בלעטערט כלומר׳שט די גמרא
און גלעט זיך נאָר די באָרד.
נעבען איהם שטעהט ר׳ יאָקעל דער דיין
— זיין מיחוש לאָזט זיך איהם ניט זעצען:
ער שטעהט און לערנט זיך דעם ז׳יען
פון תזכרו גוט צו קוועטשען. 1)
און ר׳ קאַלמעלע, וואָס זאָגט דעם שיעור —
דער איז גאָר נישטאָ.
ער שטעהט און וואַשט די הענד ביים כיור
אַ גאַנצע האַלבע שעה;
ער זאָגט מיט כונה „אשר יצר"
און וואַשט זיך אָב די האַנד
און זוכט ווען עס איז דער יום הקצר
אין לוח אויף דער וואַנד...

די איבעריגע מיטגליעדער פון קהל, דער „סבאָרשטשיק", דער סעקרעטאַר, די גבאים מיט זייערע זיהן און אַלערליי העלפערס בלייבען אויך קאַלט צו דער „עכוב הקריאה". נאָר די צבוע׳קעס —

זענען דאָס די זעלביגע טהייערע יודען,
וואָס איך האָב אַמאָל געזעהען,
בשעת מען האָט ביי טייטש אָנקליידען 2)
גוזר תענית געווען?
דענסטמאָל האָט דער רב געוויינט ווי אַ ביבער.

---

1) דעם „ז." פון דעם „תזכרו" אין קריאת-שמע דאַרף מען, ווי בעוואוסט, אויסרעדען דייטליך, אום צו אונטערשיידען דאָס וואָרט פון אַנדערע, וואָס קלינגען עהנליך צו איהם.

2) דער אויטאָר מיינט מיט די ווערטער יענע עפּאָכע, ווען, אין ניקאָלאַי׳ס צייטען, ס׳איז אָבגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל, יודען זאָלען זיך קליידען אייראָפּעאיש

דער סבאָרשטשיק האָט ליפּען געשטעלט,
די גבאים, שמשים, דער גאַנצער צבור
האָבען איבערגעקעהרט די וועלט".

אין דעם ליעד „וואָס איז ביי דער אסיפה געבליעבען?" 1) בעשרייבט דער פּאָעט מיט פיעל גייסט די אונאָרדנונגען און די אנאַרכיע, וואָס הערשען אויף די קהל'ישע אסיפות.

די חסידישע זיטען, די עקספּלואַטאַציע פון די מאַסען דורך די צדיקים, די לייכטגלויביגקייט און דער פאַנאַטיזם פון די „געטרייע" ווערען אויך געשילדערט דורך י. ל. גאָרדאָן, אָפט מיט אַ לייכטער און שמייכלענדער איראָניע („דער קהל'שער אינדיק" 2, „שווערע צייטען" 3).

אין דעם ליעד „די יונגע יאָהרען" 4) האָט אונז גאָרדאָן געגעבען צו פיהלען מיט אַ וויינ=איראָנישען הומאָר די ליידען און פריידען פון אַ יודישען קינד, וואָס פערברענגט דעם גאַנצען טאָג אין חדר, בעקומט דאָרטען קלעפּ, וועלכע ער געדענקט זיין גאַנצען לעבען, און לערנט גמרא אָהן אַ שום סדר. דערביי לאָזט מען אפילו נישט דורך אַזעלכע ערטער, וואָס פּאַסען פאַר איהם נישט לויט זיין עלטער. אַ דאַנק די פּאָראורטיילען, וועלכע האָבען געהערשט בנוגע צו אַ מלאכה, וואָס איז בעטראַכט געוואָרען אַלס עפּעס נידעריגעס, — איז דער יודישער יונגערמאַן געווען גאַנץ אונפּאָרבערייט צו דעם מאָמענט, ווען ער האָט געדאַרפט אָנהויבען דעם קאַמפּף פאַר דער עקסיסטענץ. דער פערפאַסער האָט געוואָלט לערנען עפּעס, וואָס זאָל איהם זיין ניצליך אין דער צוקונפט; ביי יעדען פּרוב האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסען אויף דעם סיסטעמאַטישען ווידערשטאַנד פון ר' נחום, זיין מאַמעס אַ קרוב. ער האָט געוואָלט אַריינטרעטען אין אַ שול:

„האָט ר' נחום געזאָגט: „ווערה מיר, אַ שקאָלע?
דאָס איז פאַר יודישקייט די ערשטע מפּלה!"

ווען אַ פּרייע פּראָפעסיע טויג נישט, האָט ער געוואָלט זיין

---

1) י. ל. גאָרדאָן „שיחות חולין" ז. 66-63.

2) „ „ „ ז. 62-55.

3) „ „ „ ז. 71-67.

4) „ „ ז. 28-10.

אויסלערנען עפעס א מלאכה. דא האט ר׳ נחום נאך שטארקער פראטעסטירט:

— חס ושלום! דערמיט וועט ער פערשווארצען די אויגען,
זיין גאנצען יחוס, זיין מאמעס משפחה.

דער פלימעניק האט געוואלט אנהויבען „אויפ׳ן פיערעל צו שפיעלען":

ווילסט ווערען א כליזמר אויף חתונות ביי יודען?
אדער געהן מיט א קאטרינקע אויף די ירידען?

דער זעלבער ווידערשטאנד איז פארגעקומען אויך דאן, ווען ער האט געוואלט ווערען א פאעט און „אנגעשריבען א קליינעם שירל"; א מאלער—און האט אנגעצייכענט „א פיגור אויף דער וואנד"; א שניצער און האט „פון א העלציל א צאצקע געמאכט", א. א. וו., ביז דעם מאמענט, ווען

... מיינע עלטערן האבען זיך בעשלאסען
און איך בין למזל טוב געווארען א חתן.

דער סוף איז בעקאנט:

באלד טראגט ער א פאק קינדערלעך אויף די פלייצעס בארנטשיק.

די קונץ דארף מען ניט לערנען, זי צו פערשטעהן;
דאס קומט שוין ממילא, דאס מאכט זיך אליין.

דער פאעט האקט אבער דא איבער זיין לעבענס־בעשרייבונג, און דערפאר:

ווייל, לאנג לעבען זאל זי, מיין הארציגע ווייב,
פערשטעהט דעם לשון, אויף וועלכען איך שרייב.

די טרייקייט, וואס די משכילים האבען שטענדיג אויסגעדריקט דער רעגירונג, ווייזט זיך ארויס אויף א זעהר כאראקטעריסטישען אופן אין א ליעד מיט׳ן נאמען: „דער מוטער־אבשיעד" 1), וואו עס ווערט בעשריבען א מעשה פון א מוטער, וואס געזעגענט זיך מיט איהר זוהן, וועלכער געהט אוועק אויף מיליטער־דינסט. דער פאעטישער ווערט פון דעם ליעד איז זעהר קליין, דערפאר איז זיין היסטארישער ווערט

---

1) שיחות חולין, ז. 34-39.

פיעל גרעסער, די מוטער זאָגט אָן דעם זוהן, ער זאָל זיין אַ גוטער און אַ פרומער יוד, זיך סטאַרען אויף וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך צו ער־פילען אַלע דינים; דאָך נאַרט זי זיך נישט בנוגע צו דעם, וואָס פאַר־אַ לעבען עס ערוואַרט איהם אין קאַזאַרמע.

„פינף און צוואַנציג פינסטערע יאָהר
מוסט דו אין קאַזאַרמע לעבען;
פאַר אַלע צרות, איך ווייס דאָס קלאָר,
וועט מען דיר קיין לוין נישט געבען;
דערדיענען קענסט זיך אים לעבען נים,
מעגסט זיין דער גרעסטער חוואַט:
דו ביזט געבוירען געוואָרען אַ יוד —
דו ביזט און בלייבסט אַ סאָלדאַט!"

און פונדעסטוועגען:

„דאָס זאָל דיך אָבער, מיין קינד, נים ערגען,
דו דיענן דעם קייזער טריי,
אפילו אין די גרעסטע געפאַהרען
זיי הראַברע און עהרליך דערביי;
דיין בלוט, דיין לעבען זאָלסטו נים שוינען,
אַז מען פערלאַנגט עס פון דיר.
ווילען מענשען דיר נישט בעלוינען
בעצאָלט דיר גאָט דאָפיר."

ווען דער פאָעט, זייענדיג אויפגערעגט און בעטריבט, פעראו־מערט און נידערגעשלאָגען פון די ליידען אין דער געגענוואַרט און פון דער פינסטערער אונבעשטימטהייט אין דער צוקונפט, וויל טרייסטען זיך און זיינע לעזער, ווענדעט זיך זיין בילד נישט־ווילענדיגערהייד צו דער פערגאַנגענהייט. די אַלטע פערגאַנגענהייט, די ביבלישע, איז זעהר וויים; איהר קאָנטראַסט אַקעגען דער געגענוואַרט איז צו שרעקליך; די געשיכטע אָבער פון די אַלע ליידען און רדיפות, וואָס יודען זענען אויס־געשטאַנען, אָנהויבענדיג פון חורבן ביז די היינטיגע טעג,—קען דען אַט די אַלטע געשיכטע נישט דיענען אַלס שטאָלץ, און צוגלייך אויך אַלס טרייסט־קוואַל פאַר דעם יודישען פאָלק? רדיפות! וועלכע איז דאָס יודישע פאָלק שוין נישט אויסגעשטאַנען, די שרעקליכסטע און שטאַרק־סטע, און דאָך האָט זיך עס אַרויסגעוויזען נאָך שטאַרקער. היינט קען מען דען פערלירען דעם מוט? די ליידען און צרות האָבען מיר

נעליטען און אַריבערגעטראָגען, נאָר צוליעב אין אַ דאַנק דער אמונה אין דער הייליגער תורה. לאָמיר דעריבער צוזאַמענציהען אונזערע פחות אַרום דער דאָזיגער תורה און אמונה; אין זייער נאָמען װעלן מיר זיעגען. און דער פּאָעט, נישט קוקענדיג אויף דעם, װאָס ער איז אַביסעל פערדעכטיג אין פרײַ־דענקעריי, זינגט פונדעסטוועגען אַ „זמר שמחת תורה" 1).

די הייליגע תורה געשריבען אויף פּאַרמעט
איז דאָך אונזער טרייסט אין אונזער אַרמוט.

מיר האָבען אַלץ פערלוירען, די אונאָבהענגיגקייט, דאָס פּאָטער־לאַנד, און אפילו די שפּראַך; איין זאַך איז אונז נאָר געבליבען: דער גלויבען:

גאָט אין הארצען, די תורה אין דער האַנד
זענען מיר געגאַנגען פון לאַנד צו לאַנד,
פיעל צרות געליטען, דאָך לעבען געבליעבען —
דורך די הייליגע תורה אויף פּאַרמעט געשריעבען.

. . . .

אונזער געשיכטע, אַזוי גרויס ווי די ערד,
איז ניט מיט אַ פעדער, נאָר מיט אַ שווערד,
ניט מיט טינט געשריבען, נאָר מיט בלוט און טרערען,
ניט אין לייפּציג געדרוקט, נאָר אין גלות דעם שווערען,
ניט אין גאָלדשניט געבונדען, נאָר אין קייטען און אייזען.
לאָז מיר חאָטש איינער קומען און ווייזען
וואו האָט מען אונז ניט פערפאָלגט און פערטריבען,
פאַר דער הייליגער תורה, אויף פּאַרמעט געשריבען?

דער פּאָעט רעכענט אויס די פערפאָלגונגען, וואָס דאָס יודישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען, און שטעלט די טרויערפולע פראַגע:

און איצט איז שוין בעסער? לאָזט מען אונז צופריעדען?
האָט מען שוין אַמאָל דערקענט, אַז מיר יודען
זענען אויך מענשען אַזוי ווי די אַנדערע?
וועלען מיר ניט מעהר אין דער וועלט אַרומוואַנדערן?
וועט מען זיך אויף אונז ניט מעהר בעקלאָגען?

1) שיחות חולין, ז. 34—38

דאָס ווייס איך ניט, דאָס קען איך אייך ניט זאָגען.
איינס ווייס איך — עס לעבט נאָך דער אַלטער גאָט אויבען.
די אַלטע תורה אונטען און דער אַלטער גלויבען, —
דרום זאָרגט ניט און האָפט אויף גאָט דעם ליעבען
און אויף דער היילי‍גער תורה, אויף פאַרמעט געשריבען.

פערבייגעהענדיג וועלן מיר נאָך דערמאָנען „די ליעדער פון דער דערזאָוקע״ 1), אין וועלכע רער פאָעט דערצעהלט, נאָכמאַכענדיג זעהר גוט און שען דעם סטיל פון די פאָלקס-לעגענדען, די געשיכטע פון דער פערליעבטער מלכה׳לע, דעם גבאי׳ס טאָכטער, און פון דעם פערליעבטען מלך, דעם אָרימען שמש׳ס אַ זוהן; וועגען דער אונטרייהיט פון חוה׳ן צו איהר מאַן אברהמ׳על, אַ רב, וועלכען די לומדות האָט נישט קליגער געמאַכט און וועלכער, זעהענדיג, ווי עס שפרינגט ארוים דורכ׳ן פענסטער דער געליעבטער פון זיין פרוי, נעהמט איהם אָן פאַר אליהו הנביא און בלייבט גאַנץ פערוואונדערט פון דער זעהונג, וואָס האָט זיך איהם בעוויזען. נישט אָבטרעטענדיג אויף איין אויגענבליק פון דעם ערנסטען טאָן, וועלכען ער האָט אָנגענומען גלייך פון אָנהויב, פערשטעהט דער פאָעט דאָך צו געבען אונז אַ רמז׳ל אויף פערשיעדענע לעכערליכע, און אפילו דאָפעלזיניגע זאַכען, און דער קאָנטראַסט צווישען דער לייכטקייט פון דער טעמע און דער שווערקייט פון טאָן דערלאָזט נישט דעם לעזער, ער זאָל זיך גראָב אַמיזירען. אין די פערזען פון די „לעגענדען״, וועלכע זענען לייכט און מינטער, ווי אויך אין דעם גייסט, און וועלכען זיי זענען געשאַפען, איז צו בעמערקען די ווירקונג פון היינריך היינע. די ווירקונג, ווי מיר וועלען עס נאָכדעם זעהען, וועט זיין איינע פון די בעדייטענדסטע אין דער יודישער פּאָעזיע.

י. ל. גאָרדאָנ׳ס סטיל איז, אין אַלגעמיין גענומען, גוט בעאַרבייט, נאָר די פאָעטישע בעגייסטערונג ווייזט זיך אין זיינע יודישע ווערק זעהר זעלטען אַרוים. נאָך מעהר ווי אין זיינע העברעאישע שריפטען, איז ער מעהר אַ גוטער גראַמען-שרייבער, וועלכער פערדעקט די אַבוועזענהייט פון פאַנטאַזיע און פאָעטישען געפיהל מיט אַ קלוגען וואָרט, מיט אַ געלונגענעם גראַם. אין זיינע ווערק איז זעהר וועניג דאָ געפיהל און התלהבות. ער בלייבט שטענדיג דער רע-

1) שיחות חולין, ז. 74—96.

קענדער משכיל, דער העברעאיסט, וואס שטעלט העכער פון יעדען טאלאנט—קענען גוט די גראמאטיק און די כללים פון דער שפראך. דער הויפטווערט פון זיין יודישען סטיל בעשטעהט אין דער דיאלעקטישער זייט פון זיינע ווערק, און זיין שטארקער שפראך, וועלכע איז איבערפולט מיט אריגינעלע ווענדונגען.

פינדעסטוועגען טרעפען זיך ווען-נישט-ווען אין זיינע לידער שטיקלעך, וואס זענען דורכגעדרונגען מיט א לויטערען פראטעסט-געפיהל געגען די אונטערדריקער, ווי אין „עכוב הקריאה", אדער מיט א געפיהל פון א טיפען רחמנות צו די אונטערדריקטע און ערנידעריגטע, ווי אין דעם ליעד: „פאר וועמען שרייב איך"? 1), ווען דער פאעט זאגט, אז ער וואלט גליקליך זיין, ווען זיין קליין ביכעל וואלט קענען, אויף איינגע שעה האטש, מאכען פערגעסען די ליידען און צרות זיינע ברידער און שוועסטער, וואס

... לעבען שטענדיג אין דחקות, אין זארגען
און לעבען נאר מיט נסים, פון ווינד,
און וויסען היינט ניט, אויב זיי האבען מארגען
א שטיקעל ברויט פאר ווייב און קינד.

מיכל גארדאן, ווען ער האט געשריבען זיינע ליעדער, האט ער געהאט שטענדיג אין זינען, אז „דאס וואס ער וויס מיט זיין פערשטאנד, מוז ער עס באלד יענעם ערקלערען"; י. ל. גארדאן, וועלכער האט אין איינעם פון זיינע העברעאישע ליעדער צוגעזאגט צו זיין „אני־עבד פון העבראיש אויף אייביג" האט געשריבען אויף יודיש נאר פון רחמנות צו זיינע ארימע ברידער און שוועסטער. ווי דער ערשטער, אזוי אויך דער אנדערער, ביידע זענען זיי צוגעגאנגען צו יודיש אהן ליעבע צו דער שפראך. נאר אין דערזעלבער עפאכע האט געלעבט אן־אנדער יודישער פאעט, וועלכער האט אפילו נישט געקענט אין גאנצען זיך בעפרייען פון די הערשענדע אידעען, ד. ה. פון דער השכלה-בעוועגונג, דאך האט ער זיך געמיהט אבצושוואכען זייער ווירקונג אויף זיך, ווי ווייט מעגליך. אין דעם גרעסטען טייל פון זיינע ווערק האט ער געשטרעבט אויסצודריקען זיינע אינעווייניגסטע געפיהלען אהן שום טענדענצען. מיר רעדען דא וועגען אברהם גאלדפאדען (1840—1908), וועלכער איז געווארען

1) „שיחות חולין" ז. 8-10.

בעריהמט, אַלס דער גרינדער פון דעם יודישען טעאַטער, נאָר זיי־
יין פּאָעטישעס שאַפען איז אויך גענוג ווילטיג.

אין 1866־טען יאָהר, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די זשי־
טאָמירער ראַבינער־שול — איינער פון די השכלה־צענטרום'ס, — האָט
גאָלדפאַדען פערעפענטליכט זיין ערשטען באַנד יודישע ליעדער, אונ־
טערן נאָמען „דאָס יודעלע" 1). נאָך זיי זענען דערנאָך אַרויס פיעלע
אַנדערע ווערק אין גראַמען, וועלכע זענען טיילוויז פערעפענטליכט
געוואָרען אין יודישע זשורנאַלען; אַנדערע ווידער—אין בעזונדערע
אויסגאַבען.

געבוירען אין די דרום־פּראָווינצען, וואו דער קאַמפף צווישען די
אָרטאָדאָקסען און די משכילים האָט נישט געטראָגען דעם כאַראַקטער
פון אַ שאַרפער שנאה, ווי אין ליטא; זייענדיג דערצו אַ זוהן פון אַ אָרימען
בעל מלאכה, וואָס איז געווען ווייט פון דעם, אַז ער זאָל שטערען
זיין קינד אין דעם וואונש צו לערנען זיך און האָט נאָך, אדרבא, איהם
אויפגעמונטערט צו דעם און געשטיצט מיט אַלע זיינע מאַטער־
יעלע און מאָראַלישע כחות, — האָט גאָלדפאַדען נישט געקענט האָבען
קיין גרויס התפעלות פאַר דער קאַמפפס־שטימונג פון דער השכלה־עפּאָ־
כע, און זי האָט טאַקע געפונען אין זיינע ליעדער זעהר אַ שוואַכען
אָבקלאַנג. זיין „פרעהליך חסיד'ל" 2) איז אַ גאַנץ וואוילער מענשיל,
און ווען דער פּאָעט מאַכט זיך אפילו אַביסעל לוסטיג איבער איהם,
לעגט ער איהם אָבער אַריין אין מויל אַ קריטיק פון די „פּראַנצויזען3)",
פון זייערע זיטען און זייערע מאַניערען, וועלכע ער געפינט איין פּאַר
לעכערליך און אונמאָראַליש. ווען דער פּאָעט ווענדעט זיך צו די אָר־
טאָדאָקסען, פאַלט ער אויף זיי נישט אָן, ער וויל זיי נאָר ווייזען, אַז
זיי האָבען אַ טעות אין זייער חשבון וועגען די געבילדעטע, וועלכע
זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי זייערע געגנער דענקען עס:

אָט זעהסטו דעם אויפגעקלערטען, אָט דעם גלוח,
וואָס ער איז כל בו, ווי דו מיינסט—ער לייקענט אין משיח,

1) „דאָס יודעלע", יודישע ליעדער אויף פּראָסט יודישער שפּראַך, פון אברהם גאָלדענפאַדים, איין אַלטקאָנסטאַנטינאָווער. זיטאָמיר, 1868.

2) Jbidem ז. 94-100.

3) די פּוילישע און דרום'דיגע יודען רופען „פּראַנצויזען" אַ מענשען פון דער מאָדערנער קולטור, דאָס, וואָס אין ליטא בעצייכענט מען געוועהנליך מיט'ן נאָמען „בערלינער".

און איז עובר, נאך דיין מיין, אויף אלע לאוו'ן אין דער תורה,
און פרומע יודען, ווי דו קלערסט, איז ביי איהם קיין סחורה
זאלסטו זעהען, אז מ'זאטשעפעט זיין אמונה, זיין יודען,
ווי עס הייבט אין איהם אן זיין בלוט צו זידען...

. . . .

פאר דער קורצער קאפאטע אט נא דיר א גראשין
אבי דאס פינטעלע יוד איז אין איהם ניט פערלאשין... 1)

אויף די פראגען וועגען פארטייען און דאגעגען שטעלט זיך דער פאעט בכלל אב נאר פארבייגעהענדיג. אויך נאר צופעליג און בלאחר יד קריטיקירט ער די עולות פון די קהל'שע פיהרער, פון די קהל'שע גבאים, הויפטזעכליך די, וואס געוועלטיגען אויף דעם מיליטער־דיענסט:

קוק, אין א שטוב זיצען א גאנצע נאכט
מענשען — פרומע איינס אין דער וועלט.
דא זיצט דאס קהל, מ'קלערט, מ'טראכט —
מענשען פערקויפען פאר געלד. 2)

גאלדפאדענ'ס פאעזיע איז כמעט שטענדיג פריי פון דידאקטיק, פון מוסר־זאגען. זיינע טעמעס נעהמט ער פון איבעראל, וואו ער געפינט זיי. דאס דריידעל, דער פייל און בויגען, רוסישע יודען, דאס ווארט „נא", וואס האט פערשיעדענע בעדייטונגען ענטשפרעכענדעם, ווי עס ווערט ארויסגעזאגט, מיט וועלכער אינטאנאציע, — דאס אלץ דיענט דעם פאעט אלס טעמע פאר זיינע ליעדער. נאר לויט'ן גייסט פון דער גאנצער יודישער פאפולערער פאעזיע, פערנאכלעסיגט דער אויטאר מאנכמאל די טעמע, אום איבערצוגעהן צו פערזענליכע איינדריקען. „דאס דריידעל" 3) ווערט פאר איהם א סימבאל פון דעם מענשליכען לעבען איבערהויפט:

א קיילעכדיגער טיש איז נאר די וועלט,
ארום איהם זיצען מענשען א רעדעל;
דער שטעלט איין געזונד, דער — לעבען, געלד
און דאס גליק שפיעלט אין דריידעל.

1) Jbidem, „דאס פינטעלע יוד", ז. 5-17.
2) „ „דער מלאך" ז. 62-68.
3) „ „דאס דריידעל" ז. 46-49.

דאָס שפּיעל „דער פייל און בויגען" 3) רופט ביים פּאָעט אַרויס געדאַנקען וועגען דעם פאָרוואורף, וואָס מען מאַכט אָפט יודען, אַז זיי האָבען נישט קיין מוט; וועגען דעם, וואָס מ'זאָגט, אַז „דער יוד איז אַ פּחדן", אַז די יודישע פיילען און בויגענס זענען פונקט, ווי די קינ־דערשע, געמאַכט געוואָרען פון האָלץ. פאַר'ן פּאָעט איז דער פאָר־וואורף נישט קיין ריכטיגער; די יודען האָבען אַמאָליגע צייטען געהאַט זעהר פיעל העלדען, און אויב זיי האַלטען טייער דאָס לעבען איז נישט ווייניגער אמת, אַז עד היום זענען זיי נאָך בכח, ווען מען דאַרף, צו שטאַרבען מיט מוט און דרייסטקייט:

און וויפיעל יודישע קינדער זענען אין קריעג געפאַלען!
אויב צו ווייסען עמיצער וויל נאָר זיין אַ בעל'ן,
לאָז ער צעהלען פון די מאַמעס יעדערעס „אוי"
און דאָרט אויף די מצבות דעם אמת'ן „פּה"...

די מעשיות פון דער אגדתא זענען אויך בעליעבטע טעמעס פאַר'ן פּאָעט. ער גיט זיי צו אַ ווייכע סאַנטימענטאַלע פאָרם, וועל־כע איז פעהיג צו ריהרען דאָס האַרץ פון איינפאַכע און נאַאיווע מענשען. ווי טרויעריג איז „רבקה'ס טויט" 4), וועלכע מען איז מקבר ביי דער נאַכט, בעהאַלטענערהייד! עשו וואָלט מיט זיין אָנווע־זענהייט נאָר פערשוועכט דעם קבר, און יעקב, איהר געליעבטער זוהן, איז זעהר ווייט, ער בלאָנדזשעט אַרום אין מדבר, אַנטלויפענ־דיג פאַר דעם כעס פון זיין ברודער:

שוואַרצע וואָלקען האָבען איהם בעגאָסען מיט דראָבנע טרערין,
און דער ווינד האָט צוגעזיפצט מיט אַ געוויין.

— — — — — — — — — — —

דער בית המקדש איז צושטערט, די נאַציאָנאַלע אונאָבהענגיגקייט איז פערלוירען. פון אַ שפּיין באַרג האָבען די יודען, וואָס מען האָט געטריעבען אין גלות, געוואָרפען דעם לעצטען בליק צום היילינגען אָרט, און אָט זעהען זיי, ווי צווישען דעם רויך, וואָס בעדעקט דעם האָריזאָנט, ליעגט אַ „האָלאָוועשקע" 1), וועלכע ברענט, רויכערט זיך און וויל זיך נישט פערלעשען. אַ פייער־פונק איז אַריין אין זייער

1) Jbidem, „פייל און בויגען" ז. 36-37
2) 〃 , „רבקה'ס טויט" ז. 58-62.
3) 〃 , ז. 37-41.

הארץ , און אויך ער וועט נישט פערלאָשען ווערן קיינמאָל ;
און אַ טרער איז פון הימעל אראָבגעפאַלען ,
און האָט שטאַרקער צושאַרעט די האָלאָוועשקע ...
געהט , יודען , אין גלות , איהר וועט ניט פאַלען —
עס וועט אייך זיין ליכטיג אויף אייער שטעזשקע .

צוגלייך מיט די אַנדערע פּאָעטען , וואָס מיר האָבען דאָ בעטראַכט , ריהמט אויך אברהם גאָלדפאַדען די יודישע אמונה , די טובות, וואָס דאָס פאָלק האָט פון איהר :

זי איז דער שטאַרקער קנופּ — די אייזערנע קייט ,
וואָס האַלט אונז אין איינעם, וואו מיר זענען צושפּרייט,
וואו אונזער פינסטער מזל האָט אונז פערוואָרפען —
אין מזרח , אין מערב , אין דרום , אין צפון . 2)

אין אַן אַלעגאָרישען ליעד אין דריי קאַפּיטלעך : „דער יחוס-שטר״ 3) בעשרייבט דער פּאָעט די תנאים און די חתונה פון ישראל און זיין אמונה . משה רבינו איז דער שדכן געווען און די תורה איז די תנאים . גאָט , דער צוקינפטיגער שווער, האָט צו תנאים געגעבען דעם חתן אַ טייערע מתנה , דאָס איז געווען „שבת״ . די חתונה איז געווען בעלעבט און מונטער אַ דאַנק דער אָנוועזענהייט פון די איינגעלאַדענע געסט ; די יום-טובים פסח, שבועות און סוכות, וועלכע ערשיינען אין סימבאָלישע קאָסטיומען .

אין דעם לעצטען קאַפּיטעל רופט אַרויס ישראל אויף זיך דעם כעס פון גאָט , ווייל ער איז געוואָרען אונטריי דער אמונה , גאָט'ס טאָכטער . גאָט טרייבט איהם אַרויס פון זיין לאַנד און ער געהט אוועק אין גלות , בעגלייט פון דער תורה , וועלכע בלייבט איהם געטריי ביי אַלע שוועריגקייטען פון זיין עקסיסטענץ . אין זייער גלות טראָגען זיי מיט גאָט'ס פערשפּרעך צוריקצורופען זיי — „אויף דעם אָרט , וואָס פריהער , דורך אַ שמש, ועמענס נאָמען עס איז „משיח״ .

די אידעע פון דעם , אַז יודען זאָלען זיך אַסימילירען , איבערנעהמען די זיטען און די שפּראַך פון דעם לאַנד , וואו זיי וואוינען, וועלכע איז אַזוי טייער געווען די משכילישע שריפטשטעלער פון

---

1) Jbidem , ז. 11 .

2) ״ , ז. 26-36.

דער עפּאָכע, בעגעגענט זיך קיינמאָל נישט אין גאָלדפאַדענס ליעדער. די אָבגעזונדערטע אויסדריקען, ווי דער פאָלגענדער, צ. ב., אז דער יוד דאַרף „ריינען טריי זיין קייזער — שטרעקען די נשמה“ 1), שיינט צו זיין אַלץ, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דעם פּראָגראַם אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פון דער פּאָליטישער פּראַזעאָלאָגיע פון די משכילים.

גאָלדפאַדען, וועלכער האָט, לויט זיין ערציהונג און בילדונג, געהערט צו דער משכילים-גרופּע, האָט אין זיין ליטעראַרישער טעטיג-קייט געהערט צו איהר נאָר טיילוויז. זייענדיג א פאָלקס-פּאָעט נישט נאָר לויט דער פאָרם פון זיינע ווערק, נאָר אויך לויט'ן גייסט, מיט וועלכען זיי זענען געווען דורכגעדרונגען, האָט ער נישט געקענט געהן ביז'ן סוף צוגלייך מיט דער בעוועגונג, וועלכע איז געווען אין גאַנצען ראַציאָנאַליסטיש און האָט געפריידיגט דעם פאָלק, עס זאָל אוועקוואַרפען אַלע זיינע זיטען, זיין שפּראַך און אפילו זיינע טייערסטע האָפנונגען. נאָך די פּאָגראָמען, ווען עס האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג, האָט זיך די גאַנצע קראַפט פון דעם יודישען געפיהל, וואָס האָט געלעבט אין נשמה פון אונזער פּאָעט, אַרויסגעוויזען אין די ליעדער, וועלכע זענען געשריעבען גע-וואָרען צו דער צייט.

די פּאָעמע „שבתיאל“ 2), וועלכע איז געשאַפען געוואָרען אין 1885-טען יאָהר, א האַלב פאַנטאַסטישע, א האַלב רעאַליסטישע, איז דער ליידענשאַפטליכסטער פּאַמפלעט, וואָס איז געשריעבען אין דער פאָלקס-שפּראַך געגען דער אַסימילאַציע. שבתיאל איז דער שר פון שבת, וועלכער בלאָנדזשעט אַרום, צייט די יודען, וואָס זענען אַריינ-געצויגען געוואָרען אין'ם שטראָם פון דער אַסימילאַציע האָבען אויפ-געהערט מעהר אָדער ווייניגער צו היטען שבת, דעם יום מנוחה, — טרויעריג און פון אַלעמען פערגעסען, איבער די שטעדט פון תהום. זיין חבר אין ליידען און עלענד איז טראָחים, דער שבת-גוי, וועלכער האָט פערדיענט אויף צו לעבען פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעצונדען שבת ליכט און אויסגעפיהרט אַלע אַנדערע אַרבייט, וועלכע זענען דעם יודען פערבאָטען אין דעם יום מנוחה. טראָחים'ס געשעפטען זענען אויך זעהר שלעכט, און אין זיין טרויעריגען צושטאַנד נעהמט ער

---

1) Jbidem, ז. 37.

2) „שבתיאל“, פּאָעמע אין 10 אַקטען. געדרוקט נאָך דעם פּאָגראָם אין רוסלאַנד, קראַקוי 1896.

זיך אָפּט צום גלעזיל, צו דעם פלעשעלע בראָנפּען. איז ער טאַקע כמעט שטענדיג מבושם׳דיג; דאָס שטערט אָבער נישט שבתיאל׳ן, ווייל עס איז נישטאָ קיין אַנדערער, וועמען ער זאָל קענען פערטרויען, אויסגיסען פאַר איהם זיין פערביטערט האַרץ. מיט שבתיאל׳ס מויל רעדט דער פּאָעט אַליין אין דער פּאָעמע, וועלכע בעשטעהט פון מעהר ווי 700 פערזען. מיט אַ טאָן, אַמאָל אַ שמייכעלדיגען און פּאַטעטישען, אַמאָל אַ כעס׳דיגען און איראָנישען, זאָגט דער פּאָעט צום פאָלק, אַז אַלע צרות וואָס זענען אויף איהם געקומען, האָט עס רעכט פערדיענט און דאָס זיינע פריהערע טאַטען דאַרפען איהם דיענען אַלס לעהרע:

בּיסט שען, יוד, בּיסט שען! כ׳האָב דיך תמיד ליעב פאַר\
דיין גייסטרייך־בלאַס־מאָגערער צורה!...\
דיין שטערן גלייכט פון ספרי־קדש דעם שער,\
יעדער קנייטש — איז פון גאָט׳ס תורה אַ שורה.

דיינע אויגען — צוויי פּתקען פון גאָט אדוני\
אַ פּירוש אויף דיין ריינער נשמה;\
אַרויף, אויבען פערגלאָצט דו זיי תמיד אַזוי...\
אַהין אויבען! — דאָרט וואוינט דיין נחמה. 1)

פאַרוואָס איז אָבער נויטיג, אַז דער יוד זאָל זוכען אַלץ אין זיך אומצוענדערען, אַנהויבענדיג מיט זיין פיזישען טיפּוס און ענדיגענ־דיג מיט זיין נשמה אַפילו? ווערט ער דען נישט דורכדעם גיעדריג בּיי אַלע אַנדערע פעלקער, און קען ער דען ערוואַרטען, אַז אַנדע־רע זאָלען איהם עהרען, ווען ער קען זיך אַליין נישט עהרען? און דער פּאָעט מאָלט אונז אַן׳איראָנישען בּילד פון אַן׳אַסימילירטען יודען, אין וועלכען אַלע קולטורען שטויסען זיך צוזאַמען און ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע:

ערשט נעכטען אַ חסיד — און היינט, ווי גיך,\
ווערט פון איהם אַ דייטש אין אַ צילינדער!\
טראָגט אין מויל שפּינאָזא — האָט מורא פאַר אַ רוח —\
און גלויבט אין דעם אייניקעל׳ס וואונדער!... 2)

1) Jbidem, ז. 11.\
2) „ „ , ז. 13.

אָבזאָגענדיג זיך פון די פּאַטריאַרכאַלע זיטען פון זיין לעבען, האָט דער יוד צו דער זעלבער צייט פערלירען זיין מאָראַלישע גלייכגעוויכט און דעם שלום בית פון זיין פאַמיליען־לעבען. דער פּאָעט שטעלט זיך לאַנג אָב אויף דאָס אידילישע לעבען פון די אַמאָליגע יודען, און דערנאָך שילדערט ער די פעהלערן פון דעם מאָדערנעם לעבען, אַזוי, ווי ער האָט זיי בעמערקט ביי געוויסע עלעמענטען פון דער יודישער געזעלשאַפט: דאָס קאָרטען־שפּיעלען, די אונמעסיגקייט, דאָס ביסלעכווייז'דיגע פערשווינדען פון דער ריינקייט אין די זיטען.

נאָר צוריקקעהרענדיג זיך צו די אַלטע טראַדיציעס, ווערט דאָס יודישע פאָלק געפינען נייע כּחות און נייע שענקייטען:

געגוג דיר, יוד! ווי אַ קלאָאון מאַכען די קונץ:
זיך קנייפּען — אַבי יענעם מאַכען פרעהליך...
נעהם אָן דיין געשטאַלט, דו פערשאָלטענער פּרינץ!
וועל איך קניען פאַר דיר, מיין בן מלך.

אפילו אין דעם פּאָגראָם־מאָמענט, ווען די געשרייען: „סמערט זשידאָם" האָבען פול געמאַכט די לופט און טראָחים, וועלכער איז געווען איינער פון די היציגסטע אין פלייסיגסטע פּאָגראָמשציקעס, קעהרט זיך אום אין שענק מאַכען אַ שנעפּסיל און דערצעהלען שבתיאל'ן וועגען אַלץ, — איז שבתיאל ערשיענען אויפ'ן הימעל, האַלטענדיג אין האַנד אַ רויטע פאָהן, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט דאָס וואָרט „שבת" 1). דער צוריקקעהר צו דער פערגאַנגענהייט, וועלכער איז סימבּאָליזירט דורך דאָס דאָזיגע וואָרט, איז געוואָרען דעם פּאָעט'ס אידעאַל. דאָס איז דער לאָזונג פון דער צאָהלרייכסטער קלאַסע פון דער יודישער נאַציע, פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועלכע, מאַכענדיג געוויסע הנחות פאַר די פאָדערונגען פון דעם מאָדערנעם לעבען, בענקט זי דאָך נאָך דער גוטער אַלטער צייט, ווערט דערשראָקען ביי דער קלענסטער ערשטער סכּנה און

1] אין דעם זעלבען גייסט, ווי „שבתיאל" איז אויך געשריבען געוואָרען אַנ'אַנדער פּאָעמע פון גאָלדפאַדען, וועלכע רופט זיך: „אַ שטיין פאָן הארצען", אין וועלכער דער פּאָעט דערצעהלט דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אויף אַ שטיין, וועלכען מען האָט אַריינגעוואָרפען אין אַ יודיש הויז בעת די פּאָגראָמען. די פּאָעמע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין אַ יודישען זאַמעלבוך „דער יודישער וועקער" אונטער מ. ל. ליליענבלומ'ס רעדאַקציע (אדעס 1887).

יופט באלד: „צוריק, צוריק!”.

נאר צוגלייך מיט דעם אונפרוכטבארען און פיסטען אידעאל וועגען צוריקקעהרען זיך צו דער פערגאנגענהייט, איז אויך ענטשטא־נען נאך אן׳אידעאל, וועלכער איז געוואָרען א האָפנונגס־קוואל פאר א פארטיי, יעדענפאלס, פון דעם פאָלגענדען דור: מיר מיינען דעם ציוניסטישען אידעאל, וועלכער איז צו גאָלדפאדען׳ס צייט ענטשטא־נען מיט דער חובבי־ציון־בעוועגונג. גאָלדפאדען׳ס ליעד: „יודעל סעמיט שרייבט א בריוועל זיין מאמען” 1) בעווינט די ליעבע צום לאנד פון די אבות, און דעם ליעד טרעפען זיך צוגלייך מיט נישט געשליפע־נע ווערטער און אויסדריקען (אן׳אָפטער פעהלער ביי גאָלדפאדען׳ען, וועלכער ערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער פאָעט וויל און סטא־רעט זיך שטענדיג נאכצומאכען די רעדענס־ארט פון א בעפעלקערונג, אין וועלכער דער האנדעלס־עלעמענט איז דער גרעסטער) אויך גלענ־צענדע וואונדערבארע גראמען, וועלכע צייכענען זיך אוים מיט דער ריינקייט און צערטליכקייט אין אויסדריק, מיט דער רעאלער פאָר־שטעלונג, וואָס זיי גיבען וועגען אן׳אונגליקליכען זוהן, וועלכער אין מיטען פון אלע גראָבקייטען פונ׳ם קאמפף פאר דער עקסיסטענץ, — שטעלט זיך אָב א רגע אין א בריעף צו זיין מאמען אויף די נאאיווע און אונשולדיגע חלומות פון זיין גליקליכער קינדהייט.

אין דעם בריעף ערקלערט פריהער יודעל דער „מאמען”, אז מ׳האָט איהר נישט ריכטיג איבערגעגעבען די ידיעה וועגען זיין פער־צווייפעלטער לאגע. איהר האָט מען דערצעהלט, אז מ׳האָט איהם „געשמד׳ט, געהרג׳עט צום טויט”, ווערענד אין דער ווירקליכקייט איז די זאך נישט אזוי שרעקליך.

„געוועז בין אך באמת אין א גרויסער נויט,
נאר איך לעב, האָב געלעבט און — וועל לעבען!
דיין סגולה, וואָס איך האָב בעקומען אין דר׳היים פון דיר:
די קמיע פון פארמעט געמאכט,
די הענגט אויף מיין הארצען שטענדיג ביי מיר
די היט מיך אי בייטאָג, אי ביינאכט. —

אין יודעל נעהמט זיך דערצעהלען, וואָס מיט איהם איז פאָר־געקומען.

1] אויך פערעפענטליכט אין „וועקער” און אין דעמזעלבען יאָהר אין א ניו־יאָרקער יודישער אילוסטרירטער צייטונג, רעדאגירט דורך גאָלדפאדענ׳ען אליין.

„אַז מען האָט מיך פון מיין היים אַוועקגעפיהרט
געפאַנגען, געפּענטעט אין קייטען,
האָבען מיינע שונאים געאַרבייט, פאַרפיהרט,
מיט אַלערליי מיתות מיך צו טויטען:
מען לאָזט מיך אָב נאַקעט, ווי איך שטעה און געה,
מיט חיות זיך בראָניען — איך איינער!...
געלאַכט האָבען די לייט מיט אַ פרעהליך געשריי,
ווען דער לייב האָט צוקנאַקט מיינע ביינער...
דיין שטיקעלע פאַרמעט האָט אין דער נויט
מיין לייב, ווי אַ פלאַסטער, פערקלעבט;
מיך איבערגעצויגען מיט אַ נייער הויט —
כ'האָב ווייטער געלעבט און געגלויבט«!

דער דאָזיגער וואונדער האָט די שונאים איבערראַשט, און זיי האָבען בעשלאָסען, אַז „דאָס גלייכסטע איז, איהם צו פערברענען אויף אַש”. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפען: דאָס שטיקעלע פאַרמעט האָט „זיין גוף איינגעהילט, ווי אַ העמד, ווי אַ סאַלאַמאַנדראַ פון פלאַם איהם פערהיט”, און ער האָט „ווייטער געשפּאַנט אין דער פרעמד”.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך דאַן, ווען די שונאים האָבען בעשלאָסען, איהם „אָבצעווישען פון דער יבשה” און האָבען איהם „אַריינגעוואָרפען אין ים, ווי אַ קויל”. און ענדליך, ווען זיי האָבען געזעהן, אַז „אומזיסט איז די מיה”, האָבען זיי אויפגעהערט איהם צו יאָגען. דאָ האָט ער ערשט בעוויזען, „צו וואָס זיין שאַרף מוח'ל קען טראָגען”, און די שונאים האָבען „געמוזט פון זיין בריה'שאַפט קווען”; און ער וואָלט נאָך ביי זיי מעהר געהויבען געווען, זיי וואָלטען איהם אַפילו פאַר אַ „געגעראַל” אויך געמאַכט, —

„נאָר איין זאַך ווילען זיי פון מיר —
אין פאַל אַ: — ליעבע מאמע! ערקלערן דעם „פּאַ”
וועל איך אין איין אַנדער בריעף דיר!”...

און איצט געהט יודעל איבער צו די גליקליכע ערינערונגען פון זיינע קינדער־יאָהרען:

„נו יעצט, מאַמוניאַ, שרייב דו אויך מיר,
ווי געהט עס דיר ביים פעטער ישמעאל?
ער קאָן דאָך דיך יאָ פאַר אַ מיוחסת פון פריי'ר,
די גביר'טע פון ארץ ישראל!...
וואָס מאַכט בבל מיין קאַנטשיק, אַשור — מיין רוט,
און פלשת דיין אַלטע שכנה?

וואָס מאַכט עמלק מיין שונא? לעבט ער צי נישט?
און מיינע חברים די קליינע:
מואב, אדום—איך געדענק נאָך, ווי שען
מיר האָבען געשטיפט אין דערהיים
ביז ליאַלקעס פון האָלץ... מיט בּאָקלעך פון שטיין...
און פונ׳ם טאַטען געחאַפּט שמיץ פאַר דעם...

יאָ, שרייב מיר, ווי וועהט אויס דער פּלאַץ, וואָס געטאַנצט
האָב איך דאָרט אין די אינגילשע יאָהרען?
צי בליהען נאָך די רויזען, וואָס איך האָב געפלאַנצט
אַליין אין דעם עמק השרון?...
שמעקט נאָך דער כרמל פון בשמים אַלערליי?
דער אַלטער לבנון, וואָס טוט ער?
און די שפעלעך מיינע? אוי בענק איך נאָך זיי!
איך בין דאָך געווען זייער היטער!
צי קומסטו אָפט אויף די קברים צו געהן
פון די אבות און די העלדען פון פריה׳ר?
אויף דעם בּאַרג ציון יעדען איינציגען שטיין
גריס, מאַמוניאָ, פריינדליך פון מיר 1).

גאָלדפאַדען שרייבט אין דעם זשאַנר פון פאָלקס־ליעד. זיין פערז איז לייכט, זיין שפּראַך איז מאַלעריש און ער בעזיצט געוויסער־מאָסען דעם געפיהל פון דער מוזיק אין די ווערטער. די ליעדער, וועלכע ער האָט אריינגעשטעלט אין זיינע טעאַטער־שטיק, האָבען געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, און די דאָזיגע ליעדער מיט זייערע מעלאָדיען האָט מען אויסגעלערנט אויף אויסווענינג; זיי ווערען געזונגען ביי יעדען אומעטום אין אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג. די פּאָעמעס אפילו, וואָס האָבען אַן ערנסטען האַראַקטער, ווערן לייכט אין קלאַנג דורך דעם, וואָס עס בעווייזט זיך מיט אַמאָל אַ ליעדעל. אַזוי איז, צ. ב., מיט׳ן צווייטען קאַפּיטעל פון דעם „יחוס־שידוך“, וואו עס איז בעשריבען די חתונה פון ישראל מיט דער תורה, און וועלכע איז געשריבען אין פערזען אין געשמאַק פון אַ פאָלקס־ליעדעל:
„דאָרטען געהען יודלעך
און זינגען לידלעך

1) יודישע נאַציאָנאַל־געדיכטע, קראָקא תרנ״ט — 1898.

אין שפּיעלען אויף פידלען
און אויף טראָמפּאַנעס.

די פייפען שרעקליך,
די קלינגען מיט די גלעקליך,
די קלאַפען מיט שטעקליך
אויף באַראַבאַנעס 1).

פון אברהם גאָלפאַדענען, וועמענס פּאָעזיע ס׳בעשטעהט מייסטענס פון פּאָלקס-ליעדלעך, איז דער דירעקטער און גאַנץ נאַטירליכער איבערגאַנג צו אַ מענשען, וועלכער האָט אויסשליסליך געשאַפען נאָר פאָלקס-ליעדלעך און וועלכער האָט אין פערלויף פון צאָהלרייכע יאָהרען אליין זיך בעשעפטיגט מיט בדחנות. דאָס איז אליקום צונזער (געבירטיג אין ווילנאָ אין 1845-טען יאָהר), וועלכער איז מעהר בעקאַנט ביים יודישען עולם אונטערן פּראָפעסיאָנעלען נאָמען „אליקום בדחן" 2). בדחנים 3) אָדער מאַרשאַלעק 4), ווי מען האָט זיי גערופען, זענען ענטשטאַנען און געשאַפען געוואָרען שוין לאַנג. מיר טרעפען זיי שוין אין מיטעל-אַלטער און עס קען זיין, אַז אפשר נאָך אין אַ פריהערער עפּאָכע 5). זייער ראָלע איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען געדאַרפט משמח זיין דעם עולם, בעזונדערס די געסט אויף חתונות. דאָס זענען מענשען, מייסטענס אָרימע נפשות, וועלכע האָבען „פאַר אַ ווייב די אָרימקייט און פאַר אַ זוהן דאָס לאַבען" און וועלכע האָבען, צוגלייך ווי די שוואַרצקינצלער פון מיטעל-אַלטער, פעראייניגט אָפט אין זייער פערזאָן דעם פאַך פון אַ ליעדער-זינגער און רעדע-האַלטער מיט דעם פאַך פון אַ מאַרק-שרייער אָדער קלאָאון. נאָר אומזיסט ווען מיר זוכען אין זייערע שריפטען, ווי אין די שריפטען פון זייערע קריסטליכע קאָלעגען,

1] דאָס יודעלע ז. 28-29.

2] א. צונזער, זעלבסטביאָגראַפיע, ניו-יאָרק 1905.

3] בדחן: אַן׳אַראַמיש וואָרט באַדאַך (אַמוזירען).

4] מאַרשאַליק: אַן׳אַלט דייטשעס וואָרט „מאַרשאַלק".

5] יודישע ענציקלאָפּעדיע, ק. II, אַרט. „בדחן". זעהט אויך גינזבורג און מאַרעק, „יעווריעסקייאַ נאַראָדנייאַ פּיעסני", ס״ט פּעטערבורג, 1901, ז. XII, אַן׳ אינטערעסאַנטען ביישפּיעל פון דער אַרט, אויף וועלכער די בדחנים האָבען געשאַפען זייערע גראַמען.

ליעדער וועגען איידעלער ליעבע אָדער ליעב=געזאַנגען וועגען טורניערען .
„אין דעם יודישען געטא , האָט געזאָגט אַ בעריהמטער יודישער היסטאָ=
ריקער , איז קיין אָרט נישט געווען פאַר ליעבע=שפּיעלען : נאָך דער
חתונה קומט די ליעבע" . וואָס איז נוגע די ריטער=טורניערען , האָ=
בען די יודען עס געוואוסט נאָר אויף אַזויפיעל , אויף וויפיעל זיי זענען
געוואָרען די קרבנות .

דער גייסט פון דעם געטאָ=יודען, אַלעמאָל ערנסט , אפילו אין די
פרעהליכסטע מאָמענטען פון זיין לעבען, וועלכער האָט ליעב נאָר צו
טראַכטען און הונדערט מאָל זיך איבערלעגען , צו שטעלען פראַגען ,
זיך איבערציינגען אין דעם תכלית פון יעדער זאַך און וועלכער איז,
נישט קוקענדיג אויף זיין אָפּטימיזם , אָהן אַנ'אויפהער דורכגעדרונגען
מיט דעם געדאַנק וועגען דער אונבעשטענדיגקייט פון לעבען און פון
דער עקסיסטענץ , —אָט דער גייסט וויזט זעהר שטאַרק זיך אַרויס אין
די ווערק פון די „פּובליקום=אַמוזירער" .

איינע פון די נויטווענדיגע דרשות , וועלכע דער בדחן האָט געמוזט
האַלטען אויף יעדער חתונה, איז געווען די, אין וועלכער האָט, ווענדענ=
דיג זיך צו די אָט=ערשט חתונה=געהאַטע , בעזונדערס אָבער צו דעם
יונגען ווייבעל , זיי דערמאָנט , אַז דאָס נייע לעבען, וואָס ערוואַרט
זיי , וועט , אפשר , רייך זיין מיט עלענד און צרות . מיט זעהר דונ=
קעלע פאַרבען האָט ער געצייכענט דאָס לעבען פון דער פרוי און
מוטער . די גליקליכע יאָהרען פון דעם יונגען מיידעל האָבען זיך געענ=
דיגט , יעצט הויבט זי אָן ביסלעכוויז צו ערקענען די ערנסטע זייט פון
לעבען , די זייט , וועלכע איז אַזוי אָפט פאַר יודען אַזוי זעהר טראַגיש . און
וועהרענד דער בדחן האַלט זיין רעדע , הויבט אָן דער ווייבערישער
עלעמענט פון די צוהערער צו קלאָגען און וויינען, און וואָס מעהר טרע=
רען מען האָט פערגאָסען , וואָס לויטערער זיי זענען געווען , וואָס מעהר
דער בדחן האָט זיי געקענט אַרויסרופען , אַלץ מעהר האָט מען געלויבט
דעם בעל דרשן, דעם פּאָעטישען טאַלענט פון בדחן . מען דאַרף אָבער
אויך בעמערקען , אַז דער עולם האָט נישט פיעל געפאָדערט פון די
בדחנים, ער האָט אָהן פּראָטעסטען , אָהן שום קריטיק , אויפגענומען די
דרשות און די פּאָעזיע אין פּראָזע פון בדחן , אָפטמאָל אפילו אַזוינס ,
וואָס איז קעגען איטליכען געשמאַק. מענשען מיט טאַלענט , זינגער מיט אַ
אָריגינעלער פאַנטאַזיע זענען זעהר זעלטען געווען צווישען דער חברה ,
וואָס האָט קיין אַכטונג נישט געגאָסען ביין פאָלק.

אליקום צונזער האָט געהערט צו יענע ווענינע מענשען מיט אַ בע=
שיידענעם טאַלענט , וועלכע האָבען , צייט דער צווייטער העלפט פון

XIX-טען יאָהרהונדערט, אויפגעהויבען דעם כבוד פון פאַך בדחנים. פאַר איהם זענען אויך געווען שוין איינינע אַזעלכע, ווי צ. ב., דער גאַליציאַנער וואָלף עהרענקראַנץ 1); ער האָט אויך געהאַט נאָך איינינע נאָכפאָלגערס, דאָך איז קיינער פון זיי נישט געווען אַזוי פאָפולער ביים עולם, ווי ער. די ליעדער, וועלכע ער האָט גרעסטענטיילס געזונגען אליין אויף די חתונות, וואו ער איז געווען איינגעלאַדען, און האָט דערנאָך געזאָרגט דערפאַר, זיי זאָלען געדרוקט און פערעפענטליכט ווערן, זענען אַלעמען בעקאַנט געווען אין פערלויף פון דער גאַנצער צווייטער העלפט פון XIX-טען יאָהרהונדערט. און נאָך עד היום איז זעלטען צו געפינען אַ יודישען ישוב אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע, וואו אליקום בדהן׳ס נאָמען זאָל זיין אין גאַנצען אונבעקאַנט. מען קען נישט נאָר זיינע ליעדער, נאָר אויך די מעלאָדיען, וועלכע ער האָט געשאַפען פאַר זיי. ער האָט געשאַפען 600 ליעדער, דער גרעסטער טייל פון וועלכע ס׳האָט אויסגעהאַלטען אַ סך אויסגאַבען.

אין צונזער׳ס ווערק געפינט מען זעהר זעלטען אמת׳ע פאָעזיע. פון אָנהויב האָט ער בעזוכט אַ ישיבה, דערנאָך אַ השכלה-שול, און ביידע האָבען מיט-געהאָלפען, פערשטעהט זיך, צו ענטוויקלען אין איהם דעם גייסט פון משכילישען ראַציאָנאַליזם. אַלע זיינע ליעדער זענען נאָר פּלפּולים, וואָס זענען געמאַכט לויט די לאָגישע געוואוינהייטען, וועלכע זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען ביי די ישיבה-בחורים. אין זיין געדיכט: „דאָס אונשטערבליכע פאָלק", וואָס הויבט זיך אָן מיט די פאָלגענדע שענע גראַמען:

וועו מצרים האָט געבויט די פּיראַמידען,
טויטע מאָנומענטען אויפגעשטעלט,
האָט דאַמאָלס משה געפאָרמירט אַ פאָלק יודען
אַ לעבעדיגע פּיראַמידע אויף דער וועלט 2) —

---

1) וו. עהרענקראַנץ — צבאַרצער; פאָלקס-ליעדער אין פּויליש-יודישער מונדאַרט מיט העברעאישער איבערזעצונג, 4 ב. 1865—1878; פּרזעמיסל, 1869.

2] צוואַנציג יודישע פאָלקסליעדער, טעקסט מיט מוזיק פערפאַסט און קאָמפּאָנירט פון דעם בעריהמטען פאָלקסדיכטער אליקום צונזער. [דאָס יאָהר איז נישט אָנגעגעבען].

בעזינגט צוזוער די אונשטערבליכקייט פון דעם יודישען פאָלק. יערע נאַציע געהט דורך דריי צושטאַנדען: „יוגענד, מיטעלצייט און עלטערע יאָהרען" און דערנאָך „מוז זי געהן פערלוירען". דער געזעץ אָבער האָט געמאַכט אַנ'אויסנאַהם פאַר'ן יודישען פאָלק:

דער יוד אָבער שפּרינגט דעם ברעג אריבער
ביים רעכטען עלטער פון זיין לעבענסבריק;
עס טרייסעלט איהם אין קערפּער דורך אַ פיבער
און גלייך קומט איהם זיין יוגענד אָן צוריק.

און דאָ הויבען זיך אָן די געדאַנקען פון מחבר. אויב דער יוד איז געשאַפען פאַר די אייביגקייט, הייגט קען ער זיך דען צוזאַמענמישען מיט די אַנדערע פעלקער? דער אויטאָר שטעלט זיך אַליין די פראַגע, איהם איז אָבער אויך נישט שווער, זי צו פערענטפערן. גאָט האָט אריינגעלעגט אין האַרצען פון די פעלקער אַ האַס געגען די יודען, אַזוי אַז יעדער פּרוב, וואָס די לעצטע מאַכען בנוגע צו דער אַסימילאַציע, ווערט פון זיי שטאַרק צוריקגעשטויסען. נאָר אויב אַלע נאַציאָנען האַסען די יודען, פרעגט ביי זיך דער פּאָעט, הייגט ווי וועלען זיי פערדיענען זייער חיונה? דער ענטפער איז, אַז גאָט האָט געגעבען די יודען דעם כח און די פעהיגקייט צו געפינען די דאָזיגע מיטלען דאָרטען, וואו אַנ'אַנדער פאָלק וואָלט שוין לאַנג געשטאָרבען פון הונגער. נאָר אויב דאָס יודישע פאָלק איז אַזוי פערהאַסט פון די אַנדערע נאַציאָנען, איז אפשר מעגליך, אַז אין אַ שענעם פריהמאָרגען פאַלען די גוים אָן אויף איהם און עס קומט אום און ווערט אויסגעראָטען? דער פּאָעט ענטפערט: דאָס איז נישט גלייך. דערפאַר, ווייל דער אויבערשטער האָט שוין דאָס פאָראויסגעזעהן און האָט די יודען צעשפּרייט, אום זיי זאָלען נישט זיין קאָנצענטרירט אין איין לאַנד און מען זאָל זיי דעריבער נישט קענען בעפאַלען און אויסראָטען אַלע מיט אַ מאָל—א. א. וו.

טרוקען און ריין ראַציאָנאַליסטיש בעטראַכטען אַזאַ פּראָבלעם, ווי די אונשטערבליכקייט פון יודישען פאָלק, וואָס האָט בעגייסטערט פיעלע פּאָעטען,—איז זעהר אַ חאַראַקטעריסטישער שטריך ביים בדחן; דאָס איז אויסערדעם צוגעפּאַסט צום גייסט פון פּובליקום, וואָס האָט פון דעם געהאַט פיעל פערגעניגען. כמעט אין אַלע ווערק פון אונזער פּאָעט ווערט אונטער דעם אָדער אַנ'אַנדער פּנים אויף דעם זעלבען אופן בעטראַכט די וועלט און דאָס לעבען.

„די קאָנטראַסטען", אַזוי רופט זיך אַ גאַנצע סעריע ליעדער, אין וועלכע דער פערפאַסער בעטראַכט אויספיהרליך די ווידערשפּרוכען, וועלכע ער האָט בעמערקט אין חאַראַקטער פון יודישען פאָלק. דער

ייד איז אין איין און דערזעלבער צייט אַנ׳עניו און אַ בעל גאוה, אַ פערשווענדער און אַ קאַרגער, פיל מיט רחמנות און אַ גזלן, פיל מיט ליעבע־געפיהל און זוכט רק דעם תכלית, סאָלידאַריש מיט זיינע ברידער און אַנ׳אינדיווידואַליסט, ריין אין מדות און ציניש, אַ מאמין און אַ כופר בעיקר. יעדער פון די האַראַקטער־שטריכען איז אילוסטרירט מיט ביי־שפּיעלען, וואָס זענען גענומען געוואָרען פון יודישען לעבען, בעזונדערס פון די יודען, וואָס געהערען צו דעם מיטעלען קלאַס, נאָר די אַרט צו אַנאַליזירען, צוגריבלען זיך מיט דער הילף פון אַנטיטעזען, בעווייזט קלאָר דעם ראַציאָנאַליסטישען גייסט פון פערפאַסער. אפילו ווען ער ווענדט זיך צו גאָט מיט דער ביטע, ער זאָל מוחל זיין זיין פאָלק ישראל, וואָס איז אריינגעריסען געוואָרען אין שטראָם פון פרייהייט און איז אַראָב אַביסעל פון גלייכען וועג, בענוצט ער זיך שטענדיג מיט די זעלבע לאָגישע אַרגומענטען. נישט ער בעט ביים רבונו של עולם, נאָר ער וויל איהם מאַטעמאַטיש בעווייזען, אַז ער דאַרף זיין אַ גוטער פאַר אונז.

איינס פון די בעריהמטסטע ליעדער פון צונזער איז דאָס ליעד, וואָס רופט זיך „די סאָכע“ 2), און איז געשריבען געוואָרען אונטער דער ווירקונג פון דער חובבי־ציון־בעוועגונג. אין איהר בעזינגט דער פּאָעט די פעלד־אַרבייט.

אין סאָכע
ליגט די מזל ברכה,
דער וואָהרער גליק פון לעבען.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז דאָס גאַנצע ליעד „די סאָכע“, וועלכע פּראָפּאָגאַנדירט דאָס צוריקקעה־רען זיך צו דער ערד, ענטהאַלט אין זיך נישט קיין איין איינציגע פראַזע, וואָס זאָל דורכגעדרונגען זיין מיט ליעבע צו דער נאַטור, צו איהר פּאָעזיע, צו איהר שענקייט. אויפ׳ן שטח פון מעהר ווי הונדערט פערזען ווערט נאָר גערעדט וועגען וועקסלען, וועלכע מען וועט נישט דאַרפען בעצאָהלען, וועגען טעכטער, וועלכע מען וועט קענען חתונה מאַכען מיט אַ נדן, וואָס וועט בעשטעהן נאָר פון צוויי ציגען; וועגען ווייבער, וואָס וועלן זיך נישט בעשעפטיגען נאָר מיט היט און אַנדערע מאָדע־זאַכען. עס ווערט אַביסעל פרייער אויפ׳ן האַרצען ווען מען קומט צו צו־

1) Jbidem, „נייע געפיהלע“ ז. 36-37.

2) „ „ „די סאָכע“ ז. 58-62.

די ציילען, וועלכע זענען, ווי אָבגעזונדערט, צווישען די אַנדערע:

איך זיי, איך שנייד גאַנץ מונטער,
פריי אין גאָט׳ס וועלט.

. . . .

גיט נאָר גאָט דעם רעגין,
פיהל איך גליק און זעגען
איך פיהר שוין סנאָפּעס וועגען,
היונה פאַר דער וועלט.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף דעם טרוקענעם און ראַציאָנאַליסטישען האַראַקטער פון אליקום צונזער׳ס ליעדער נישט אַזוי דערפאַר, ווייל זיי האָבען אַנ׳אייגענעם ווערט, נאָר דעריבער, ווייל זיי ווייזען, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער בעמערקט, זעהר בולט אַרויס דעם געשמאַק פון דעם עולם, פאַר וועלכען זיי זענען געוועזען פערפאַסט. צונזער׳ס ליעדער האָבען אַ בעזונדערן היסטאָרישען ווערט. זיי מאַכען אונז קלאָר די אַרט דענקען און פיהלען פון דעם מיטעלען קלאַס און פון דער קליין-בורזשואַזיע, וועלכע האָבען זיי הויפּטזעכליך געלעזען און זיך געשמאַקעוועט מיט זיי. אין „דער סאָכע“ טרעט פאַר אונז ווירקליך אַרויס דער קליינהענדלער, וועלכער שיינט אַלעמאָל צו פערשפּעטיגען מיט זיינע וועקסלען, מיט זיינע טעכטער, וואָס ער קען נישט חתונה מאַכען אָהן נדן, מיט זיין פרוי, וואָס פערצעהרט מעהר, ווי זיינע מיטלען ערלויבען עס און מיט זיין חלום, וועגען וועלכען ער טראַכט, קען זיין, גאָרנישט ערנסט, — דעם חלום צו האָבען אַ שטיקעל ערד פאַר זיך, צו לעבען פון פרוכט פון זיין אייגענער פיזישער אַרבייט און נישט צו האָבען צו טאָן מיט הלוואות, גמילות חסדים׳ם א. א. וו.

רעדענדיג וועגען גאָלדפאַדען, האָבען מיר שוין געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען וועגען דער דאָזיגער קליין בורזשואַזיע; דער מעהר פאָרטגעשריטענער טייל אפילו האָט זיך אויך נאָך די פּאָגראָמען מיאש געווען פון זיינע אילוזיעס וועגען אַסימילאַציע. נישט אָבגעבענדיג זיך קיין געניין חשבון, האָט ער זיך געלאָזען פריהער פיהרען פון די אַסימילאַטאָרען, און איצט, אין זייער משוגע׳נעם לויפען אויף צוריק, האָט ער נישט געוואוסט, וואו זיך אָבצושטעלען; ווען ער איז געוואָרען נאַציאָנאַליסטיש, האָט ער אָנגעהויבען צו רעכענען, אַז זיין חוב איז אינגאַנצען זיך אָבצוזונדערן פון אַלערליי פּראָגרעסיווע שטרעבונגען.

גאָלדפאַדען האָט בעגריסט די פּאָגראָמען אַלס די אורזאַך פון נאַצי-יאָנאַלען ערוואַכען. צונזער האָט דאָס זעלבע געטאָן.

פיעל דאַנק איך און לויב גאָט׳ס נאָמען,
וואָס ער האָט מיר די אויגען אויף געמאַכט;
ער האָט געשיקט אויף מיין שטעדטיל פּאָגראָמען,
דאָס האָט מיך פון חלום ערוואַכט.[1]

צונזער איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער. אין זיין בעריהמטען ליעד „דאָס נייצענטע יאָהרהונדערט" 2) בעקלאָגט זיך דאָס יודישע פאָלק אויף דעם, וואָס מען האָט עס איינגעוויעקט פון זיין הונדערט-יעהריגען שלאָף. עס איז געשלאָפען מיט פערמאַכטע, פעסט צוזאַ-מענגעדריקטע אויגען. עס האָט נישט געלעזען נישט קיין ביכער, נישט קיין צייטונגען, האָט מען פון איהם געשפעט, האָט דאָס פאָלק זיך דערפון געמאַכט נישט וויסענדיג. ערשט מיט אַמאָל מען קלאַפּט אין טהיר: „עס איז גרויסער טאָג, ישראל שטעה אויף! אַלע אורחים זענען שוין אויפגעשטאַנען, זיי וואַרטען נאָר אויף דיר". דאָס האָבען „די משכילים", די „מאספים" און „החלוץ" און „בכורי עתים", מענדעלזאָנ׳ס קאָמפּאַניע, געקלאַפּט אין טהיר. ער האַפט זיך אויף:

דער לאָמפּ, וואָס ברענט אין ווינקעל,
פערדרעהט, געמאַכט איהם טונקעל.
וואָס נוצט דער לאָמפּ פון גלויבען,
בשעת די זון שיינט אויבען?

נאָר אָט איז שוין מעהר ווי אַ האַלבער יאָהרהונדערט, ווי דאָס פאָלק שפּאַצירט אַרום, וואַרטענדיג אויף דעם צוגעזאָגטען זונען-אויפ-גאַנג, און די פינסטערניש ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איבעראַל שלאָפען די פעלקער און הראָפּען. אַמאָל ווערט דאָס פאָלק אונגעדולדיג און קלאַפּט אָן אויפ׳ן וועג אין עמעצינס טהיר; הערט עס מעהר נישט, ווי הינטער דער טהיר לאָזען זיך אַראָב אייזערנע שטאַנגען.

1] Jbidem, „דער אריסטאָקראַט", ז. 64-73.

2] „ , ז. 74-81.

די פּאָליטיק פין דער מלוכה בנוגע צו יודען אין ניקאָלאַי דעם I־טענס צייט, ווי אויך אין אַ טייל פון אַלעקסאַנדער דעם II־טענ׳ס הערשאַפט, ווען מען האָט די יודען אַמאָל געניט און געשטופּט צו אַסימילאַציע און ווידער אַמאָל זיי צוריקגעשטויסען, רופט אַרויס אומבעשטימטע געדאַנקען ווי ביים פּאָעט, אַזוי אויך ביי זיין פּובליקום.

נאָר אויב די קוועלען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע זענען שוין פאַר אונז פערשלאָסען, דאַרפען מיר דערפאַר קלאָגען און וויינען? ניין, ענטפערט דער פּאָעט. אויב מיר האָבען יאָ אַנ׳אורזאַך צו וויינען איז עס דערפאַר, וואָס מיר האָבען שוין אין דער אמת׳ן פערזוכט פון די קוועלען צו טרינקען, און זיי האָבען זיך אַרויסגעוויעזען אַלס פערגיפטעט. „דער חילוף" איז דער נאָמען פון אַ פּאָעמע, וואו דער פּאָעט רעכענט אויס זיינע בעשולדיגונגען געגען דער מאָדערנער קולטור. מיר זענען בעגאַנגען אַ פערברעכען: מיר האָבען דורכגעפיהרט אַ „חילוף". אַלץ איז געווען גוט אין דער קולטור פון אונזערע אבות, אַלץ איז שלעכט אין דער מאָדערנער קולטור. דער פּאָעט מאַכט אַנ׳איבערבליק איבער אַלע פּראָבלעמען פון לעבען: חתונה האָבען, קינדער־ערציהונג, רעליגיעזע געפיהלען, סאָלידאַריטעט, גליקליכעס לעבען, מאַטעריעלע לאַגע און יעדעס מאָל קומט ער צו איין בעשלוס

און אויב דאָס איז דאָס גליק, וואָס דאַרף זיין געשווינט
אבור אויב אונז האָט דער ביטען געלוינט.

אין אין דעם פּונקט בינדט זיך ווידער צונויף צונזער׳ס שאַפען מיט דער משכילישער בעוועגונג. ער איז דער פּאָעט פון דער קליין בורזשואַזיע, וועלכע טוט תשובה. אַנדערע, מעהר בעריהמטע שרייבער טוען עס אויך, ד. ה., דריקען אויס די חרטה אין נאָמען פון דעם געבילדעטען משכיל, בעזונדערס אין דער העברעאישער ליטעראַטור. נאָר זייענדיג מעהר בעשיידען, הערט דאָך זיין ראָליע נישט אויף צו זיין, סיי אינטערעסאַנט, סיי אויך גענוג חאַראַקטעריסטיש. די השכלה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט׳ן „שטעה אויף" פון מיכל גאָרדאָן, ענדיגט זיך מיט׳ן „ניינצענטען יאָהרהונדערט" און מיט׳ן „חילוף" פון צונזער; ווען דאָס ערשטע פון די לידער איז שוין געווען כמעט פערגעסען, זענען די לעצטע צוויי נאָך געווען כמעט ביי אַלעמען אין מויל.

דער עמיגראַציאָנס־שטראָם, וועלכער האָט זייט דעם 1881־טען יאָהר אַריבערגעוואָרפען הונדערטער טויזענדער רוסישע יודען אין אַמעריקא האָט מיטגענומען אויך דעם פּאָפּולערען פּאָעט. פון

1889=טען יאָהר וואוינט אליקום צונזער אין ניו=יאָרק, וואו ער האַלט
אַ דרוקעריי. ביי די נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע בעדינגונגען, וועל=
כע אונטערשיידען זיך אַזוי שטאַרק פון די רוסלענדישע, האָט ער
געפונען נייע טעמעס, נייע מאָטיוועןן. אַמאָל לויבט ער דאָס אַנדענקען
פון קאָלומבוס און וואַשינגטאָן 1), פון וועלכע איינער איז אַריבער דעם

אָקעאַנוס, און בעזינגט די טובות פון דער רעפּובליק, וועלכע האָט גע=
געבען אַ שוץ אַזוי פיעל אונגליקליכע נפשות פון אַלערליי נאַציאָנען;
אַמאָל, פערקעהרט, בעאַיינפלוסט פון די סאָציאַליסטישע אידעען,
וועלכע זענען זעהר פערשפּרייט אין דעם יודישען געטא פון ניו=יאָרק,
קריטיקירט ער די ממשלה פון דאָלאַר, די עקספּלאָאַטאַציע פון דער
אַרבייט דורך דעם קאַפּיטאַל 2). נאָר די ליעדער, ווי מען קען אַליין
פערשטעהן, האָבען שוין נישט די זעלבע בעדייטונג און איינפלוס און
זענען שוין אויך נישט אַזוי פּאָפּולער, ווי עס זענען געוועזען די ליעדער
פון דעם ליעבען צונזער מיט דרייסיג יאָהר צוריק. די נייע בעדינ=
גונגען האָבען געשאַפען נייע פּאָעטען און נייע ליעדער, און פער=
גלייך מיט וועלכע די רעטאָריק פון צונזער איז צו שוואַך און אונ=
פאַרביג.

אָבער עס איז אַ טאַטזאַך, אַז אין אַ בעשטימטען מאָמענט
האָט דער בעשיידענער בדחן א. צונזער, געאורטיילט וועגען דעם
צושטאַנד פון גייסט און אויסגעדריקט די אינטימסטע שטרעבונגען,
שמערצען און פריידען פון אַ טייל פון יענעם דור, וואָס האָט געהאַט
דאָס אונגליק צו לעבען אין אַ צייט, ווען עס איז געוועזען נישט טאָג,
נישט נאַכט. 3)

---

1) Jbidem, ז. 27.

2) „ , ז. 22-32.

3) דער בעריהמטער העבראַישער שריפטשטעלער א. ב. גאָטלאָבער (געבירטיג
אין סטאַראָקאָנסטאַנטינאָוו, וואָלינ' גוב. אין 1811-טען יאָהר, געשטאָרבען אין 1899-
טען יאָהר) האָט אויך געשאַפען אַ גרויסע צאָהל יודישע פאָלקס-ליעדער, וועלכע זענען
פערעפענטליכט געוואָרען אין די זשורנאַלען און ליטעראַרישע זאַמעלביכער פון פער-
שיעדענע צייטען. פון די מעהר בעקאַנטע ליעדער זיינע איז: „דאָס ליעד פונ'ם קוגעל",
וועלכעס איז זעהר אַ געלונגענע פּאַראָדיע אויף שילער'ס „דאָס ליעד פון דער גלאָקע"
„דאָס ליעד פונ'ם קוגעל" איז פערעפענטליכט געוואָרען אין אָדעס אין 1863-טען
יאָהר. פון די אַנדערע ווערק גאָטלאָבער'ס דערמאָנען מיר נאָך די מעשה: „דער סיום"

אָדער די גרויסע אסיפה אין וואלד, ווען די חיות האָבען אויסגעקליבען דעם לייב פאר א מלך״, וועלכע ענטהאלט מעהר ווי טויזענד שורות, און די קאָמעדיע אין דריי אַקטען: „דער דעקטוך אָדער צוויי חופות אין איין נאַכט״, ווארשוי, 1878, וועלכע איז געשריבען געוואָרען נאָך אין 1838 און איהר טעמא איז א קריטיק אויף די חסידישע צדיקים. גאָטלאָבער האָט אויך געשאַפען „די זכרונות איבער ושארגאָנישע שרייבער״ אין דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטעק״ פון ראַבינאָוויץ, ב. I., וועלכע האָבען א בעדייטענדען היסטאָרישען אינטערעס.

VI.

דער פאָלקס־ראָמאַן

דער פאָטער פון דער יודישער פאָלקס־ערצעהלונג איז אייזיק מאיר דיק (1808—1894). דאָס איז געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע פיגורען און דער משכילישער וועלט. אַנ'אויסגעצייכענטער העברעאיסט, שטאַרק בעהאַוועגט אין דער אגדתא־ליטעראַטור, וועלכע ער האָט געקענט דורך און דורך, איז ער געווען נישט פריי פון אַ געוויסען קנאה־געפיהל יעדעס מאָל, ווען ער האָט פערגליכען זיין שיקזאַל פון אַ יודישען שריפטשטעלער מיט'ן שיקזאַל פון זיינע חברים העברעאישע שרייבער, וועלכע האָבען געשריבען אויף אַ שפּראַך, וואָס איז בעשטימט אייביג צו לעבען. 1) יודיש איז פאַר איהם געווען נאָר אַ באַרבאַרישער זשאַרגאָן און, אַלס איבערצייגטער משכיל, האָט ער זאָגאַר געהאַלטען פאַר זיין הייליגען חוב, אַז ער דאַרף מיטהעלפען מיט אַלע כחות, דאָס עס זאָל אינגאַנצען פערשווינדען די שפּראַך, וועלכע איז נאָך זיין מיינונג, גאָר קיין שפּראַך נישט. אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען 2) דערצעהלט ער די מעשות און נסים, וואָס האָבען זיך געטראָפען מיט אַ יונגען משכיל, וועלכער, ענטלויפענדיג פון די רדיפות פון די פאַנאַטיקער, איז אַוועק אין דער פרעמד און, נאָך אַ משך פון אַ קורצער צייט, האָט ער דערגרייכט אַ גלענצענדע לאַגע, אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך

1] ר. בריינין, ליטעראַרישע עראינערונגען [העברעאיש] הצפה, 1903. 119.
2] א. מ. ד. „די עדעלע ראַבע אָדער די נקמה" [ווילנא 1875].

אויסגעלערנט מיט אנ'אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט א סך אייראפעאישע שפראכען. דער מחבר, וועלענדיג געבען א מוסר פון זיין געשיכטע, דריקט זיך אויס וועגען יודיש איפ'ן פאלגענדען אופן: „דער שיקזאל פון דעם מענשען, בעוויזט אונז, ווי ריכטיג איז דער דייטשער שפריכווארט, אז א מענש, וואס קאן נישט צוויי שפראך, איז גאר נישט קיין מענש. א מענש, וואס קען צוויי שפראכען, איז ער א דאפעלטער מענש, און ווער עס קען דריי, איז דריי מאל א מענש. אזוי פון דעם שטאנדפונקט קומט אויס, אז א ליטווישער יוד איז גאר קיין מענש נישט, ווייל דער ליטווישער יוד קען נישט קיין שפראך און ער רעדט א זשארגאן, וואס איז גאר נישט קיין שפראך, דאס איז א צונויפמיש פון העבראיש, אלטדייטש, רוסיש, פויליש, פראנצויזיש, ענגליש און שפאניש. דער זשארגאן איז אזא שפראך, וואס קיין פאלק רעדט אויף איהם נישט און פערשטעהט איהם נישט". אזא מענה קלינגט, דעם אמת גערעדט, זעהר טשיקאווע, ווען זי ווערט ארויסגעזאגט דורך א שריפטשטעלער, וואס האט געפונען א לעזער-פובליקום פאר דרייהונדערט מעשיות און מעשה'לעך, וועלכע ער האט געשאפען אין יודיש. מען מעג אפילו מודה זיין, אז יודיש רעדען נישט און פערשטעהען נישט קיין פרעמדע פעלקער, אבער אזא מזל האבען שוין אלע שפראכען פון קליינע פעלקער, ווי למשל, סערבען, בולגארען, האלענדער, פלעמען, לעטען, ליטהויער, פארטוגעזען א. ז. וו.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דיק האט געוואלט מיאוס מאכען אין די אויגען פון זיינע לעזער דעם זשארגאן, האט ער דאך זיין גאנצע ליטעראַרישע טעטיגקייט, וועלכע האט זיך געצויגען א משך פון כמעט פופציג יאהר חוץ צוויי אדער דריי אונבעדייטענדע ארבייטען אין העבראיש 2), געווידמעט נאר דעם יודיש-דייטש. און וואס פאר-א מיינונג מיר זאלען נישט האבען וועגען דעם ליטעראַרישען ווערט פון זיינע ווערק, מוזען מיר דאך אנערקענען, אז ער האט אפשר מעהר, ווי אנ'אנדערער, מיטגעהאלפען דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור, און אט מיט וואס: ער האט איינגעפיהרט אין דער יודישער ליטעראַטור, וואו וועלטליכע

1] דער אויטאר, וועלכער איז אליין געווען א ליטוויער, ווענדעט זיך הויפטזעכליך צו די ליטווישע יודען.

2] זעהט „ספר זכרון" אויסג. "האסיף", ווארשוי, 1889.

יבער זענען געווען זעלטען, די רעאַליסטישע ערצעהלונג און דעם אַנטאַזיע־ראָמאַן; ער האָט זעהר פיעל ווערק געשריבען און האָט רום זיי אַרומגעקליבען דעם פּראָסטען עולם: דיענסט־מיידלעך, משרתים, בעלי מלאכות און אַרבייטער, וואָס האָבען נישט פער־שטאַנען קיין העבראיש און וואָס זענען אין פערלויף פון פיעלע, פיעלע יאָהרען געווען זיינע מריע לעזער.

א. מ. דיק איז געווען אַ גאַנץ פערמעגליכער מענש און ער האָט נישט געזוכט פון זיינע מעשות קיין פערדיענסטען. דאָס איז איבערהויפּט געווען אַנ׳אונמעגליכע זאַך אין זיינע צייטען; פון ליטע־ראַרישע פערדינסטען האָט מען נאָך דענסטמאָל נישט געוואוסט, ווי ביי די יודישע שריפטשטעלער, אַזוי אויך ביי זייערע העבּרעאישע קאָלעגען. ער האָט אויך נישט געשריבען פון כבוד וועגען, ווייל אין דער משכּילישער וועלט, צו וועלכער ער האָט געהאַט די עהרע צו געהערן, האָט זיך גערעכענט פאַר אַ אונ׳כבוד צו שרייבען אויף יודיש און זיינע ווערק, ווען זיי זענען נאָר נישט ערשיענען אַנאָנים, זענען געווען בעצייכענט בלויז מיט די אָנפאַנגס־בוכשטאַבען פון זיין נאָמען א. מ. ד.

שרייבענדיג אויף יודיש האָט דיק געהאַט נאָר איין ציעל: זיין נוצליך דעם המון, וואָס האָט נישט פערשטאַנען קיין אַנדערע שפּראַך, אויסער זיין מוטער־שפּראַך. ווען ער ווענדט זיך אין זיינע ראָמאַנען און ערצעהלונגען כמעט אַלעמאָל צו זיינע „ליעבע לעזערינס” איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיינע ביכער זענען הויפּטזעכליך געווען בעשטימט פאַר׳ן ווייבערשען עולם; די מאַנסלייט, ווי מען האָט אַמאָל געהאַל־טען, פערשטעהען מעהר אָדער וועניגער העבּרעאיש. עס קען אויך זיין, אַז דער פּערפאַסער האָט גערעכענט, אַז פאַר אַ מאַנסביל איז׳ס נישט קיין פאַסענדע בעשעפטיגונג, צו לעזען אויסגעטראַכטע מעשות, וועלכע זענען געשריבען אויף צו אַמיזירען דעם פּראָסטען מענשען און אין וועלכע א. מ. ד, האָט אָפט גערן אונטערגעטראָגען דעם לעזער מוסר־פילען, וואָס ביי אַנדערע אימשטענדען וואָלטען זיי געווען אַביסעל צו ביטער.

ווירקליך, דער פערפאַסער בעמיהט זיך בכבודו ובעצמו צו ערקלערן אונז, אַז קיין אַנדער ווערט אָנערקענט ער נישט פאַר אַלע זיינע מעשות, וועלכע ער לעגט פאָר זיינע „טהייערע לעזערינס”. ער שרייבט: „אַזוי ווי אַ שוואַכער מאָגען קען נאָר פערדייען לייכטע שפּייז, אַט אַזוי פערטראָגט אַ שוואַכער גייסט נאָר אַ לייכטע גייסטיגע שפּייז. מעשות און ראָמאַנען זענען די לייכטסטע נאַהרונג, וועלכע ווערען

זיך פערדייט פון דעם שוואַכסטען גייסט. מען דאַרף אָבער נישט מיי-נען, אַז די ערצעהלונג האָט נאָר אַלס ציעל דעם פערגעניגען, וואָס זי פערשאַפט דעם לעזער, אַמיזירענדיג זיין פאַנטאַזיע. אין אַזא פאַל, וועט עס זיין נישט קיין געזונדע שפּייז, דאָס וועט זיין אַ געריכט, וואָס איז מעהר שעדליך ווי נוצליך. יעדע ערצעהלונג מוז ענטהאַלטען אין זיך אַ מאָראַל און אַ קריטיק" 1).

דער פערפאַסער בעמערקט דערביי מיט רעכט, דאָס ער קאָן זיך בעריהמען, אַז ער האָט נישט געשריעבען קיין אַנדערע ביכער ווי נאָר פון דעם סאָרט, וועלכע ער ריהמט. און ווירקליך, אין אַלעם דעם, וואָס א. מ. ד. האָט געשריבען: פאַנטאַסטישע ראָמאַ-נען, ביאָגראַפיעס פון בעריהמטע מענשען, היסטאָרישע ראָמאַנען, רעאַליסטישע ראָמאַנען, אין זיינע אָריגינעלע ווערק און אין די ווערק, וואָס ער האָט איבערגעזעצט אָדער איבערגעמאַכט פון פראַנצויזיש אָדער דייטש,—בלייבט ער פריהער פאַר אַלץ אַ מאָראַליסט און ער בעגנוגענט זיך נישט דערמיט, אַז מען זאָל זיך אַרויסנעהמען אַ מוסר, מען זאָל זיך וואָס אָבלערנען פון דער ערצעהלונג גופא; אין זעהר לאַנגע אָבווייכונגען, וועלכע פערנעהמען אַמאָל נישט וועניגער ווי אַ דריטעל בוך, גיט ער אונז איבער זיינע אידעען, אַמאָל וועגען ערציהונג, אַמאָל וועגען דעם, ווי וויכטיג און נויטיג עס איז פאַר'ן מענשען וועלטליכע בילדונג, בעזונדערס אויסלערנען זיך פרעמדע שפּראַכען, אַמאָל וועגען אַנ'אַנדערער עהנליכער פראַגע פון גייסטיגען אָדער מאַטעריעלען לעבען. איין ראָמאַן, וועלכער רופט זיך: „די אַלטע מויד", ענדיגט זיך מיט דער פאָלגענדער ערקלערונג:1) „אָט אַזוי ווי די מעשה איז שען, אַזוי, גרויס איז איהר נוצען, ווייל זי לערנט אונז אויס אַ סך גוטע זאַכען".

און אָט איז דער רייסטער לויט דער זעלבער ערקלערונג, וואָס מען קען זיך אָבלערנען פון דער מעשה, סיי ניצליכעס, אַזוי אויך שענעס. „דער שיקזאַל פון העלד ציינט אונז, אַז אַ סוחר דאַרף נישט פערגרעסערן זיין געשעפט איבער'ן מאָס, דער שיקזאַל פון דער העלדין דאַרף אונז דיענען אַלס ביישפּיעל, ווי שלעכט עס איז, ווען די עלטערען זענען צו גרויסע אויסקלייבערס, ווייל דאַדורך ווערט

---

1) די לעבענסגעשיכטע פון נאָמע גנב. מאת א. מ. ד. ווילנא, 1887 יאָהר, אין-8, פאָרעדע.

2) „די אַלטע מויד", ווילנא, 1887.

אַמאָל די טאָכטער פערזעסען ביז'ן גרויען צאָפּ. נאָר דער גרעסטער מוסר פון דער מעשה איז דער, אַז קיין זאַך בלייבט נישט אויף דער וועלט אונבעשטראָפט, און פריהער אָדער שפּעטער בעקומט ער זיין געצאָהלט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט».

עס איז נישט נויטיג זיך פיעל אָבצושטעלען אויפ'ן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דיק'ס מאָראַלישע ראָמאַנען, ווייל דער סאָרט שריפטען האָט עקסיסטירט און עקסיסטירט נאָך יעצט אפילו ביי אַלע פעלקער און אין אַלע ליטעראַטורען, און אומעטום זענען זיי צוגעשניטען כמעט לויט דעם זעלביגען פאַסאָן: די טוגענד, וועלכע איז אין פערלויף פון אַ געוויסער צייט ניעדערגעשלאָגען און אונטערדריקט, האַלט אָב צום סוף אַ נצחון, אין דער צייט, ווען דאָס שלעכטס ווערט שטרענג בעשטראָפט. דער וועג, וואָס פיהרט צו דעם גליקליכען סוף, איז פול מיט געשעהענישען, מעהר אָדער ווייניגער אונוואַהרשיינליכע, און דיק האָט אויך אין דעם פונקט נישט געשאַפען עפּעס נייעס אָדער אָריגינעלעס.

מיר מוזען נאָר בעמערקען, דאָס ביי איהם איז נישט אַלץ געווען אַ פאַנטאַזיע=שאַפונג. אַזוי ווי זיין ציעל איז געווען נישט אַזוי פיעל צו אַמוזירען, ווי צו בילדען, האָט ער איבער דעם אַליין שוין אויף קיין פאַל נישט געקענט זיך אין גאַנצען, פאָלקאָם ענטזאַגען פון דער לעבענס=ווירקליכקייט. ווען ער וואָלט בעשרייבען מענשען, וואָס זענען גענומען געוואָרען פון אויסער דער וועלט, וואָ עס האָבען געלעבט און געווירקט זיינע לעזער, און מעשות, וואָס האָבען נישט אַלגעמיינעם מיט די געוועהנליכע בעגעבענישען פון זייער לעבען, דאַן וואָלטען זיינע ווערק אפשר געקענט מאַכען אַנ'איינדריק אויף זייער פאַנטאַזיע, זיי וואָלטען אָבער נישט געקענט דיענען די לעזער אַלס ביישפּיעל אָדער התראה. געפינען מיר טאַקע צווישען דיק'ס ווערק רעאַליסטישע ערצעהלונגען, ביי וועלכע דער סיוזשעט איז אַרויסגענומען געוואָרען פון רעאַלען לעבען און וועלכע זענען איסער דעם אָפט פערשטעקטע פאַמפלעטען, אמת'ע געשעהענישען, וועלכע דער מחבר האָט צוגעגעבען די פאָרם פון אַנ'ערצעהלונג. די פערשיעדענע מעשות אָבער זענען אָפט גאַנץ אינטערעסאַנט און, זייענדיג געשריבען אין אַנ'איינפאַכען טאָן, פריי פון יעדער געקינסטעלטקייט, וואַרפען זיי אַנ'איינגעטינליכע ליכט אויף די מענשען אין די זאַכען פון דער עפּאָכע, ווען ער האָט געלעבט.

די מוסר=רעדעס, וואָס געפינען זיך אין דיק'ס ביכער, זענען געשריעבען אין אַנ'ערנסטען און צוגלייך פאָטערליכען טאָן. ער ליעבט

זעהר מעשות און גוזמאות, פסוקים פון הייליגע ספרים, בעזונדערס פון מדרש. ווען מען לעזט איהם, דוכט זיך אָפט אויס, אַז מען הערט אַ מגיד אויף דער בימה. וויל מען בעשטימען די ליטעראַרישע טעטיגקייט פון דיק, קען מען עס אויסדריקען דערמיט, וואָס מען וועט זאָגען וועגען איהם, אַז ער איז אַ מגיד, וועלכער איז געוואָרען אַ ראָמאַניסט. אין זיינע מאָראַלישע ראָמאַנען האָט זיך דיק בענוצט דערמיט, וואָס ער האָט פאָרטגעזעצט די טראַדיציע פון דער אַלטער יודישער ליטעראַטור. דאָס, וואָס דער מחבר פון „צאינה וראינה" האָט געטאָן, ווען ער האָט דערצעהלט די ריהרענדיגע מעשה וועגען מכירת יוסף, האָט אויך געטאָן דיק, דערצעהלענדיג די אָדער יענע געשיכטע פון מאָדערנעם לעבען, אַ רעעלע אָדער אַן אויסגעטראַכטע, און די יודישע לעזערינס, וואָס זענען אויסגעוואַקסען און האָבען זיך געבילדעט אין פערלויף פון יאָהרהונדערטע ביי די בלעטער פון „צאינה וראינה" און אַנדערע ביכער פון דעם זעלבען מין, האָבען געפונען פאַר זעהר נאַטירליך די שטיקלעך מוסר, וואָס זענען געווען צוזאַמענגעמישט מיט געשיכטען, וועלכע האָבען זיי צוגלייך נישט אויפגעהערט צו בעצויבערן דורך דער נייהייט פון זייער פאָרם און סיזשעט.

דאָס ערגסטע אין דיק'ס ווערק איז זיין סטיל, נאָר ווי באַלד פאַר איהם איז וויכטיג נאָר צו זאָגען אַביסעל מוסר און ווי באַלד ער שרייבט אין אַ „זשאַרגאָן, וואָס איז אפילו קיין שפּראַך נישט", לוינט דען צו אַכטען אויף דער פאָרם? וועט דען נישט זיין בעסער צו פערבייטען די אָרימקייט פון דער פאָרם, מיט דער רייכקייט און שענקייט פון דער אידעע?

דיק'ס סטיל איז טרוקען, אָהן פאָרם אָהן קראַפט און שטאַרקייט; די פראַזען און זאַצען זענען פערפּלאָנטערט איינע מיט די אַנדערע אַזוי פיעל, דאָס אַמאָל איז ביי איהם שווער אַרויסצוגעפינען דעם זין. די צאָהל דייטשע ווערטער, וואָס ער האָט בענוצט און אַריינגעבראַכט אין זיינע ווערק, איז אַזוי גרויס, דאָס אַלע בלעטער זענען אָנגעשאָטען מיט ווערטער און קלאַמערן, וועלכע שטעהען נעבען די דייטשע ווערטער, אום צו ערקלערען זייער בעדייטונג דעם איינפאַכען לעזער. דער אָרימער ווילנער משכיל, וועלכער האָט אַליין גערעדט דייטש נאָך אַ ביכעל 1), האָט גערעכענט, אַז ער ערפילט אַ ציוויליזאַטאָרישע אַרבייט, ווען ערלערנט אוים זיינע

1) ר. בריינין, אויבען ציטירט.

„ליעבע לעזערינע" צונלייך מיט די פערשיעדענע מוסר־זאָגען אויך אַ געוויסע צאָהל ווערטער פון ליטעראַרישען דייטש.

דער ערפאָלג, וואָס עס האָט געהאַט די פּראָבע, וועלכע דיק האָט געמאַכט שרייבענדיג יודישע ראָמאַנען — אַן׳ערפאָלג, אין בולד־הענדלערישען זין יעדענפאַלס — האָט נישט פערזוימט אַרויסצורופען נאָך איהם אַ גאַנצע מחנה נאָכמאַכערס. די אַרויסגעבערס און די נייגי־ריגקייטס־קרעמער זענען ווירקליך געווען די ערשטע, וואָס האָבען בעמערקט, ווי גרויס עס איז געווען ביי די אָרימע אונוויסענדע קלאַ־סען דאָס בעדערפעניש צו לעזען פאַנטאַסטישע ראָמאַנען פון דעם מין, ווי דיק׳ס און זיי האָבען פערשטאַנען, אַז די ראָמאַנען קענען ווערען אַ מעהר גאַנגבאַרער און איינטרעגליכער האַנדעלס־אַרטיקעל, אַלס די זאַמלונגען פון העברעאישע ליעדער. דאַמאָלס האָט מען געזעהען, און עס קען זיין צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דעם יודישען בוכהאַנדעל אין רוסלאַנד, ווי די פערלעגער לעגען פאָר האָנאָראַר, אמת זעהר אַ בעשיידענעם, די שרייבער פון ראָמאַ־נען און ערצעהלונגען אין יודיש.

דיק אַליין האָט, נישט קוקענדיג אויף זיין וואונדערליכער פּראָ־דוקטיוויטעט, נישט געקענט מעהר קלעקען, כּדי צופריעדען צושטעלען די בעדערפנישען פון אַ פּובּליקום, וואָס איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר, וואָס איז בעריהרט געוואָרען דורכ׳ן הויך פון אַ נייען לעבען, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם געטאָ און האָט זיך געוואָרפען, ווי אַ הונגעריגער, אויף דער איינציגער גייסטיגער שפּייז, וואָס איז געווען אין זיין רשות: אויף דער יודישער ליטעראַטור. דיק׳ס מעשות אָבער האָבען אין די אויגען פון דעם דאָזיגען פּובּליקום גע־האַט אַ פעהלער: זיי זענען געווען צו קורץ. דער גרעסטער טייל פון זיינע ביכער דערגרייכען ווירקליך נישט אפילו די צאָהל פון הונ־דערט זייטען און אָפט בעשטעהען זיי פון דרייסיג ביז פערציג נאָר. אַזעלכע ביכלעך און ערצעהלונגען האָט מען גיך געקענט אויסלעזען ביז׳ן סוף; דאָס לעזען האָט נישט פערנומען אפילו דעם גאַנצען פריי־טאָגדיגען אָבענד און דעם שבת׳דיגען פריהמאָרגען, ווען די דיענסט, דער משרת, דער אַרבייטער און דער בעל־מלאכה האָבען געהאַט פרייע צייט צו בעשעפטיגען זיך מיט לייענען ראָמאַנען; און דעריבער האָט מען ווירקליך אָנגעפאַנגען פערלאַנגען פיעל לענגערע ראָמאַנען, וועלכע מען זאָל קענען דורכלעזען אין פערלויף פון גאַנצע וואָכען ערשט, ווען דער אונבעוואוסטער מזל פון דעם העלד און העלדין זאָל אייך פערהאַפּען דעם אָטעם, וועל איהר זאָלט זיך אין גאַנצען איבערגעבען

זייערע אַנגסטען און האָפנונגען און איהר וועט אויף אַזאַ אופן ערגענצען די פאָעזיע פון אייער אייגענעם לעבען מיט דער פאָעזיע פון זייערן.

דער גרויסער און דויערנדער ערפאָלג, וועלכען עס האָבען געהאַט, צייט זייער ערשטער ערשיינונג, די לאַנגע ראָמאַנען, וואָס זענען בעשטאַנען אָפט פון אַ גרויסער צאָהל בענדער, — דער ערפאָלג וועלכער איז צייט דאַן קיינמאָל נאָך נישט אָבגעשוואַכט געוואָרען, איז דער בעסטער בעוויז, אַז זיי האָבען ממלא געווען אַן׳אמת און דרינגענד בעדערפניש. און וואָס פאַר אַ גרויסע פעהלערן זיי זאָלען נישט האָבען פון ליטעראַרישען אָדער פון אַן׳אַנדער שטאַנדפונקט, בלייבט זיי פאָרט נאָך אַ פערדיענסט, די וויכטיגקייט פון וועלכען ס׳איז אונמעגליך צו בעשטרייטען: זייער פערדיענסט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען אין פערלויף פון צוויי דורות בעצויבערט די פאַנטאַזיע פון הונדערטער טויזענדער מאַנסבילען און פרויען, וועלכע האָבען געהערט צו די אָרימערע און עלענדערע פאָלקס־קלאַסען.

דער מעהר בעריהמטער צווישען די שריפטשטעלער פון דעם סאָרט ראָמאַנטישע ראָמאַנען מיט העכסט אויסערגעוועהנליכע אינטריגעס, וועלכע ווערן אַלץ מעהר פערפּלאָנטערט און קאָמפּליצירט מיט יעדען באַנד, איז ש י י ק ע וו י ט ש, וואָס איז מעהר בעקאַנט אונטער זיין ליטעראַרישען פסעוודאָנים שמ״ר (געבירטיג אין נעסוויזש מינסקער גוב. אין 1849־טען יאָהר, געשטאָרבען אין אַמעריקאַ 1906). שייקעוויטש איז געוואָרען אַ יודישער ראָמאַניסט דורך אַ צופאַל, וועלכער איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצער צוקינפטיגער ליטעראַרישער קאַריערע.

אַלס יונגער משכיל, האָט זיך שייקעוויטש אין אַ שענעם טאָג בעוויזען ביים בעריהמטען העברעאישען שריפטשטעלער און פילאָלאָג ש. י. פין אין ווילנא, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ פערלאַג. שייקעוויטש האָט איהם געבראַכט אַ העברעאישען ראָמאַן, וועלכען פין האָט אָנגענומען. אונטערדעסען, האָט די צענזור געמאַכט שוועריגקייטען בנוגע צום פערעפענטליכען דעם ראָמאַן. נאָכדעם האָט פין, וויסענדיג די בעדערפנישען פון מאַרק און פאָראויסזעהענדיג אָהן צווייפעל דעם סאָרט ליטעראַטור, פאַר וועלכען שייקעוויטש׳עס טאַלאַנט וועט מעהר פאַסען, פאָרגעלעגט איהם צו שרייבען אַן׳ערצעהלונג אין יודיש.

אויף מאָרגען איז די ערצעהלונג געווען פאַרטיג און פין האָט פאַר איהר בעצאָהלט דריי רובל. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט שייקעוויטש, וועמען דער האָנאָראַר, וואָס ער האָט בעקומען מיט אַן׳אָווענד

פריהער, איז זיעדער גיפּעלן געוואָרען, צוגעשטעלט א נייע ערצעה־לונג, פאַר וועלכער ער האָט בעקומען די זעלבע געצאָהלט, ווי פאַר דער ערשטער. מיט אַ טאָג שפּעטער האָט פון אָבגעקויפט אַ נייע און די לעצטע ערצעהלונג, און שייקעוויטש האָט זיך געווענדעט צו נייע אַרויסגעבער, וועלכע האָבען, פאַר האָנאָראַרען כּמעט גלייכע מיט די ערשטע, אָבגעקויפט ביי איהם זיינע נייע מעשות. אויף אַזאַ אופן איז שמ״ר, וועלכער איז צו דער צייט (אַרום 1875־טען יאָהר) שוין געווען אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע און אָהן לעבענס־מיטלען, געוואָרען אַ „ראָמאַנען־פאַבריקאַנט", און איז געבליעבען אַ זעלכער ביז'ן לעצטען טאָג. ער האָט געשאַפען מעהר ווי הונדערט ראָמאַנען און שפּעטער, זוען דאָס יודישע טעאַטער איז געשאַפען געוואָרען דורך גאָלדפאַדען'ען, האָט ער צוגלייך געשריעבען אַ גרויסע צאָהל פּיעסען, וועלכע ער האָט געשטעלט אין טעאַטער, וואָס ער האָט אַליין אָנגעפיהרט אָדער אַנדערע. אין אַמעריקא האָט ער אַרויסגעגעבען אַ הומאָריסטישע זשורנאַל 1), אין פערלויף פון דריי יאָהר און האָט מיטגעאַרבייט אין אַ גרויסער צאָל אַנדערע זשורנאַלען, נאָר צוגלייך האָט ער אויך ווייטער פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט צו שרייבען ראָמאַנען. דער גרעסטער טייל פון זיי ענטהאַלטען הונדערטער זייטען און אָפט בעשטעהען זיי פון פיעלע בענדער.

ווי דיק, האָט אויך שמ״ר ליעב געהאַט אַריינצושטעלען אין זיינע ערצעהלונגען שטיקלעך מוסר. אַלס משכּיל און פערפאַסער פון ראָמאַנען אין העברעאיש 2), האָט ער געדעכט, אַז זיינע יודישע ראָמאַנען וועלען בעקומען אַ געוויסען עלעגאַנטען אויסזעהען, ווען ער וועט אַוועקשטעלען איבער יעדען קאַפּיטעל, אָפט אַפילו פון אָנהויב, אַ העברעאיש ליעד, וואָס זאָל ווי אַ מין אובערטורע, פאָראויס־ערקלערן דעם געדאַנק אָדער די מאָראַל, וועלכע מען קען פון דאָס ווערק אַרויספיהרען. אין זיינע ראָמאַנען אָבער שפּיעלט נישט די מאָראַל אַזאַ איבערוואויגענדיגע ראָלע, ווי דאָס איז דער פאַל אין א. מ. דיק'ס ווערק. זיין ראָמאַן איז פאַר אַלעם אַ ראָמאַנטישער ראָמאַן, אַ פאַנטאַזיע־ראָמאַן און אַלעס איבעריגעס שטעהט אויף'ן צווייטען פּלאַן.

---

1) „דער יודישער פּאָק", ניו־יאָרק, 1894-1896; „לאַנד-הכּם", הומאָריסטישער זשורנאַל, ניו־יאָרק.

2) „ס״ר זכּרון" אויסג. האסיף. וואַרשוי, 1889, וואו עס זענען אָנגעגעבען געוואָרען די נעמען פון זיינע זיעבען העברעאישע ראָמאַנען.

שייקעוויטש'עס געגנער זענען אפילו אזוי ווייט אוועקגעגאנגען אין זייע־
רע בעשולדיגונגען געגען איהם, דאס זיי טענה'נען, אז ער
איז אונמאראליש. מען האט בעהויפטעט, אז אלס מארעל פאר
זיינע זאמלונגען האט ער גענומען פאל־דע־קאק'ס ווערק 1), אין דער
אמת'ען אבער איז דער יודישער ראמאניסט זעהר ווייט פון דעם, ער
זאל דערגרייכען יענע שפראכען־און־ בילדער־דרייסטקייט, וועלכע
האבען געשאפען אזא רעפוטאציע דעם פראנצויזישען ראמאניסט.

שמ"ר'ס פערליעבטע טוען נאר איין זאך — זיי רעדען אהן אנ־
אויפהער און דיסקוטירען וועגען דער שטארקייט און גרויסקייט פון
ליעבע, וועגען דעם פייער, וואס ברענט אין זייער בלוט און אפט
וועגען פראגען, וואס האט ווייניג שייכות צו זייערע געפיהלען; קיינ־
מאל אבער געהען זייערע מעשים און דבורים נישט אריבער די גרע־
נצען, וואס איז ערלויבט דורך דער אנגענומענער מאראל. זיין פאר־
שטעלונג וועגען ליעבע האט שמ"ר ארויסגענומען נישט פון א רעא־
ליסטישען ראמאן, נאר פון א העראאישען און אידעאליסטישען. זיינע
העלדען און העלדינס, ווען זיי זענען אפילו נישט קיין גראפען און
גראפינעס, הערען נישט אויף צו זיפצען; זיי רופען אהן אנ'אויפהער
דעם טויט צו זיך, פערגיסען שטראמען טרערען און דעם גרעסטען
טייל פון זייער טאג פערברענגען זיי אין טרויער און מעלאנכאליע.
אויסער דעם, אין לעצטען מאמענט, ווען אלע הינדערנישען, וואס זיי
האבען געטראפען אויפ'ן וועג פון זייער ליעבע, זענען אבגערוימט
געווארען, א דאנק דער פעסטקייט און טרייקייט פון זייערע הערצער,
ווי אויך א דאנק א וואונדערבארער קאמבינאציע פון די ארומיגע בע־
דינגונגען, — לאזט דער ראמאניסט קיינמאל נישט דורך, זיי צו פער־
אייניגען און פערבינדען דורך א כשר'ה חופה לכל הדעות און, ווען
מען דארף נאר, זעהט ער, זיי זאלען זיך פריהער גט'ען מיט דעם
ערשטען מאן אדער מיט דער ערשטער ווייב. קענענדיג גאנץ גוט די
געדאנקען און געפיהלען פון זיינע לעזער און לעזערינס וועגען דעם
ענין, האט זיך שמ"ר קיינמאל נישט בעצויגען לייכטזיניג צו דער זי־
טען־ריינקייט. צ. ב., ווען ער דערצעהלט אין זיין ראמאן „דער פאר־
ריאטשיק" 2) א געשיכטע וועגען זנות, געפינט ער נישט קיין גענוג

---

1) זעהט דעם ארט. פון פ. שאך, „דער יודישער זשארגאן און זיינע ליטערא־
טור". אסט און וועסט, מערץ 1901.

1) דער פאדריאטשיק, א העלסט אינטערעסאנטער ראמאן, איין ריכטיגער

שטאַרקע און שטרענגע ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל קענען ווי־
געהעריג שענדען די אויפפיהרונג פון זיין העלד. דער מאַנסביל ווערט
געשילדערט אַלס די לעבעדיגע פערקערפערונג פון אַלדאָס־שלעכטס
און די פרוי, האָטש פאַר איהר איז דאָ אַנ׳ענטשולדיגונג, דאָס זי
איז קראַנק און מען האָט זי פערפיהרט, ווערט אויך נישט מעהר גע־
שוינט. און צום סוף פון דער מעשה שטראָפט גאָט די בעלי־עבירה׳־
ניקעס: די פרוי שטאַרבט עלענד און פערלאָזען און דער מאַנסביל
ווערט אָנגעשטעקט דורך אַ שרעקליכער און געפעהרליכער קראַנקהייט.

עס איז אַרויסגעוואָרפען די אַרבייט, ווען מען זאָל וועלען
זוכען דעם קלענסטען טייל פון פסיכאָלאָגישער וואַרהייט אָדער אפילו
איינפאַכע וואַהרשיינליכקייט אין שייקעוויטש׳עס ראָמאַנען. די פערזאָ־
נען, אויף וויפיעל זיי רעדען אָדער בעוועגען זיך, זענען פאַלש, אונ־
וואַהרשיינליך, אויסגעטראַכט. די בעקוועמע פאָרמעל, וועלכע טיילט
איין די העלדען אין צוויי, קלאָר אָבגעטיילטע, גרופען, אין שדים
און מלאכים, איז געטריי דורכגעפיהרט געוואָרען פונ׳ם ראָמאַניסט
אין אַלע זיינע ווערק. די גוטע זענען געוועהנליך אַ יונג מיידעל,
אַ „געטליך שענע", און אַ יונגערמאַן, אַ דאָקטאָר, וואָס קליידעט זיך
אייראָפּעאיש, אָדער אַ קאָנטאָרשציק, אַ בוכהאַלטער, אָדער אַ קאָרעס־
פּאָנדענט, וואָס איז געקליידט האַלב נאָכ׳ן אייראָפּעאישען שטייגער
און האַלב נאָך דער אַלטער מאָדע, טראָגענדיג קליידער לאַנגע,
אַרויסלאָזענדיג אָבער די הויזען דערפאַר איבער די שטיוועל. די שלעכ־
טע, ווען זיי זענען נאָר נישט איינפאַכע מערדער, גזלנים, גנבים
אָדער קינדער־פאַנגער, זענען די פאַנאַטיקער, וואָס פערפאָלגען מיט
זייער האַס די יונגע לייט, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט וועלטליכע
זאַכען, און די צבוע׳קעס, וואָס קענען נישט מוחל זיין די פער־
ליעבטע די רייניקייט און אונשולדיגקייט פון זייערע געפיהלען.

אין יעדען ראָמאַן שילדערט דער פערפאַסער מעהרערע ליעבע־
אינטריגעס, וועלכע פערפלאָנטערען זיך, טרעפען זיך צונויף, אַמאָל
כדי צו העלפען איינער דער אַנדערער, אַמאָל פערקעהרט, כדי צו היג־
דערן. צום סוף ראָמאַן ווערן די ערעייגנישען איבערגעהאַקט, די לאַגע,
וועלכע איז געוועזן פערוויקעלט ביז׳ן העכסטען גראַד, ווערט קלאָר
מיט אַמאָל, ווי דורך אַ כישוף, און דער לעזער, וועלכער איז מיט
אַ שרעקענדיג האַרצען נאָכגעגאַנגען לאַנג נאָך זיינע סימפּאַטישע העל־

דען אויף זייער צאָרענדיגען וועג, וואָס זיי האָבען געדאַרפט דורכמאַכען, — פיהלט זיך פאָלקאָם בעפרידיגט, ווען ער דערזעהט פאַר זיך דאָס אונפעראענדערליכע בילד, ווי עס טריאומפירט דער אמת און דער שקר ווערט פערשעמט און נידערגעשלאָגען.

שמ״ר אַליין האָט אויך גאַנץ גוט געפיהלט דאָס, וואָס איז געווען אונגעוועהנליכעס, זאָגאַר אונמעגליכעס, אין דער לאַגע, וואָס ער האָט בעשריבען; ער האָט אָבער נישט נאָר נישט געפונען פאַר נויטיג זיך צו פערענטפערן דערפאַר, נאָר ער האָט אפילו איינגעפונען, דאָס ער קען זיך דערמיט בעריהמען. „ראָמאַנען", זאָגט ער אין דער פאָררעדע צו איינעם פון זיינע ראָמאַנען 1), אין וועלכען עס געפינען זיך, פון ערשטען קאַפּיטעל אָן, אונוואַהרשיינליכע סיטואַציעס, — ראָמאַנען זענען ווי אַלץ אויף דער וועלט: זיי קענען נישט אַלעמען געפעלן. איינע זוכען אין אַ ראָמאַן ריכטיגע טיפּען און בילדער, וואָס זאָלען טריי איבערגעבען די ווירקליכקייט, אַנדערע ווילען נאָר הערצצוריסענדע טראַגישע בילדער, אָבער די מעהרסטע לעזער פערלאַנגען זעלטענע בעגעבענהייטען און אונגעוועהנליכע מעשות. וואָס קען אָבער טאָן אַ פערפאַסער, וואָס וויל צופריעדענשטעלען די פאָדערונגען פון אַ פובליקום, וועלכעס איז אַזוי פערשיעדען לויט זיין געשמאַק? „אום צופריעדענצושטעלען מוז דער פערפאַסער געבען פון אַלץ אַביסעל: לעבענס-קענען, טראַגישע בילדער און איבערנאַטירליכע בעשרייבונגען".

דער ראָמאַניסט גלויבט, אַז אין זיינע ראָמאַנען האָט ער זיך בענוצט מיט די קונסט-רעגעלן, וועלכע ער האָט אַזוי גלענצענד אַליין פאָרמולירט, און ער ערקלערט, דאָס ער קען זיך זעהר לייכט בעגעהן אָהן די שבחים פון די קריטיקער, וועלכע האָבען „קיינמאָל נישט געקויפט אַ בוך, וואָס זיי נעהמען זיך קריטיקירען".

אין שמ״ר׳ס ראָמאַנען געפינען זיך פיעל בעשרייבונגען און שילדערונגען, קיינמאָל אָבער מאַכען זיי נישט קיין איינדריק פון אַ זאַך, וואָס מען זעהט און בעאָבאַכטעט דירעקט. פון דער אַנדערער זייט, אונטערשיידען זיי זיך כמעט קיינמאָל נישט איינע פון די אַנדערע און די העלדען און העלדינען, ווי אויך די שלעסער, אין וועלכע זיי וואוינען, און די גערטנער מיט די וואַסער-פאָנטאַנען, וואו ס׳קומען פאַר זייע-

1) שמ״ר, די אייזערנע פרוי אָדער דאָס פערקויפטע קינד, איין וואונדערשענער ראָמאַן. ווילנא 1882.

רע בעגעגענישען, זענען אזוי ערהליך איינער צום אנדערן, אז מען קען זיי פערביימען. די סימפּאַטישע העלדין איז אַלעמאָל „שען ווי דער מאָנד און ווי דער בלויער הימעל. איהרע אויגען גלאַנצען, ווי בריליאַנטען. איהרע האָהר זענען ווייך ווי שוואַרצע זייד און איהרע שולטערן זענען וויים, ווי מאַרמאָר; איהרע ווערטער שיטען זיך, ווי פּערעל פון אַנ׳ענגעלפמונד אין איהר שטימע קלינגט, ווי אַ געטליכע מוזיק״. 1)

די העלדען האָבען כמעט אַלעמאָל אייזערנע מוסקולען, וועהרענד די ציגע פון זייערע געזיכטער זענען מילד און אין זייערע אויגען קען מען דורכלעזען די מעלאַנכאָליע פון זייער נשמה. אין דעם זין האָט שמ״ר נאָר נאָכגעמאַכט און בענוצט זיך מיט די זעלבע שילדערונגס-אַרטען, וואָס ווערן געברויכט אַלעמאָל דורך שרייבער, וועלכע האָבען קיין טאַלענט, ווי אויך קיין אָריגינאַליטעט נישט.

שמ״ר האָט נאָך געפּרובט שרייבען היסטאָרישע ראָמאַנען („די יודישע קעניגין״; „גלות פּאָרטוגאַל״; „מענש — גאָט״; „דער לעצטער מלך״ א. ז. וו.). די ראָמאַנען פון דעם מין זענען פון די בעסטע אָדער פיעל מעהר פון די װעניגער שלעכטע, וואָס ער האָט געשריעבען. אויב איהם איז נישט געלונגען אין זיי בעסער צו בעשרייבען, ווי אין די אַנדערע ראָמאַנען, דאָס לעבען פון די פּערזאָנען, וואָס ער פיהרט אַרוים אויפ׳ן סצענע, ווי אויך אויפצובויען ווידער די סביבה, אין וועלכער די עראייגנישען זענען פאָרגעקומען, אויב דאָס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען, — איז ער דאָך געבליעבען געטריי דעם היסטאָרישען אמת, איבערגעבענדיג די עראייגנישען גופא.

שמ״ר׳ס סטיל איז אין פערגלייך מיט דיק׳ס שוין אַ גרויסער פּראָגרעס. ער איז פיעל קלערער, איינפאַכער און נאַטירליכער. די טענדענץ צו „גערמאַניזירען״ די יודישע שפראַך איז ביי איהם כמעט פאָלקאָם פערשוואונדען און זי ווייזט זיך אַרוים נאָר אין איינצעלע, בעזונדערע פאַלען, ווי צ. ב., ביי ליעבעס-ערקלערונגען, נאָר דאָס איז נישט אַזוי פיעל די ווירקונג פון וועלען פערריכטען די שפּראַך, ווי דאָס, — און אין אַלגעמיין גענומען איז עס איהם נישט צו פערדענקען, — וואָס ער וויל צוגעבען די ווערטער פון די העלדען אַ טיעפען, בעהאַרצטען טאָן, וועלכער זאָל מעהר פּאַסען צו דער לאַגע. דער

1) שמ״ר, דער היים, אַ ראָמאַן, וואַרשוי, 1883.

ג

עליעבטער זאָגט „דער מאָנד" אַנשטאַט „די לבנה", „דער ענגעל" אַנשטאַט „מלאך", און אויב די געליעבטע פערשטעהט נישט אַליין, פונקט ווי דער לעזער, וואָס ס'ווערט געדעדט, איז עס דאָך אויף אַזוי פיעל שענער כלומרש'ט, וואָס וועניגער מען פערשטעהט עס. אונטערדעסען מוז מען צוגעבען און אָנערקענען, דאָס שמ"ר, גלייך ווי אויך דיק און די אַנדערע שריפטשטעלער פון דער זעלבער עפּאָכע, האָט, אַרויסגעהמענדיג, אום צו בעפוצען די שפּראַך, פון דייטש און פון די סלאַווישע שפּראַכען ווערטער, וואָס גלייכבעדייטענדע פון זיי האָבען שוין עקסיסטירט אין יודישען, און דערזעלבער צייט אַרויסגעשעפּט פיעל ווערטער און בעגריפען, וואָס זענען אין דער יודישדייטשער שפּראַך געווען פונקט אַזוי ניי, ווי די אידעען, וואָס זיי האָבען אויסגעדריקט, זענען ניי געווען פאַר זייער פובליקום. אַ גרויסע צאָהל פון די ווערטער און אויסדריקען האָט נישט פערזוימט אַריינצודרינגען אין דער געוועהנליכער אומגאַנגס־שפּראַך, און איהר ווערטער־אוצר איז אויף אַזאַ אופן בעדייטענד אויסגעוואַקסען.

אויב מיר האָבען זיך אַזוי לאַנג אָבגעשטעלט אויף שמר'ס ווערק, איז עס זיכער ניט איבער זייער קינסטלערישען ווערט, וואָס איז, ווי מיר האָבען שוין דאָ געפּרובירט ווייזען, גלייך אַ נול. שמ"ר אָבער פערדיענט אונזער אויפמערקזאַמקייט דערפאַר, ווייל ער איז דער מעהר אויטאָריטעטער און צוגלייך דער מעהר בעריהמטער פאָרשטעהער פון אַ גאַנצער ליטעראַרישער שול, — אויב ס'איז ערלויבט צו געברויכען דעם לעצטען בעגריף, ווען עס ווערט גערעדט וועגען שריפטשטעלער, וואָס האָבען צווישען זיך נאָר דאָס פאָלגענדע געמיינזאַמעס: זיי פעהלט אַלעמען טאַלענט און ליטעראַרישע בילדונג. ראָמאַנען פון דעם מין, ווי שמר'ס, האָבען אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען פערשוואומען די יודיש־דייטשע ליטעראַטור, און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די געבילדעטע עלעמענטען האָבען אויך ווייטער זיך בעצויגען אינדיפירענט צום „זשאַרגאָן", — האָט דאָס נישט געשטערט דער ליטעראַרישער קאַריערע פון די שמר'ס, גרויסע און קליינע, די צאָהל פון וועלכע ס'איז אַ לעגיאָן. עס זענען אפילו געווען אַזעלכע „געבילדעטע" צווישען די דאַמאָלסדיגע, וואָס זענען אין זייער האַס געגען „זשאַרגאָן" געווען גרייט צו בעגריסען די פערדאַרבונג פון דער פאָלקס־ליטעראַטור, אַלס דעם אָנהויב פון סוף, האָפענדיג, דאָס די איבערמאָס פון שלעכטס, ד. ה. פון שמר'ס ליטעראַטור, וועט אוועקהרג'ענען דאָס שלעכטס גופא, די יודיש־דייטשע שפּראַך

אַליין . 1)
דאָס שלעכטס איז אָבער אונטערדרעסען נישט אויסגעראָט געַ=
וואָרען , און וואָס מעהר עס איז געוואַקסען די צאָהל מענשען , וואָס
לעזען יודיש, איז אויך געוואַקסען די העזה און דער אונטערנעהמונגס=
גייסט פון די ראָמאַניסטען , וואָס האָבען זיך גענומען צו בעפריעדיגען
די גייסטיגע בעדערפנישען פון לעזער . אַמעריקע , וועלכע האָט פרי=
הער אַרויסגעפיהרט יודישע ראָמאַנען פון רוסלאַנד, האָט באַלד אָנגע=
הויבען זיי צו פאַבריצירען אַליין. די יודישע עמיגראַנטען, וואָס האָבען
זייט דעם 1881=טען יאָהר פערלאָזען די סלאַווישע לענדער און זענען
מאַסענווייז אָנגעקומען אין דער „נייער וועלט” , האָבען געגעבען אַ פובּ=
ליקום, וואָס איז זשערנע צו לעזען , אום זיך צו צושטרייען, און וואָס
האָט דאָ פערדיענט מעהר ווי אין זיין פאָטערלאַנד , און האָט אויך
געקענט מעהר פערצעהרען אויף ליטעראַטור , ווי אין רוסלאַנד . צו
דער צייט טאַקע זענען געלדפאַדען און צונזער , און צוגלייך מיט זיי
אויך שמ״ר , אַוועק קיין אַמעריקא ; פאַר און נאָך זיי זענען אַהין
אַריבער אויך פיעלע פון זייערע קאָנקורענטען. באַלד האָט די יודישע
ראָמאַנען=ליטעראַטור אין אַמעריקא נישט געהאַט מעהר וואָס מקנא
צו זיין איהר עלטערער שוועסטער אין רוסלאַנד. פונקט אַזוי גראָב=
פאַנטאַסטיש בנוגע צום אינהאַלט , פונקט אַזוי פרעמד פון יעדער
ליטעראַרישער פאָרם , — זענען די „אַמעריקאַנישע” ראָמאַנען , לויט
זייער גרויס , געווען נאָך שרעקליכער , ווי די „רוסישע”. איין ראָמאַן,
וועלכער רופט זיך „צווישען מענשענפרעסער” 2) , בעשטעהט פון 26
בענדער ; נאָך איינער , „די גיפט=מישערין” 3) האָט 12 בענדער ,
איינינע פון די ראָמאַנען זענען ערשיענען העפטענ=וויז צו 6—8 קאָ=
פיקעס , דער גאַנצער ראָמאַן אָבער פלעגט אָבקאָסטען ביז אַ רובּעל
16—18 , אַזוי פיעל איינציגע העפטלעך זענען ערשיענען 4). יודיש
האָט בעקומען איהר קאָלפּאָרטאַזש=ראָמאַן , ווי ער האָט שוין לאַנג
עקסיסטירט אין אייראָפּע .

אויף אַזאַ אופן איז דער יודישער ראָמאַן ווייט געווען פון דעם

1) זעהט וועגען די געבילדעטע ביי ש. צינבערג'ען אין ארטיקעל „די זשאַר=
גאָנישע ליטעראַטור און איהרע לעזער”. וואָסחאָד , מערץ , 1903 .

2) צווישען מענשענפרעסער , ניו-יאָרק (דאָס יאָהר איז נישט אנגעגעבען) .

3) די גיפטמישערין . „ „ „ „

4) זעהט „דער יוד” , 1901 , נומר 25 .

אַז ער זאָל ווערען אַ מיטעל פאַר פאָלקס-ערציהונג, ווי דאָס האָט
זיך פאָרגעשטעלט דיק. דער ראָמאַן האָט אין דער אמת'ן נאָר מיט-
געהאָלפען צו פערדראַנגען דעם ליטעראַרישען געשמאַק פון פובליקום,
צוגעוואוינענדיג עס צו לעזען לייכטזיניגע און פאַנטאַסטישע מעשות.
גישט קוקענדיג אויף דעם גוטען ווילען פון א. מ. דיק אין אַנדערע
משכילים, וואָס זענען געווען בעגייסטערט מיט די זעלבע געפיהלען,
ווי ער, איז די יודישע ליטעראַטור פעראַכט געווען, ווי פריהער,
מצד דעם גאַנצען געבילדעטען עולם, וואָס האָט צו יענער עפּאָכע
עקסיסטירט אין געטאָ, די ליטעראַטור, וועלכע איז געווען פון אַלעמען
פעראַכט, און וועלכע האָט נאָר איין ענטשולדיגונג געהאַט פאַר איהר
לעבען: וואָס איהר טויט איז נאָהענט,—די ליטעראַטור האָט, פער-
שטעהט זיך, ביי אַזעלכע בעדינגונגען געקענט נאָר ערגער ווערן,
צעפאַלען און אַריינפאַלען לייכט אַלס רויב אין די הענד פון די ליטע-
ראַרישע גזלנים. און אויב דאָס ערגער ווערן האָט זיך אַרויסגעוויזען
אין אַ בעזונדער שטאַרקען אופן אין דעם ראָמאַן, איז עס דערפאַר,
וואָס דער ליטעראַרישער צווייג האָט מעהר, ווי די אַנדערע, צוגעצויגען
די שריפטשטעלער אָהן טאַלענט, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזען
פאַר געווינרייכער און צוגלייך אויך לייכטער פון אַנדערע ליטעראַרישע
צווייגען. דער ראָמאַן קען ווערן געשריבען ווי מען וויל, ווייל די
הויפטזאַך איז די שפּאַנענדע אינטריגע.

צום גליק, ווען דאָס ראָמאַנען-באַקען האָט דערגרייכט די גרעס-
טע שטאַרקייט און עס האָט זיך ווי אויסגעדרוכט, אַז ער שטעלט אין
געפאַהר נישט נאָר דאָס גוטע רענאָמע, נאָר אפילו די צוקונפט פון
דער יודישער ליטעראַטור, איז אין דער עפענטליכער מיינונג פאָרגע-
קומען אַן איבערקעהרעניש. אַ גרופּע יודישע שריפטשטעלער, שטיצענ-
דיג זיך אויף דעם מעהר אינטעליגענטען טייל פון פובליקום, האָט
ערקלערט אַ קאַמפף דער ליטעראַטור, פון וועלכער שמ"ר איז געוועזן
איינער פון די בעדייטענדסטע פאָרשטעהער 1); נאָר די לאַגע פון

1] ש. ראַבינאָוויטש [שלום עליכם]: שמר'ס משפט [פערעפענטליכט אין
1887] און אין אַנדערע קריטישע אַרטיקלען וועגען ליטעראַטור, וועלכע ער האָט גע-
דרוקט אין זיין „יודישע פאָלקס-ביבליאָטהעק" אונטער דעם פסעודאָנים „ש. ביכע־פרע-
סער"; י. ח. ראַווניצקי [רבי-קצין]: אַ עסק מיט שנאַטעס, אַ רייהע אַרטיקלען—ליטע-
ראַרישע קריטיק—אין דער „ביילאַגע צום יוד. פאָלקס-בלאַט" 1888, ס"ט פעטערבורג;
דאָס זעלבע אין דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק", ב. I, ז. 299—342, אין

דער ראזיגער ליטעראַטור איז אָבגעשוואַכט געוואָרען נישט אַזוי פיעל איבער די דירעקטע אַנפאַלען אויף איהר, ווי דעריבער, וואָס צו דער צייט איז געשאַפען געוואָרען פאַקטיש אַ נייע ליטעראַטור, און אין פערגלייך מיט איהר זענען די פעהלערן פון דער ערשטער אַרויסגעטראָטען נאָך שאַרפער און אָבשטויסענדער.

ערשט אין דער נאָך־משכילישער עפּאָכע האָט די ליטעראַטור, אַ דאַנק די נייע, מעהר גינסטיגע בעדינגונגען, בעקומען אַן אמת בעדייטענדע ענטוויקלונג. דער יסוד און די אָבשטאַמונג גופא פון דער ליטעראַטור געפינען זיך אין דעם רעאַליסטישען ראָמאַן פון דער השכלה־עפּאָכע, וועלכע מיר וועלען בעטראַכטען אין דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל.

„יוקער", 1887 און אין „דאָס היילגע לאַנד", 1841.

VII.

ש. י. אַבראַמאָוויטש.

(מענדעלע מוכר ספרים).

די נישט-גינסטיגע בעדינגונגען, וואָס האָבען געשטערט דער נאָרמאַלער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור ביים סוף פון דער השכלה-בעוועגונג, האָבען דאָך נישט געקענט פערטילגען נישט די לעבענס-קראַפט, נישט דעם גייסט פון דער שפּראַך. נישט קוקענדיג אויף אַלע אָנפאַלען, וואָס זענען געווען געריכטעט געגען איהר, איז יודיש ווי פריהער, געבליעבען אַ פאָלקס-שפּראַך, אויף וועלכער ס'האָט גערעדט כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, אַריינרעכענדיג אַהער אַפילו די משכילים אַליין. די טיעפע אָריגינאַליטעט פון דער דאָזיגער שפּראַך פון אַנ'אייגענטליכען פאָלק מיט אייגענטימליכע זיטען, האָט נאָך נישט געהאַט די געלעגענהייט זיך אַרויסצעווייזען אין ליטעראַרישע קונסט-ווערק. דאָך האָט זי נישט אויפגעהערט צו עקסיסטירען און אָנצולאָקען שריפטשטעלער מיט אַנ'עכטען אינדיווידועלען טאַלענט. און מיר זעהען ווירקליך דעם גרעסטען שריפטשטעלער, וואָס די השכלה-עפּאָכע האָט אַרויסגעגעבען, ווי ער זאָגט זיך אָב פון די אידעען פון זיינע קאָלעגען וועגען יודיש און, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער עפענטליכער מיינונג, גיט ער זיך איבער דער יודישער ליטעראַטור, און נישט כדי צו פערגרעסערן די צאָהל פון דידאַקטישע ביכער, נאָר אום צו שאַפען ליטעראַרישע קונסט-ווערק אויף איהר, — קונסט-ווערק, וועלכע האָבען די שפּראַך מיט איין מאָל אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ הויך, וואָס האָט ביז דאַן זיך אויסגעדרוקט פאַר ריין אונמעגליך.

די ווערק פון ש. י. אבראמאָוויטש שטעלען פאָר אין דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור איינע פון די בעדייטענדסטע ליטעראַרישע געשעהעניששען. אבראמאָוויטש דער פאָרגענגער פון דער גלענצענדער און אָריגינעלער גרופּע שריפטשטעלער, וועלכע בעוויזט זיך ערשט מיט 20 יאָהר שפּעטער נאָכ׳ן 1880-טען יאָהר, איז זייער לייבליכער ליטעראַרישער פאָטער אָדער, ווי זיי רופען איהם אַליין, „זייער זיידע", און זיינע ווערק, פערנעהמענדיג דעם ערשטען אָרט לויט דער צייט, פערנעהמען עס אויך אפשר לויט דער אָריגינאַליטעט פון זייער אינהאַלט און די מעלות פון זייער פאָרם.

אויב עס איז אונז ערלויבט צו בענוצען זיך מיט דעם עפּיטעט בנוגע צו אַ שריפטשטעלער, וואָס לעבט נאָך מיט אונז, און ווען מיר ווילען בעשטימען אַם בעסטען דעם אָרט, וואָס אבראַמאָוויטש׳עס ווערק פערנעהמען אין דער יודישער ליטעראַטור, — מוזען מיר זאָגען, אז ער איז דער קלאַסיקער פון דער דאָזיגער ליטעראַטור.

אין אַנ׳אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ, וואָס ער האָט געשריעבען פאַר אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס אין העברעאיש 1), זאָגט אבראַמאָוויטש, דאָס זיין לעבען איז גלייך פון אָנהויב, ווי איינגעאָרדנעט געוואָרען דורך אַ געניטער האַנד אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט בעקומען אַלע נויטווענדיגע עלעמענטען און ידיעות, וועלכע ער האָט געדאַרפט, כדי צו בעשרייבען דאָס לעבען פון געטאָ. מיט אַ הומאָר, וועלכער איז אַזוי חאַראַקטעריסטיש פאַר איהם, שרייבט ער: „עס שיינט, דאָס ווי איך בין געבוירען געוואָרען, בין איך בעשטימט געווען צו ערפילען די ראָלע פון אַ שריפטשטעלער ביי מיין פאָלק, ביי מיין אָרים אונגליקליך פאָלק. און אום איך זאָל טאַקע בעקאַנט ווערען מיט דעם פאָלק אינגאַנצען, שוין גלייך פון אָנהייב, האָט גאָט געזאָגט: „געה, מיין פויגעלע, פליה איבער דער וועלט און זיי דער אונגליקליכסטער פון די אונגליקליכע, דער יוד צווישען די יודען".

און ווירקליך, אבראַמאָוויטש׳עס לעבען איז פערביי, ווי ביי אַלע יודען פון יענער צייט אין לערנען גמרא און אין קאַמפּף פאַר דער עקסיסטענץ. דאָך זענען אין לעבען ביי אַב. פאָרגעקומען איינגע אויסעראָרדענטליכע געשעהענישען און איינגע טראַפען, וועלכע האָבען געהאַט אַ ווירקונג אויף זיינע ליטעראַרישע ווערק.

ש. י. א. איז געבוירען געוואָרען אין אַ קליין שטעדטיל פון ליטוי

---

1) „ספר זכרון", אויסג. האסיף, 1889.

קאַפּול (מינסקער גוב.) אין 1836=טען יאָהר. זיין פאָטער איז אַפילו קיין גביר נישט געווען, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ בקי בתורה און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט און שכל, איז ער געווען פון די שענסטע און געעהרטסטע בעלי הבתים אין דער דאָרטיגער קהלה. אין זיין ראָמאַן „שלמה רב חיים׳ס" 2), וועלכער האָט אַן׳אויטאָביאָגראַפישען האַראַקטער, בעשרייבט אַבראַמאָוויטש מיט ריהרענדע ווערטער די פּאַטריאַרכאַלע פיגור פון זיין פאָטער, אַ יוד פון אַלטען דור, וועלכער האָט אָפט אויפגעוועקט פריה פאַרטאָג זיין קינד לערנען גמרא. ווי אַלע קינדער פון יענער צייט, איז אַבראַמאָוויטש פון אָנהויב געגאַנגען אין חדר, דערנאָך איז ער אַוועק קיין ווילנא און מינסק און האָט געלערנט אין די ישיבות. די ערִאינערונגען זיינע וועגען די יאָהרען, וואָס ער האָט פערבראַכט אין די ישיבות, די פריידען און ליידען, וואָס זיי האָבען איהם געגעבען, בילדען מעהרערע גלענצענדע זייטען אין זיינע ראָמאַנען.

ער איז נאָך קיין פערצעהן יאָהר נישט אַלט געווען, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען. זיין מוטער איז געבליבען אָהן מיטלען מיט אַ פאַמיליע אויף די הענד, און האָט באַלד חתונה געהאַט אַ צווייטען מאָל מיט אַ יודען, וואָס האָט געהאַלטען אין ארענדע אַ וואַסער=מיהל, וועלכע איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון אַ גרויסען טייך, אין מיטען וואַלד, און די גאַנצע פאַמיליע איז אַריבערגעגאַנגען וואוינען אין קליינעם הייזעל, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער מיהל. די איינוואוינער פון דער מיהל האָבען קיין אַנדערע שכנים נישט געהאַט, ווי נאָר איינינע פויערשע פאַמיליעס, וואָס האָבען געוואוינט אויף יענער זייט טייך.

די יאָהרען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פערבראַכט אין דער דאָזיגער איינפאַכער און נאַטירליכער סביבה, האָבען געהאַט אַ טיעפע ווירקונג אויף דער פאָעטישער נשמה פונ׳ם יונגעל. ער האָט ווייטער גענומען לערנען גמרא, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען אין חדר און אין די ישיבות, דאָך האָט ער אָפט ארומגעבלאָנדזשעט איבער׳ן וואַלד, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דער נאַטור און צוגעהערט זיך מיט אַן׳אָפענעם אויער צו אַלע גערוישען, וואָס האָבען זי אָנגעפילט.

„מיין מוזע, שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, מיין אמת=

2) שלמה רב חיים׳ס, אַ בילד פון יודישען לעבען אין דער ליטוי, פון מענדעלע מוכר ספרים. אויסגאַבע „מענדעלע", געזאַמעלטע שריפטען ב. II, וואַרשוי 1910.

געליעבטע מוזע, וועלכע האָט געמאַכט, אַז איך זאָל שליעסען פריינדשאַפט מיט די בוימער, פויגלען און די באַבעלעך אויף דער ערד, האָט זיך מיר בעוויזען טאַקע בשעת מיין איפּענטהאַלט אויף דער איינזאַמער און פערלאַזענער מיהל". אַ דאַנק דער פריינדשאַפט האָבען מיר איצט די אָריגינעלסטע בעשרייבונגען פון דער נאַטור, וועלכע עקסיסטירען אין דער יודישער ליטעראַטור.

דערווייל זענען די יאָהרען אַוועק און מען האָט געמוזט אָנהייבען טראַכטען וועגען דער צוקונפט פון דעם יונגען גמרא-למדן. דורך אַ צופאַל איז איהם אויסגעקומען דורכצומאַכען אַ טשיקאַווען לעבען. איינער אַ יוד, אַ קאַפּולער אײנוואוינער, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט'ן נאָמען אברהם'על דער הינקעדיגער, האָט זיך צוריקגעקעהרט אין שטעדטיל נאָך אַ לאַנגען אויפענטהאַלט אין די דרום-רוסישע פּראָווינצען; ער האָט אָנגעדערצעהלט נוזמאות'דיגע מעשות וועגען רייכטום און גוטסקייט פון די יודען, וואָס האָבען געוואוינט אין יענע קאַנטען, און האָט גערופען זיינע צוהערער, אויסצוּוואַנדערן אַהין מיט איהם. דאָס איז גראָד געווען די עפּאָכע, ווען פיעלע יודען פון דער אָרימער און אָבגעשוואַכטער ליטוי זענען אַוועקגעגאַנגען אין די פּראָווינצען פון וואָלין און פּאָדאָל, וואו דער גרעסטער טייל זענען אָנגעקומען אַלס מלמדים אין די הייזער פון די רייכערע אָרטיגע יודען, וועלכע זענען נישט געווען אַזוינע בקיאים אין תורה. אַבראַמאָוויטש'עס אַ מוהמע, וואָס האָט אין פערלויף פון אַ לאַנגער צייט געמאַכט אומזיסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו ענטדעקען דעם אויפענטהאַלט'ס-אָרט פון איהר מאַן, וועלכער איז אין אַ שענעם טאָג אַוועק און האָט נישט מעהר געלאָזט פון זיך הערען, האָט צום סוף בעשלאָסען, הערענדיג אברהם'עלס מעשות, זיך אַוועקצולאָזען זוכען איהר מאַן אין דעם פון „דאָס-ניי ענטדעקטען" לאַנד. זי האָט נישט נאָר מיטגענומען אברהם'על דעם הינקעדיגען, וועלכער איז געווען אַ מין אָנפיהרער פון דער עקספּעדיציע, ווייל ער האָט געוואוסט דעם וועג און האָט געהאַט אַנ'איינענעם פערד און בויד, נאָר האָט אויך מיטגענומען איהר פלעמעניק, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַכצעהן יאָהר.

אַבר., זייענדיג אָרים און אַרומגעהענדיג ליידיג, האָט אויך זיך פּעראינטערעסירט מיט דער פּערספּעקטיווע וועגען רייכטימער און גוטסקייט, וואָס אברהם'על האָט קונציג פאַרגעשטעלט אין געשילדערט פאַר זיינע פערבלענדעטע אויגען. די אילוזיע פון דער מוהמען און פון פלעמעניק האָט, פערשטעהט זיך, לאַנג נישט געדויערט. ווי זיי האָבען זיך נאָר דערוויטערט פון זייער געבורטס-שטאָדט, האָבען זיי נישט פער-

פערזוימט זיך צו איבערצייגען, דאָס דער אמת'ער ציעל פון דעם מענשען, וועלכע זיי האָבען זיך אָנפערטרויט, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אויסצוניצען זיי פון זיין טובה וועגען; ער האָט זיי גענויט, צוקלייבען נדבות און איהם אָוועקצוגעבען דאָס געלד.

די אָרימע פרוי האָט אַלעמאָל אַרויסגערופען צו זיך דעם רחמנות פון די יודישע פרויען, ווייל זי איז דאָך געווען אַן'עגונה, און, דאָס זי איז צוזאַמען מיט דעם יונגען אָרימען לערנער ווירקליך געוואָרען אַ פראָדוקטיווע עקספּלואַטאַציע אין די הענד פון היטרען אברהם'על. לאַנג זענען זיי אַזוי אַרומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, שטענדיג אין דער דרום-ריכטונג, מאַכענדיג גרויסע אומוועגען, וואָס האָבען געפּאַסט פאַר אברהם'עלס רעכנונגען. די פרוי האָט געהאָפט צו געפינען אויף'ן וועג פון איהרע נסיעות איהר פערלוירענעם מאַן; דער יונגער-מאַן, ווידער, האָט מורא געהאַט, זיי צו פערלאָזען און צו בלייבען גאַנץ אַליין אין אַן'אומבעקאַנטען לאַנד.

אַ גליקליכער צופאַל האָט איהם מיטגעהאָלפען אַרויסצוראַטעווען זיך פון זיין שווערער לאַגע. איינמאָל האָט זיך דער וואָגען, — אין וועלכען ער איז געזעסען צוזאַמען מיט זיין מוהמען און אברהם'לען און וועלכער האָט געדאַרפט פערלאָזען די שטאָדט קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, — צוזאַמענגעטראָפען מיט אַן'אַנדער וואָגען, וואָס איז געפאָהרען אַנטקעגען. אבראַמאָוויטש האָט איינפאַך נישט געגלויבט זיינע אויערן, ווען ער האָט דערהערט מיט אַמאָל, ווי עס רופט אים זיין נאָמען איינער פון די פּאַסאַזשירען, וואָס זענען געזעסען אין דעם צווייטען וואָגען. דער מענש, וואָס האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען, איז געווען זיינער אַ געוועזענער חבר, וואָס האָט איהם יעצט דערקענט.

דאָס וואַנדער-לעבען האָט אויפגעהערט. מיט זיין חבר האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין דער שטאָדט, וועלכער ער האָט זיך געקליבען צו פערלאָזען; די בעזונדערע וועלט פון די יודישע בעטלער, וועלכע ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו בעאָבאַכטען ביז די קלענסטע איינצעלהייטען אויף זיין רייזע מיט אברהם'על דעם הינקעדיגען, האָט ער נאָכדעם בעשריבען אין איינעם פון זיינע בעסטע ראָמאַנען: „פישקע דער קרומער"; [1]

---

1) „פישקע דער קרומער", אַ מעשה פון יודישע אָרעמע לייט, און ש. י. אַבראַמאָוויטש [מענדעלע מוכר ספרים]. פערלאַג „מענדעלע", געזאַמעלטע שריפטען, ב', וואַרשוי, 1910.

דער נאָמען איז איהם קענטיג אריין אין מוח, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט אָן דעם מענשען, א דאנק וועלכען ער האָט בעקומען כמעט אַלע קענטעניסען פון אַ יודישען קבצנ'ישען לעבען״.

אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק איז אבראַמאָוויטש בעקאַנט געוואָרען מיט דעם העברעאישען און יודישען פּאָעט גאָטלאָבער, וועלכער איז געווען לעהרער אין אַ מלוכה־שול פאַר יודישע קינדער. אונטער דער לייטונג פון דעם פּאָעט'ס עלטערער טאָכטער, האָט זיך אונזער יונגער פּאָעט גענומען לערנען מיט התמדה די רוסישע און דייטשע שפראַך און זייער ליטעראַטור.

אין 1856־טען איז ער געוואָרען אַ לעהרער אין דער מלוכה־שול אין קאַמענעץ, און שפּעטער אַהין האָט ער זיך בעזעצט אין בערדיט־שעוו. זיין בוך אָבער „די טאַקסע״, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1869־טען יאָהר און אין וועלכען ער קריטיקירט געוויסע חסרונות פון קהל'שען לעבען, האָט אַזוי אויפגעבראַכט געגען איהם די תקיפים פון דער קהלה, דאָס, כדי אויסצומיידען זייערע רדיפות האָט ער פער־לאָזען די שטאָדט און איז אַוועק קיין זשיטאָמיר, וועלכע איז צו דער צייט געווען דאָס צענטרום פון דער השכלה. אין 1881־טען יאָהר איז ער געוואָרען דער דירעקטאָר פון דער תלמוד־תורה אין אָדעס; די שטעלע פערנעהמט ער נאָך עד היום. אין 1885־טען יאָהר האָבען זיינע פריינד און פערעהרער געפייערט דאָס פינף־און־צוואַנציגסטע יובילעאום פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט 3). היי־יאָהר (1912) איז מיט גרויס פּאַ־ראַד און בעגייסטערונג געפייערט געוואָרען דאָס 75־יאָהריגע יובילעאום פון אבר.־'ס געבורטסטאָג. דער יום טוב האָט געדויערט דריי טעג און האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע יודישע קלאַ־סען.

די ערשטע ווערק, וואָס אבראַמאָוויטש האָט פערעפענטליכט, זע־נען געשאַפען געוואָרען אין העברעאיש: זיי בעהאַנדלען בעזונדערס פראַגען פון פּעדאַגאָגיק און ליטעראַטור. דער פערפאַסער האָט אַ גרויסע פערדיענסט פאַר דער בית־המדרש־יוגענד דורך דער „נאַטור־געשיכטע״, וועלכע ער האָט איבערזעצט אָדער בעסער איבערגעאַרבייט פון דייטש

1] זעהט א. ב. גאָטלאָבער, זכרונות [ערינערונגען איבער יוד. שרייבער און ספרים] אין דער יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק.

2] זעהט „וואָסחאָד״, 1884. דעצעמבער: ל. בינשטאָק, אַ יום טוב פאַר דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור.

אין העברעאיש 1). איין ראָמאַן, וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין העברעאיש (די טאַטעס און די קינדער, זשיטאָמיר, 1868) און וואָס האָט געזאָלט בעשרייבען דעם קאַמפף צווישען דעם אַלטען און נייען דור ביי יודען, האָט געהאַט נאָר אַ מיטעלמעסיגען ערפאָלג; ער האָט נאָר אַ היסטאָרישען ווערט.

ערשט נאָר אין די יודישע ראָמאַנען ווייזט זיך אַרויס צום ערשטען מאָל די גאַנצע קראַפט און די גאַנצע אָריגינאַליטעט פון אַבראַמאָוויטשעס טאַלענט. אין דעם אויטאָביאָגראַפישען נאָטיץ, וועלכען מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו ציטירען, דערצעהלט ער אונז אַליין איבער די מאָטיווען, וועלכע האָבען איהם געצוואונגען, איהם — דעם משכיל, צו צורייסען דעם בונד מיט אַלע אידעען, וואָס האָבען געהערשט אין זיין סביבה וועגען יודיש, און וועגען דעם אינערליכען קאַמפף, וואָס ער האָט געמוזט דורכמאַכען, בעפאָר ער האָט זיך בעשלאָסען צו ווערען אַ „זשאַרגאָנישער" שרייבער. די ערצעהלונג איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש ווי פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון אַבראַמאָוויטש'ען אַליין, אַזוי אויך פאַר דעם אַלגעמיינעם גייסט פון דער עפאָכע, צו וועלכער עס געהערט זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט, דאָס מיר געפינען פאַר אינטערעסאַנט צו ציטירען דאָ איינגע שטעלען:

„אָט בין איך", זאָגט ער, אַרויסרופענדיג זיינע ערינערונגען וועגען די צווייפלען, וואָס האָבען איהם געדריקט אין דעם ענטשיידענדיגען מאָמענט פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע; „אָט בין איך — דער, וואָס האָט געזוכט אַריינצודרינגען אין דאָס אינערליכע לעבען פון פאָלק, אום דערנאָך צו בעשרייבען עס אין דער ביבלישער שפראַך. איז דען אָבער נישט אמת, אַז דער גרעסטער טייל פון מיין פאָלק פערשטעהט גאָרנישט די שפראַך און קען נאָר דעם „זשאַרגאָן"? צו וואָס נוצט די גאַנצע אינטעלעקטועלע און פיזישע אַרבייט פון אַ שרייבער, ווען זיין פאָלק האָט פון דעם גאָרנישט? און מיך פערפאָלגט אָהן אויפהער די פראַגע: „פאַר וועמען אַרבייט איך דען?" אונזערע שריפטשטעלער בעטראַכטען דעם „זשאַרגאָן" פון אויבען אַראָב און האָבען איהם נאָר פעראַכטעט. און אויב ער לאָזט זיך שוין אַראָב אַזוי נידעריג, דאָס ער שאַפט עפּעס אין דער פעראַכטעטער שפראַך, — טוט ער אַלעם מעגליכעס, אַז עס זאָל בלייבען בסוד די מעשה, וועלכע קען אָבשוואַכען זיין כבוד צווישען לייטען. דער געדאַנק,

1) תולדות הטבע, 4 בענדער, 1892—1871 נאָך לענץ.

אַז שרײַבענדיג אין יודיש װעל איך אױפהײבען נעגען מיך די עפּענטליכע מײנונג, האָט מיך זעהר בעאונרוהיגט, נאָר דאָס בעװאוסטזײן, אַז מײן טאַט איז נוצליך, האָט ענדליך אַרױסגערופען אין מיר אַ טיעפע בושה, װאָס איך טראַכט גאָר װעגען אַזעלכע זאַכען, און איך האָב צו זיך אַלײן געזאָגט: זאָל זײן װאָס עס װעט זײן! איך װעל קעמפּפען אין דער ערשטער רײהע פאַר „זשאַרגאָן" און איך װעל דינען מײן פאָלק" 1). אַבראַמאָװיטש האָט זיך גענומען שאַפען אין יודיש דערפאַר, װײל איהם האָט דערצו געשטופּט דער געדאַנק, צו זײן נוצליך דער מעהרהײט פון זײנע ברידער און שװעסטער. עס איז אפשר אױך ריכטיג, װען מען זאָל זאָגען, דאָס אױסער דעם אוטיליטאַריסטישען מאָטיװ, האָט איהם אױך דער אונבעװאוסטזיניגער אינסטינקט פון אַ קינסטלער געשטופּט צו בעשרײבען דאָס מאַלערישע לעבען פון יודען אױף דער זעלבער שפּראַך, אין װעלכער דאָס דאָזיגע לעבען האָט הױפּטזעכליך זיך אַרױסגעװיעזען.

דער ראָמאַן, מיט װעלכען אַבראַמאָװיטש איז צו ערשט אַרױס אין דער יודישער ליטעראַטור, איז געװען: „דאָס קלײנע מענשעלע אָדער די לעבענס-בעשרײבונג פון אברהם יצחק תקיף"; ער איז פערעפענטליכט געװאָרען צום ערשטען מאָל אין דעם יודישען זשורנאַל „קול מבשר", װעלכער האָט אָנגעהײבען צו ערשײנען אין אַדעס אין 1863-טען יאָהר אונטער דער רעדאַקציע פון צעדערבױם'ען, דער רעדאַקטאָר פון דער העברעאישער צײטונג „המליץ". אין דעם ראָמאַן, װי אױך אין דער פינף-אַקטיגער דראַמע: „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט-בעלי טובות", װאָס איז פערעפענטליכט געװאָרען אין 1869, קריטיקירט ער ביטער די תקיפים פון דער יודישער קהלה און בעזונדערס די, װאָס האַלטען די קאָראָבקע. אײנער פון די מעהר בעקאַנטע גבאים פון אַ יודישער קהלה דערצעהלט אין דעם „קלײן מענשעלע", אין דער פאָרם פון אַן'אױטאָביאָגראַפיע, װי אַזױ ער האָט דערגרײכט צו פערנעהמען צװישען זײנע שטאָדט-לײט אַזאַ בכבודי'גע לאַגע. פון קינדהײט אָן האָט ער זיך געלערענט מיט התמדה די תורה, װי אַזױ צו זײן אַ „קלײן מענשעלע", צו חנפה'ענען די שטאַרקע, צו דריקען די שװאַכע, נישט אָבשטעלען זיך פאַר קײן זאַך, װאָס איז נוגע זײנע עגאָאיסטישע אינטערעסען, אַלעמאָל אַרױסשטעלען זיך פאַר אַ בעל-טובה, פאַר אַ מענשען, װאָס טראַכט נאָר װעגען טובת הכלל. אין „דער טאַקסע"

1) „ספר זכרון" אויב. צײט.

װערט אַרױסגעריהרט שױן נישט אײן מענש, נאָר אַ גאַנצע באַנדע „בעלי טובות". אַ ספּאָדיק, אַ תּם, אַ שאַנדהאַפטער בעל־תּכלית, און אַלע זײערע מקורבים האָבען קײן אַנדערע בעשעפטיגונג נישט, װי כּלל־ענינים און קײנמאָל לעגען זײ ב"ה דערבײַ נישט צו. קײנער האָט זײ נישט געװעהלט; זײער אײנציגעס רעכט, װאָס זײ האָבען צו עקספּלואַטירען דעם עולם, איז דאָס, װאָס זײ זענען „שענע יודען", ד. ה., יודען, װאָס קענען לערנען, זענען בני רחמנים, יראי שמים אָדער, בעסער געזאָגט, װאָס פֿערשטעלען זיך פֿאַר גרױסע פֿרומאַקעס.

יעדער אײנער, װאָס װיל װערן צוגערעכענט צו זײער קאָמפּאַניע, מוז פֿאַר אַלע אױפֿװײַזען, אַז ער איז אױך אַ „שענער יוד". לאָזט מיך אױך אָבלעקען אַ בײן, בעט זיך אײנער פֿון זײ מיט טרערען אין די אױגען, בין איך דען אױך נישט אַ „שענער יוד?" אין ספּאָדעק'ען 1) האָט אַבראַמאָװיטש אונז געװיזען אַ מענשען, װאָס בעזיצט אַ זעלטענעם כּח און געשיקטקײט. קײנמאָל נישט, אפילו אין די סאַמע קריטישע לאַגען, פֿערליערט ער נישט זײַן קאַלטבלוטיגקײט, קײנמאָל נישט, אפילו פֿאַר זײַנע חברים װעט ער נישט אױפֿהױבען צו הױך זײַן קול: לײַדט ער דען נישט פֿון פֿערשיעדענע מיחוש'ען, אײדעלע קראַנקהײטען? דאָס איז דאָך אײנער פֿון די װיכטיגסטע אַטריבוטען פֿאַר אַ „פֿײַנעם יודען"; בעזונדערס אָבער הערט ער נישט אױף צו זיפֿצען, קרעכצען און פֿערגיסען טרערען אױף דעם ביטערן לאַנגען גלות. און װאָס טיפֿער עס איז דער קרעכץ, װאָס מעהר טרערען עס גיסען זיך, אַלץ שטאַרקער איז דער קלאַפּ, װאָס ער דערלאַנגט. אױף אַנ'אספה פֿון די „בעלי טובות", האַלט מען זיך אַנ'עצה, װאָס מען זאָל טאָן מיט די 100,000 רובל, װאָס די רעגירונג האָט, לױט זײער ביטע, צוגעשיקט אױף די בעדערפֿנישען פֿון דער קהלה מען הוליעט, מען איז פֿרעהליך, װי אױף עפּעס אַ שמחה, יעדערער װײַזט אָן די סומע, װאָס די שטאָדט איז „איהם שולדיג", ערשט מיט אַמאָל קומט אָן די בשורה, אַז די רעגירונג האָט אַרױסגעשיקט אַ רעװיזאָר צו רעװידירען די חשבונות און די ביכער אין דער דומע. בעקומענדיג די דאָזיגע מיאוס'ע בשורה, װערט ספּאָדעק זעהר אימעטיג: „אח, זעהר אַ שװערער גלות! אָט האָט איהר אַ רעװיזאָר! מיר זענען בעונותינו הרבים אין גלות, השי"ת זאָל רחמנות האָבען!" און מיט אַ װעניגער טרױעריגען, אָבער מעהר בעדײַטונגספֿולען טאָן לײגט

---

1) ספּאָדעק איז דער העלד פֿון „דער טאַקסע".

ער צו: „עס וועט מסתמא מיט גאָט׳ס הילף זיין רעכט. פערשטעהט איהר?״ „מיר פערשטעהען״, ענטפערט די גאַנצע כנופיא [1]. אין זיי האָבען איהם גוט פערשטאַנען: ענדליך, איז דער רעגירונגס־בעאַמטער אויך מעהר נישט ווי אַ מענש, און מען קען דורכקומען מיט דער גאַנצער וועלט...

אַבראַמאָוויטש האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע שילדערונגען פון דער פאָלקס־מאַסע: אַרבייטער, בעלי מלאכות, און אַלע די, וואָס ליידען און מוזען טראָגען אויף זייערע פלייצעס אַלע אָבצאָהלען, העלבע זענען געשאַפען געוואָרען דורך די „שענע יודען״, דאָס גוטמוטיגע פאָלק, וואָס האָט ליעב שענע פראַזען, רעדט אויף אַ מאַלערישער און בילדער־פולע שפּראַך, קומט לייכט אַריין אין כעס, אָבער עס פעהלט איהם צו דער זעלבער צייט אָרגאַניזאַציע, עהרליכע פיהרערס; נאָך אַ מאָמענט אויפרעגונג, ווערט עס באַלד דערשראָקען, פאַלט אַריין אין זיין אַלטער אַפּאַטיע און הויבט אָן, ווי פריהער, צו בעקומען „טובות״ פון די פיעלע, פיעלע „ספּאָדעק׳ס״.

דער פּאָזיטיווער העלד אין דער דראַמע איז פאָרגעשטעלט אַלס אַ יונגער משכיל מיט נאָמען וועקער, אַ געוועזענער געשעפטס־פיהרער ביי ספּאָדיק׳ען, וועלכער—זייענדיג אויפגערעגט פון די עולות, וואָס עס טוט אָב דער ראש הקהל, און געריהרט דורך די סצענעס פון עלענד און שמערצען, וועלכע ער האָט צוגעזעהן—ערקלערט אַ קאַמפּף די אַלע בעלי טובות און אין זיינע עפענטליכע רעדעס רופט ער דאָס פאָלק, עס זאָל אויפשטעהן און אַראָבוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון די פּאַראַזיטען, וואָס עקספּלואַטירען איהם. צום אונגליק אָבער האָט ער באַלד פערלוירען זיין מוט צוליעב די מפּלות, וואָס האָבען זיך נאָכאַנאַנד געשאָטען אויף זיין פּראָפּאַגאַנדאַ, צוליעב דער עם הארצות פון אַלע אַרומיגע. ער האָט פערלאָזען די שטאָדט און, לויט דער עצה פון זיין פריינד פּיקהאָלץ, איז ער אַנגעקומען אין אוניווערזיטעט און איז געוואָרען אַ נוצליכער מענש פאַר דאָס פאָטער־לאַנד און פאַר אַנדערע מענשען.

וועקער איז אַוועקגעגאַנגען כדי קיינמאָל נישט צוריקצוקומען, ער האָט אָבגעטרייסעלט פון זיינע פיס דעם שטויב פון זיין געבורטס־שטאָדט און האָט זיך מיט איהר געזעגענט אויף שטענדיג. ער טרייסט זיך ענדליך מיט דער האָפנונג, אַז די גוטע, רחמנות׳דיגע און ערעלע

---

1) „די טאַקסע״ אַקט II, דריטע סצענע.

רעגיערונג וועט ווען ס'איז אַריינוואַרפען אין שטאָדט איהר באַרמהערציגען און גערעכטיגען בליק, וועט זי נעהמען אונטער איהר שוץ, דערביי וועט זי פערטיליגען אַלע אונרעכטען און וועט איינפיהרען אָרדנונג און יושר.

דער קאַמפף געגען די „שלעכטע פאַסטוכער" איז די טענדענץ פון „קליינעם מענשעלע" און פון „דער טאַקסע", וועלכע חזר'ט זיך איבער אין אַלע אַבראַמאָוויטש'עס ווערק. פון וועלכער זייט ער זאָל נישט אַ קוק טאָן, זעהט ער שטענדיג די בעלי טובות, די שענע יודען, וועלכע האָבען אַרויפגעלעגט אָבצאָהלונגען אויף די נייטווענדיגסטע לעבענס-מיטלען, אַרויסגעריסען די שפּייז פון פאָלק'ס מויל, האָבען פערשוועכט זיין געזונד און דאָס געזונד פון זיינע קינדער. אין די דאָזיגע צוויי טענדענציעזע שריפטען זעהט אַבראַמאָוויטש, ווי עס שיינט, דאָס גאַנצע שלעכטס פון דעם יודישען לעבען נאָר אין די חסרונות פון דער קהלה און די רעטונג — אין'ם קאַמפף געגען די שלעכטע פיהרער; שפּעטער אַהין, אין זיינע אַנדערע ביכער זעהען מיר, ווי ער שטעלט די פראַגע ברייטער און צוגליעדערט זי מיט אַזאַ טיעפקייט, וואָס איז ביז דאַן נאָך גאַנץ אונבעקאַנט געוועזען אין דער משכילישער ליטעראַטור.

אין דעם בוך: „די קליאַטשע אָדער צער בעלי החיים. אַ מעשה, וואָס האָט זיך פערוואַלגערט צווישען די כתבים פון ישראל'יק דעם משוגענעם ביי מענדעלע מוכר ספרים", האָט ער געשאַפען אַן אַלעגאָרישע פּאָעמע פון דעם יודישען לעבען, וועלכע שטעהט אויף אַ מערקווירדיג הויכער שטופע.

ישראל'יק איז אַ יונגער מאַן, וואָס, אָנשטרענגענדיג זיך פון פאָרבערייטען זיך טאָג און נאַכט צו די אוניווערזיטעטס-עקזאַמענס, איז ער געקומען צו אַזאַ נערוועזען צושטאַנד, דאָס ער האָט אָנגעהויבען צו האַלוצינירען. איינמאָל, שפּאַצירענדיג הינטער'ן שטאָדט, האָט ער בעאָבאַכטעט אַ בילד, וואָס האָט אויף איהם געמאַכט אַ געוואַלטיגען רושם. אַן אָרימע מאָגערע קליאַטשע, דער קערפּער בעדעקט מיט וואונדען און קויט, לויפט פאַר איהם פאָראיבער אין גאַלאָפּ, און פון הינטען לויפט איהר נאָך אַ גאַנצע באַנדע גאַסען-יונגלעך, וועלכע וואַרפען אויף איהר שטיינער, שרייען, פייפען, רייצען אויף איהר אַן הינט. ישראל'יק בעקומט שטאַרק מיטלייד מיט דער אָרימער בהמה, געפינט פאַר זיין חוב אַריינצומישען זיך פון איהר טובה וועגען, נאָכמעהר דערפאַר, וואָס ער איז זייט לאַנג שוין געוועזען אַ מיטגליעד אין דער חברה צער בעלי חיים. אַלע זיינע בעמיהונגען אָבער

איינצוהאַלטען די גאַסען־זונגלעך בלייבען אומזיסט . איניגע לויפען ווייטער און מאַכען זיך גאָרנישט הערענדיג די ביטעס און סטראַשונקעס, מיט וועלכע ישראל'יק האָט זיך צו זיי געווענדעט ; די אַנדערע ווידער, וועלכע האָבען שוין די טובה געטאָן און זיך אָבגעשטעלט אַ רגע, ענטפערן איהם, דאָס די קלאַטשע פערדיענט איהר מזל ; פאַשענדיג זיך אויף די לאָנקעס, ריהרט זי אָן די פאַשע פון די דאָרף־בהמות.

אומזיסט ווייזט זיי אָן ישראל'יק, אַז זייער כעס געגען דער אָרימער אונגליקליכער בהמה איז שרעקליך און אונגערעכט. זעהען זיי דען נישט, ווי די אַריסטאָקראַטישע בהמות, די, וואָס אַרבייטען נישט און האָבען נאָר איין בעשעפטיגונג : עסען, בענוגענען זיך נישט מיט זייער שפּאַציער איבער די לאָנקעס, נאָר זיי קריכען נאָך אַרום אויף די פעלדער און צוטרעטען מיט זייערע פיס דאָס האָב פון דער מענשליכער אַרבייט ? אַ פערטרויערטער, מיט אַ האַרץ, וואָס ווערט צופּרעסט פאַר מיטלייד און רחמנות, בלאָנדזשעט ישראל'יק אַרום איבער'ן וואַלד. ער געהט זוכען אין שטאָדט אַ בינטעל היי, וועלכען ער טראָגט דערנאָך אַוועק דער פערפאָלגטער בהמה. ער געפינט די לעצטע אין אַ גרובען, פערזונקען ביז'ן האַלז אין קויט, אַ פער'חלש'טע, הוילע הויט און ביינער, און, ווען נישט דאָס אָטעמען, וואָס בעלעבט אַביסעל איהרע זייטען, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָ ליעגט אַ נבלה. ישראל'יק זאָגט איהר איניגע טרייסט־ווערטער און לעגט איהר די היי אונטער די צייהן, נאָר ווי פערוואונדערט און דערשראָקען ווערט ער, ווען ער דערהערט מיט אַמאָל, ווי די קליאַטשע הויבט אָן צו איהם רעדען אויף אַ מענשליכער שפּראַך ! אַלע מעשות און ערצעהלונגען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגען שדים, קומען איהם אַרויף אויפ'ן זינען און ער רעלענט, אַז ער איז שוין אַ פערפאַלענער.

די קלאַטשע, וועלכע האָט פערשטאַנען, אַז ער איז דערשראָקען, בערוהיגט איהם מיט איניגע ווערטער. איז עס דען צום ערשטען מאָל, ווי אַ בהמה רעדט ? און בלעם'ס עזעל און אַנדערע ? און אויסערדעם, זאָגט זי ווייטער, רעדט מיט איהם גאָרנישט קיין קליאַטשע.

„אויף מיר — דערצעהלט ישראל'יק דער משוגענער אין זיינע פאַפּיערען — קוקען אַ פּאָר אויגען, וועלכע דריקען אויס ליידען, מידקייט און איינעם מיט אַ געבעט און גוטסקייט אָהן איין עק. עפּיס טאַקע נאָר אויגען פון אַ שלאָפען, אונגליקליכען, אומזיסט בעליידיג־

מען, געקרענקטען מענשען, וואס קוקט אויף איטליכען שוויינענדיג שטיל, און איטליכער קוק זיינער דערצעהלט זיינע אינווענינגסטע וועהמינען; איטליכער בליק רעדט, שרייט געוואלד, בעט רחמים און רייסט אוים א שטיק הארץ. איך קוק און קוק — וואס קליאטשע, וועז קליאטשע! פאר מיר איז נאר א מענשליך פנים, ווי, וואס, פון וואנען פלוצים א מענש, עפים אזא פערזעהעניש?!

— שוין לאנג איז דאס אזוי?

— אי, לאנג ווי דער גלות." 1)

און, אויף דער ביטע פון ישראל'יקען, דערצעהלט איהם זיין משונה'דיגער בעל-לשון די געשיכטע פון זיין לעבען. די היינטיגע קליאטשע איז א געוועזענער בן מלך, וואס שונאים-מכשפים האבען פארשטעלט פאר א בהמה, שוין לאנג, לאנג, ווי זי וואנדערט ארום איבער דער וועלט, ווער עס קען נאר גיט איהר א קלאפ, א זעץ, אייביג געהט זי נאך, ווערט עקספלואטירט פון יעדערן און פערפאלגט איבעראל; פאר איהר פאסט טאקי דער נאמען: „די אייביגע קליאטשע".

עס איז שוין לאנג נאכט געוועזען, ווען ישראל'יק האט זיך גע-זעגענט מיט דער קליאטשע; דאס איז אבער נישט געוועזען זייער לעצטע בעגעגעניש. אויף די עקזאמענס איז ער דורכגעפאלען; זיין נערוועזער צושטאנד האט זיך פערערגערט, און ווען ביי איהם זענען ווידער פארגעקומען האלוצינאציעס, האט ער פון דאס-ניי דערזעהן „די בידנע שקאפע", שטענדיג א פערפאלגטע און א צושלאגענע. ער טרייסט זי און וויל זי רעטען; ענדליך, בעווייזט זיך איהם דער אשמדאי אליין, א פארשטעלטער מיט א מילדען אויסזעהען. דער אשמדאי האט ישראל'יקען א נעהם געטאן, צוגעבונדען צו זיין מאנטעל און זיך אויפגעהויבען מיט איהם גאנץ הויך אין דער לופטען, פון וואנען ער, ישראל'יק, האט מיט איין בליק געקאנט אויפדעקען אלץ, וואס קומט פאר אויף דער וועלט. ער האט זיך פארדעקט דאס פנים, בשעת ער האט דערזעהן אלע עולות, אונגערעכטיגקייטען און ווילדע מעשים, וואס שפיעלען זיך אב אויף דער ערד און דער אשמדאי האט איהם ערקלערט, מיט וועלכע מיטלען איהם געלינגט צו בעהערשען דעם מענשען און בעזונדער צו מאכען, דאס מען זאל שטענדיג פערפאלגען די „אייביגע קליאטשע".

---

1) Jbidem ז. 18.

אָבער צוריקקעהרענדיג זיך אין זיין מלוכה, האָט דער אשמדאי בעקומען אַ טרויעריגע נאָכריכט: עס איז געשטאָרבען איינער פון די יודען, וואָס קענען אַמבעסטען עקספּלואַטירען די קליאַטשע, אַ "שעַ-נער יוד", אַ "בעל-טובה". דער אשמדאי איז אָבער באַלד טאַקי גע-פאַלען אויף אַ שכל: ישראל'יק וועט ווערען אַ ממלא מקום פון דעם פערשטאָרבענעם שענעם יודען, ער וועט ווערען אַ בעל טובה אויף יענעם'ס אָרט. דער אשמדאי גיט איהם די קליאַטשע, אויף איהר זאָל ער וואָס גיכער רייטען אין דער שטאָדט צו זיין אַ בעל טובה; די קליאַטשע איז זעהר אַ פאַקאָרנע, און באַלד וועט ער זיין אַזאַ רייטער ווי די אַנדערע. געצוואונגען דורכ'ן אשמדאי, האָט ישראל'יק איינ-געשטימט, און איז שוין געזעסען ביי איהר אויפ'ן קארק; ערשט מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער שקאַפּעם האַרצען, און ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט וועגען איהר אונגליקליכען, ביטערן מזל. ער שטעלט זיך דעם אשמדאי אַנטקעגען און ענטזאָגט זיך, צו געבען די נויטיגע שבועה. דער אשמדאי איז געוואָרען פלאַם פייער, האָט איהם אָנ-גענומען ביי די האָר און מיט אַלע כחות אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד.

— "אַח, מיר פאַלען, מיר פאַלען!... האָב איך קוים מיט צרות אַ געשריי געטאָן.

— נישקשה! האָט מיר די קליאַטשע נאָכגעשריען, אַז איך פאַל, שטעה איך אויף, נישט איינמאָל בין איך שוין אַזוי געפאַלען און פאָרט נישט פאַרפאַלען. 1)

אויפעפענענדיג די אויגען, האָט ישראל'יק דערזעהען, אַז ער ליעגט אויסגעצויגען אויף דער דיל, נעבען בעט. די מאַמע זיינע ווייגט און העלפט אונטער עפּיס אַנדערע מענשען אויפצוהויבען איהם פון דאָרט.

דער אַלעגאָרישער געדאַנק, וואָס הערשט אין דער שאַפונג פון דער "קליאַטשע" און וואָס בעשטעהט אין דעם, אַז דאָס יודישע פאָלק ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ פערשטעלטער בן מלך, איז געוויס נישט נייַ. 2) נאָר דאָס אויסגעצייכענטע און גלענצענדע פון דעם בוך בעשטעהט אין דער שטאַרקער אויפפאַסונג פון דעם יודישען פראָב-

1) Jbidem, ז. 113.

2) זעהט ה. היינע, די קעניגין פון שבת.

לעם, וואס ווייזט זיך דארט ארויס, און בעזונדערס אין דעם טאלענט, מיט וועלכען דער פערפאסער האט אויפ'ן שטח פון קיום מעהר ווי הונדערט בלעטער אונז פארגעשטעלט דאס ווונדערבארע בעשעפעניש, וואס איז אמאל א מענש, אמאל א בהמה, און וואס אין יעדעס ווארט, אין יעדער בעציהונג בלייבט עס טריי זיך אליין. די קליאטשע איז א טיפוס, וואס מיר זעהען פאר אונזערע אויגען, וואס מיר בעגרייפען אין איהרע געשפרעכען, א טיפוס, וואס איז פסיכאלאגיש זעהר ריכטיג. אבראמאוויטש'עס טאלענט צו „פערמענשליכען” די חיות-וועלט, וועלכען מיר וועלען נאך האבען די געלעגענהייט צו אנאליזירען, ווייזט זיך ארויס זעהר אריגינעל אין יעדער זייט פון דעם בוך.

אין פערגלייך מיט ישראל'יקען, דעם יונגען ענטוזיאסט, וואס האט שטענדיג ביי דער האנד נייע עצות, וואס גלויבט אין פראגרעס, ליכט, האט די קליאטשע, פערקעהרט, שטענדיג געהאט א צוריקגעהאלטענע, אנ'איראנישע שטימונג פון א בעשעפעניש, וואס האט זיך שוין פיעל „אנגעזעהען אויף דער וועלט.” אלטע מעשות, אלטע ליעדלעך, זאגט זי, „וואס איך האב שוין געהערט זינגען אין פערשיעדענע צייטען”. געוויס, די צייטען זענען געווארען בעסערע, נאר וואס פאר-א מין אומעט איז נאך דא אין דער דאזיגער פערבעסערונג! „עס זענען געווען צייטען, וואס מען האט מיך נאר געטריבען און נישט געלאזט אויסרוהען מיך אפילו קיין רגע. מיינע שונאים פלעגען מיך אלץ טרייבען און צונעהמען ביי מיר דעם לעצטען כח. איצט וועניגסטענס, רוה איך דא אביסעל, אויף דער בלאטע איז מיר ווייך צו ליגען און איך גלייך חאטש אביסעל אוים מיינע קראנקע ביינער.” 1)

אז ישראל'יק דערזעהט זי אין דעם צופריעדענעם צושטאנד, ווען ער דערהערט, ווי זי קרעכצעט נישט דערפאר, ווייל זי איז ניעדריג געפאלען, נאר ווייל זי האט שוין אויפגעגעסען די גאנצע היי, וואס ער האט איהר געבראכט, איז זיין פערדרוס געווען אונבעשרייבליך.

פאסט דען אזא מין בעציהונג פאר א געפאלענעם בן מלך? דאס איז עס די טראגישע בעשעפעניש, ווענע'ס בעפרייאונג ער האט געוואלט אבגעבען אלע כחות? די קליאטשע אבער ענטפערט איהם מיט דעם זעלבען רוהיגען און אומעטיג צופריעדענעם טאן:

„אידאי איז דיר גוט צו רעדען! האט זי זיך אנגערופען און א טאך געגעבען מיט דעם קאפ. איין אנדערע זאל ווי איך פארשטעלט ווערן

---

1) Jbidem, ז. 23.

אין אַ קליאַטשע אַזוי פיעל יאָהר, איין אַנדערער זאָל ווי איך אַזוי פיעל אויסשטעהן, זיין פערוואָגעלט, דער'הרג'עט, דערשלאָגען, אַזוי פיעל איבערטראָגען צרות און לייד פון איטליכען בעזונדער, — וואָלט ער, כ'לעבען, שוין לאַנג פערלוירען זיין פערשטאַנד, זיין געפיהל. עס וואָלט איהם אין גאַנצען דאָס לשון אַבגענומען און ער וואָלט געווען אַ ריינע אמת'ע בהמה." 1)

— „מיט מיר, זאָגט זי צו ישראל'יקען אין וואַלד, בשעת עס האָט געדונערט און געבליצט — מיט מיר געהט עס אַקוראַט, ווי מיט מיינעם איין אַלטען חבר איוב, וואָס בשעת ער איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם שטן אין די הענד, האָט גאָט דענסטמאָל אַזוי געזאָגט: „שטן, וואָס דו ווילסט, טו מיט מיין איוב'ן, שלאָג איהם, טו איהם אָן געבראָטענע לייד, מאַך איהם ברוין און בלוי דאָס לייב, נאָר זיין גייסט, זיין נשמה זאָלסטו היטען"!..: 2)

דער פערשאָלטענער בן מלך גלויבט, אַז אין דער צוקונפט װעט ער דערלעזט ווערען; דאָס וועט אָבער ערפּילט ווערען נאָר דאַן, ווען אויף דער וועלט וועט מעהר קיין שלעכטס ניט זיין, ווען די מענשען וועלן ווערן בעסער און קליגער און ווען די פערערען וועלען אָבגעווישט ווערן פון איטליכענס פּנים. „אַח, האָט ישראל'יק געקרעכצט, עס איז נאָך צו-ווייט צו וואַרטען. ביז יענער צייט האָב איך מורא, זאָל מען דיר דערווייל נישט דערגעהן דעם עק, נישט אַרויסנעהמען די נשמה!" 3).

ישראל'יק האָט, צייט ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט דער קליאַטשע, זיך געווענדעט פון רחמנות וועגען מיט אַנ'אָפענעם בריעף צו דער „חברה צער-בעלי-חיים", און ער איז מודיע דער קליאַטשע די אַנטוואָרט, וואָס ער האָט בעקומען. דערביי קומט פאָר אַ געשפּרעך צווישען ישראל'יקען און דער קליאַטשע. דער פּערפאַסער לעגט דערביי אַריין דער לעצטער אין מויל זיינע איראָנישע פערהעלטנישען און אונצופרידענהייט געגען דער השכלה און, הויפּטזעכליך, געגען די כלומר'שטע פריינד פונ'ם יודישען פאָלק, וואָס גיבען איהם אָן אַנ'אויפהער עצות, צו טאָן דאָס אָדער יענץ, כדי צו פערדיענען די עמאַנציפּאַציע.

די „חברה צער-בעלי-חיים" גיט ישראל'יקען צו וויסען אין איהר

1) Jbidem, ז. 23.
2) „ „ 46.
3) „ „ 77.

אַנטוואָרט, דאָס שוין נישט דאָס ערשטע מאָל האָט זי צו טאָן און צו בעשעפטיגען זיך מיט דער קליאַטשע: אויב זי האָט בעקומען פיעל בקשות פאַר איהרעטוועגען, האָט זי בעקומען אַ סך מסירות געגען איהר. מען בעקלאָגט זיך אָפט אויף איהר איפפיהרונג: זי האָט ליעב שטילערהייד אַ ברוק צו טאָן, אַ ביס צו טאָן קליינע קינדער." זי איז אומריין און ליידט אויף אַן אָנשטעקענדיגע קראַנקהייט, אַזוי דאָס מען קען זי נישט לאָזען זיין צווישען אַנדערע פערד. זי טויג בשום אופן נישט צו יעדער אַרבייט, נאָר עפּיס צו געוויסע, נישט קיין שענע מלאכות. מען מוז זי גאָלאַנאַנד האַלטען פאַר׳ן צוים און זי מוז אויף זיך האָבען אַ בייטש, אָהן אַ שמייץ איז נאָר אונמעגליך מיט איהר אויסצוקומען. נאָכדעם, אַז דער קאָמיטעט פון דער חברה האָט אויסגעהערט אַלעס, וואָס איז געווען פאַר און געגען, האָט ער געוועהלט אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אַרויסגעטראָגען פאָלגענדע מיינונג. „קודם כל, זאָגט זי, זאָל מען דער קליאַטשע אַראָבנעהמען די קאָלטענעס, לאָז זי באמת ווערן אַביסעל ריינער... זעהען, זי זאָל נישט זיין אַזוי פאַרגרעבט, מען בעדאַרף איהר שטעלען אַ גאַנץ... א. א. וו."

אין „ע״שט דענסטמאָל, אַז זי וועט קענען די אַלע קונצען, וועלכע מען פערלאַנגט פון אַ געלערענטער קליאַטשע, דענסטמאָל וועט די חברה איהר בייזשטעהן און נישט צולאָזען, מען זאָל זי גראָב בעהאַנדלען. דערווייל מוז מען אַכטונג געבען, אַז פון די פעלדער מיט תבואות לאָז זי בכל האופנים זיין אַביסעל דערוויטערט, טאַקי פון איהר טובה וועגען", ווייל, צי ריכטיג צי ניט, דערווייל בעשולדיגט מען זי, אַז זי צוטרעט די תבואה אויף די פעלדער. 1)

די גאַנצע צייט, וואָס ישראל׳יק לעזט דעם בריעף, שווייגט די קליאַטשע שטיל. נור ווען־ניט־ווען, אין מליצה׳דיגע ערטער, רעדט זי צו זיך אַליין:

„מליצה, מליצה" אָדער „היינטיגע צייט פאַרדיענט טאַקי מיט רעכט דעם נאָמען: „די צייט פון קרעכצען, פון רעדען, פון פלוידערן" 2).

דער נאָך נעהמט זיך ישראל׳יק מיט פייער איהר ערקלערן דעם בריעף פון דער חברה. דאַרף זי זיך דען נישט פיהלען גליקליך, ווען זי דערהערט, דאָס מען נעהמט זיך ענדליך, זי צו בילדען און זי בעקאַנט

---

1) Jbidem, ז. 68.
2) „ „ 77.

צו מאַכען מיט דאָס דער השכלה, מיט'ן פּראָגרעס? איז דען בילדונג נישט די ערשטע בעדינגונג, בײַ וועלכער עס קען עקסיסטירען אַ גלאַמת גליק? השכלה איז ליכט, אונוויסענהייט איז פינסטערניש. אם תאבו, אויב איהר וועט פאָלגען, ושמעתם, און איהר וועט הערען, — זאָגט ער, פערענדיגענדיג זײַן לאַנגע רעדע מיט אַ פסוק פון חומש — טוב, דאָס גוטסקייט, הארץ, פון דעם לאַנד, תאכלו, וועט איהר עסען"; אַ פערמאַטערטע מיט אַ פערשוויצטען שטערן, „מיט אַ פערפלאַמט פּנים און אַ געשוואָלען הארץ, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, ... האָט ער זיך אַוואַרף געטאָן דערנאָך אונטער אַ בוים.

אונטערדעסען האָט די קליאַטשע, וועלכע האָט אַפילו נישט געהערט דעם סוף פון זײַן רעדע, מיט אַמאָל „זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגעגאַנגען ווייטער אַביסעל, זיך גענומען עסען גראָז, גאַנץ קאַלטבלוטיג", גיט וואַרפענדיג קיין בליק אפילו אין ישראל'יקס זייט. די פּערפּלעקסטונג כלומר'שט פון דער קליאַטשע האָט גאָלמעהר פערביטערט דאָס הארץ פון דעם יונגען הייץ-קאָפּף. שלעכטע געדאַנקען זענען איהם אויפ'ן מוח געקומען: „שונאים, האָט ער זיך געטראַכט, זענען אַ פּנים טאַקי גערעכט, אַ וועלט איז. טאַקי נישט משוגע, מסתמא איז זי טאַקי אַ שלימזול, אַ פערשלעפּטע קרענק פון זײַן ליעבען נאָמען. וואָס וועל איך דאָ באמת טאַקי זיך ניגאַטשען מיט איהר? איך וועל נאָר וואַרטען אַביסעל, האָב איך געטראַכט, ביז וואַנען עס וועט רעכט טאָג ווערן, דענסטמאָל וועל איך מיר אַליין אַוועקגעהן, אפילו פערגעסען דעם „זײַ געזונד" און מיט איהר זיך נישט געזעגענען. לאָז זי זיך מאַכען, וואָס זי וויל. מיר געהערן זיך מעהר שוין כלל וכלל נישט אָן." 1)

אין די ווערטער, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט דורך אַ משכיל, דעם שפּאָגעל נײַעם פאָלקס-פרײַנד, וואָס וויל נאָר וואַרטען אויף טאָג, כדי צו זאָרגען נאָר פאַר זײַן אייגענעם שיקזאַל, — האָט אַבראַמאָוויטש אונטערגעשטריכען דאָס, וואָס איז געווען אַזוי עגאָאיסטיש און אינדיווידואַליסטיש אויפ'ן גרונד פון דעם משכילישען געדאַנק, און וועלכען דאָס פערזענליכע איז געווען אָבגעטיילט פון דער כלל-זאַך. און דער דאָזיגער חשד בנוגע צום משכיליזם ווײַזט זיך אַרויס נאָר קלאָרער ווען, צום סוף בוך, דער מחבר האָט אַרופגעזעצט ישראל'יקען אַליין אויפ'ן קאַרק פון דער קליאַטשע, פאַר וועלכערער האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געזאָרגט. די ראָלע פון אַ וועקער, וואָס פערלאָזט אַלעמאָל זײַן געבורטס-

---

1) קליאַטשע Jbidem.

שטאָדט, וועלכע האָט אונז אין „דער טאַקסע" אויסגעוויזען אַלס אַ פאַסענדער און נאָרמאַלער סוף פון אַ משכילישער קאַריערע, — ווייזט זיך אונז אַרויס אין אַ נייעם ליכט אין דער קליאַטשע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען מיט פינף יאָהר שפּעטער.

יעצט קען שוין ישראל'ק נישט אַוועקגעהן, וואו ער זאָל נישט אויסהערן איינגע ביטערע אמת'ן אויפ'ן חשבון פון דער השכלה און איהרע אָנהענגער. ווירקליך, די גלייכגילטיגקייט, דער גאַנצער אָנשטעל פון דער קליאַטשע דויערט נישט לאַנג, אויף די אונפּערדיענטע פאָרוואורפען, וואָס זי מוז אָנ'אויפהער אויסהערן, קען זי שוין מעהר נישט שווייגען און זי הויבט אָן פון איהר זייט צו ענטפערן מיט ביטערע ווערטער:

„קאָפּ אין דער וואַנד! אַז דו ציהסט מיך פאַר דער צונג, מוז איך דיר זאָגען, אַז דו קומסט מיר פאָר עפּעס משונה ווילד, זעהר נאַריש מיט דיינע בריוולין און מיט דיינע אַלע ווערטער, נישט אַנדערש טאַקי, אַז דו ביסט פאַרריקט. מען זאָגט, איך זאָל מיך לאָזען לערנען, פרעג איך דיך, ערשטענס, חכם מיינער, פאַרוואָס הייסט מען עס דוקא מיר? וועניג זענען דאָ אין דער וועלט אַ שטייגער נישט קיין געלערנטע פערד, טאַקי אמת פּראָסטע, נישט דערציינען און קיין שום זאַוואָד און פון דעסטוועגען חוץ זייער שאָדען אַזאַ לעבען אויף מיר געזאָגט געוואָרען! צווייטענס, ווען איך קען אכ.ת נישט די אָנשטעלען, ווי די איידעלע דערצויגענע פערד, אָבער קיין גראָב פערדיל קען מען מיך, דאַכט זיך, פאָרט נישט רופען, און וואו שטעהט עס, אַז איטליך פערדיל מוז דוקא האָבען אַ דיפּלאָם פון אַ זאַוואָד? דריטענס, אויב איך קען נישט הויבען פיסלעך און מאַכען יענע אָנשטעלען, ווי די זאַוואָדסקע פערד, אַ קעגען זשע דערפאַר האָט מען פון מיר מעהר, אַ סך מעהר נוצען ווי פון זיי! יענע זענען פטור פון אַלסדינג, ווייסען ניט מעהר ווי די קאָרמע, ווי די פאַלעוואַניע. מיט מיר אָבער אַרבייט מען מעשים, איך טראָג אויף מיר אַלערליי משא, וואו איז דען מיין פלייש, מיין לייב און לעבען? איך האָב עס פערלוירען אין דער אַרבייט. וואָס מען וויל מעג מען זיך זאָגען, נאָר איך ווייס ביי מיר, אַז מיין מיה, מיין פּראַצע האָט זעהר, זעהר פיעל נוצען געבראַכט... פיערטענס, וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט דיך, האָט עסען און דאָס נויטיגע בעדערפניש מיט בילדונג? מיט וואָס פאַר אַ יושר קען מען יענעם נישט לאָזען עסען, אָטעמען פריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצען?"...

„אַז דו ציהסט מיך שוין יאָ פאַר דער צונג, וועל איך דיר

שאַקי בפירוש אַרויסזאָגען: איך בין דיר מוחל דיין רחמנות!... איך וויל גאָרנישט הערן פון רחמנות, פון קיין נוצען. איך בין ווי אַלע אַנדערע אַ לעבעדיג בעשעפעניש און האָב ווי זיי אַ פּראַווע, דאָס רעכט צו לעבען. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיעל, ווי איך לעב נאָר אין זיין זכות. ער האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבען און איך נישט; איינגאַנצען, וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פערדאַנקען איהם, נאָר איהם! אין דער צייט, אַז מיר ביידע זענען גאַנץ גלייכע בעשעפענישען מיט אַלערליי בעדערפֿענישען, לאָזט מיך יענער לעבען, ווייל איך ברענג איהם נוצען, הייסט עס אַזוי פיעל, ער איז דער תּכלית, דער עיקר, און איך לעב נאָר, מחמת דערמיט טויג איך איהם, פאַר מיר אַליין וואָלט איך נישט בעדאַרפט גאָר בעשאַפען ווערן. איך וויל אָבער לעבען גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך אַ בעשעפעניש פאַר מיר, פערשטעהסטו מיך, מיין מליץ יושר, מיין באַרמהערצענדיגער האַר? אויף אייער באַרמהערציגקייט און אויף דעם, וואָס איהר קענט פון מיר האָבען נוצען, דערויף קען איך כּלל מיך נישט סומך זיין. מאָרגען ווערט דיר, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, פערשטיקט דאָס האַרץ, ביסט אין אַ שלעכטער ליינע, אָדער איך וועל דיר איינמאָל נישט קענען צו שטעלען די צאָהל ציגעל אַקוראַט, ווערסט דו ברוגז, גיעסט אויף מיר אוים דיין צאָרן — און עס ווערט פלוצים אַ תּל פון מיר! אַז איהר וועט מיט מיר זיך בענעהמען מיט גערעכטיגקייט, אַזוי ווי איהר בענעהמט זיך מיט אַנדערע, דעמאָלט, ועהסט דו, וועלען מיר שמועסען מכּח קונצען. אין גוטע אומשטענדען, אין וואוילטאָג, מהיכא תּיתי קריעכען אין קאָפּ אַזעלכע זאַכען. דו וועסט אפילו פערשפּאָרען מיר צו זאָגען דעמאָלט דרשות. הא, וואָס זאָגסטו דו דערצו, מיין האַרענקע?

דאָס קאַפּיטעל, וואָס ענטהאַלט די דאָזיגע ביטערע רעדע, רופט זיך בעדייטונגספול אָן: „קיין טאַנץ גערט נישט פאַר קיין עסען“. דער געדאַנק פון: „צוערשט לעבען, דערנאָך פילאָזאָפירען“ געהט דורך ווי אַ הויפּט-מאָטיוו דורך אַלע אַנדערע ווערק פון אַבראַמאָוויטש, ווי מיר וועלען עס זעהן אין אונזער ווייטערדיגער אַרבייט. אַבראַמאָוויטש איז ווירקליך געווען דער ערשטער און דער איינציגער צווישען די משכּילישע שריפטשטעלער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע

1) Ibidem.

וועגען דעם מאַטעריאַלער אָרימקייט פונ'ם יודישען פאָלק. ער האָט פערשטאַנען, אַז מעהר ווי פון זיין אונוויסענהייט, ליידט דאָס פאָלק דערפון, וואָס עס האָט נישט פון וואַגען צו לעבען, וואָס עס פעהלט איהם ברויט און אַלע עקסיסטענץ-קוואַלען זענען פאַר איהם פערשלאָסען. ער האָט גזעהן די „בעלי טובות", אַלע פּאַראַזיטען פונ'ם יודישען לעבען און, אויס ליעבע צום פאָלק, האָט ער צו זיי געפיהלט אַ שטאַרקע, טיעפע שנאה, אָבער באַלד, ווי ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום יסוד פון דעם שלעכטס, האָט ער נישט פערזוימט צו ענטדעקען, אַז דאָס גאַנצע „פּאַראַזיטיזמוס" איז נאָר אַ סימפּטאָם פון אַ פיעל ערנסטערער קראַנקהייט; אַז די אַלע וואונדען אינ'ם פאָלקס-לעבען קומען פון דעם אַרויס, וואָס זיין אָרגאַניזם, ביי וועלכען מען האָט אָבגענומען, אַריינשפּאַרענדיג עס אין געטא, די פרייע לופט, די זון און די לעבענס-מיטעל, איז בלוטאָרם, בעזיצט קיין ווידערשטאַנדס-קראַפט נישט און איז מסוגל צו אַלע קראַנקהייטען.

דער אשמדאי, דער חיטרער שד, וואָס בענוצט זיך מיט גוטס, אום בעסער צו שאַפען דאָס שלעכטס, פיהלט אַ בייזען תענוג אין דער צייט, ווען ער הייבט אויף ישראליק'ען אין דער הויך, כדי צו ווייזען איהם, וואָס איז די אמת'דיגע קראַנקהייט פון דער קליאַטשע און ווי אומזיסט עס זענען די מיטלען, מיט וועלכע ישראליק און זיינע חברים האָפען זי צו בעקעמפפען. דער אַשמדאי האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך פון ישראליק'ען מיט דער קליאַטשע, און אָט וואָס ער האָט איהם געזאָגט וועגען דעם ענין:

„בעטראַכט זיך אדרבא אַליין, אויב דו ביסט נישט ריין משוגע! פאַר דיר שטעהט אַ פערמאָרעטע, אַ הונגעריגע קליאַטשע, וואָס זי בעדאַרף נויטיג ווי אין לעבען אַריין האָבען חאָטש אַ ביסיל מנוחה, אַ מעסטעל האָבער, אַ בינטעל היי, ווילסט דו איהר גאָר בעווייזען אַ „ה" אין סידור און אַלץ אויסדריגען, ווי גוט, ווי שען עס איז, זיך אויסצולערנען עפעס קונצען! מיינסט דו אפשר, אַז נאָר דו אַליין פלוידערסט אַזוי דאָ? ניין! קום, זיי מוחל, וועל איך דיר ווייזען אַ סך, וואָס זאָגען פאַר הונגעריגע, דערשלאָגענע מענשען פונקט אַזעלכע דרשות, ווי דיינע". 1)

און דער אשמדאי דערציהלט איהם וועגען די אַלע, וואָס פאַלען אָן אויף דאָס שלעכטס פון דעם יודישען לעבען: איינגע קריטיקי-

---

1) Jbidem.

רען די עם הארצות פון די מלמדים; די אַנדערע ליאַרעמען, וואָס עס עקסיסטירט אַזאַ צאָהלרייכע קלאַס שרכנים, בטלנים, וואָס פער־ברענגען זייער גאַנץ לעבען אין בית המדרש און מוזען אָנקומען צו צדקה און קצבה, די דריטע ווידער שרייען אויף די גנבות און גזלות פון די בעלי טאַקסעס, שטאָדט־פערזאָרגער און איבערהויפּט פון אַלע אַנדערע „בעלי טובות״.

„אַלע שרייען, פילדערן, שוין צייט דאָס אַלץ אָוועקצוואַרפען און ווערן קליגער, געבילדעטער, געניטער; נאָר קומט אָבער פון זייער שרייען עפּיס אַרוים? אַלץ בלייבט טאַקי ווי פריהער, עס קען טאַקי פון זייער שרייען נישט אַרויסקומען. פאַר וואָס? אָט מחמת וואָס. מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע בעשעפּע־נישען, פאַר אַלע מענשען גלייך, איך מיין דאָ דעם דאָזיגען בעקאַנטען געזעץ, וואָס אַלע ווילען עסען, וואָס איטליכער וויל צו דערהאַלטען זיין לעבען, עס מעג זיך זיין אויף וועלכען אופן, מיט וועלכע מיטעל עס וויל זיך. וואָס זענען דען מלמדים? דאָס זענען ביי אייך אַ גרוי־סער, זעהר אַ גרויסער טייל מענשען, וואָס ווילען עסען, וואָס ווילען לעבען, און וואָס קענען עס אָבער אין דער וועלט אַנדערש נישט בעקומען נאָר דורך אַזאַ מיטעל דוקא, וואָס זיי וועלן נעהמען אונזע־רע קינדער אין חדר אַריין... דעסגלייכען איז אויך מיט די פריהע חתונות. שרייט דערויף וויפעל איהר ווילט, אומזיסט! עס איז דאָ אַ גרויסער טייל מענשען, וואָס קענען ביי אייך אַנדערש נישט לעבען, נאָר דורך צונויפפיהרען שידוכים... וואָס זענען דען יענע בטלנים, יענע הבל׳ניקעס? דאָס זענען מענשען, אַ גאַנץ היבשער טייל מענשען, וואָס זיי איז אונמעגליך אַנדערש צו לעבען, אַ קיום צו האָבען, ווען נישט די נאַרישקייטען... דאָס גלייכען טאַקי איז מיט אייערע בעלי טובות, מיט אייערע אפּיטרופּסים... דאָס זענען ביי אייך אַ סך מענ־שעלעך, וואָס וואָלטען פשוט נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבער־צולעבען, ממש געשטאָרבען פאַר הונגער, ווען זיי זאָלען זיך נישט מיהען מיט אַלע קרעפטען צו טאָן אייך אַלערליי מיני טובות... איהר זענט זיך מפרנס און לעבט איינער פון דעם אַנדערען, איהר עסט אויף און פאַרדאַרבט איינע די אַנדערע״. 1)

דער אַשמדאי ווייס גראָד דעם ריכטיגען מיטעל, ווי צו בע־פרייען זיך פון דער פּעהלערהאַפטיגער סביבה, וועלכע עס שבעלט

---

1) Jbidem ז. 86-88.

פון זיך פאַר דאָס מאַטעריעלע און גייסטיגע פון לעבען פונ׳ם יודען.

„זאָל מען געווען איך לאָזען לעבען לייטען גלייך פריי, ווי עס געהער צו זיין, וואָלטען אַזעלכע זאַכען ביי איך כלל נישט געווען. לאָז מען נאָר פאַר איך עפנען די וועלט, וועלן די אַלע זאַכען פון זיך אויפהערען און איהר וועט מיט אַמאָל אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות.“ 1)

דער שונא אָבער איז וואַך!

„נאָר כל זמן איך, אשמדאי, בין נאָך דאָ, וועל איך אַזעלכעס נישט צולאָזען... נישט דאָ פאַר אייך קיין אַנדער וועג, נישטאָ פאַר אייך קיין אַנדער מיטעל צום לעבען! עסט, פרעסט איינער דעם אַנדערן; שלינגט זיך ווי די פיש איין איינע די אַנדערע. בייסט זיך, רייסט זיך צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!“ 2)

און די דאָזיגער טראַגישע ווירקליכקייט פון דעם יודישען לעבען, וועלכע דער אשמדאי האָט איהם פאָרגעשטעלט אין דער שפראַך פון אַ זיגענדיגען שונא, בעווייזט זיך פאַר די אויגען פון ישראַל׳יקען אין אַ זעהונג, וואו עס ווייזט זיך אַרויס איינע פון די כאַראַקטעריסטישע זייטען פון אַבראַמאָוויטש׳עס טאַלענט: אַ טיעפער ליריזם פערבונדען מיט אַ שאַרפען געפיהל פאַר דער ווירקליכקייט.

ישראַל׳יק איז אין וואַלד; ס׳איז דער פריהמאָרגען נאָך דער דונערדיגער און בליצעדיגער נאַכט, וועלכע ער האָט פערבראַכט צוזאַמען מיט דער קליאַטשע. אַלץ אַרום זיי איז פריש און ליעב; דער וואַלד „איז געשטאַנען ווי אַ חתן בחור, אָנגעטאָן אין אַ נייער גרינער זשופּעצע“ און האָט געוואַרט אויף די טייערע מהותנת׳טע — די זון, וועלכע איז טאַקי באַלד געקומען. דער „סאָלעוויי“, דער בעריהמטער כלי־זמר, האָט אָנגעשטעלט זיין פידעל אָבצושפּילען אַ שענעס, אַ פיינעס „דאָברי־דזיען“. ער האָט אָנגעהויבען שפּיעלען און, ביי דער מעלאָדיע פון די טרעלען, האָבען ישראַל׳יקס געדאַנקען זיך געלאָזען טאַנצען אין אַ ראָד און זיין פאַנטאַזיע האָט איהם פאָרגעשטעלט „פיעל אַלטע און נייע אומעטיגע זאַכען“. די מוזיק־טענער זענען געוואָרען אַלץ טיעפער און העלער, און ישראַל׳יקס געדאַנקען האָבען זיך אויך אויפגעהויבען און געלעבערט איהם דער מוח. זיין האַרץ קרעכצט, וויינט, עס דערמאָנען זיך אַלע רדיפות, אַלע צרות פונ׳ם לעבען, וואָס פאַר־אַ טרויעריגע פיינליכע מעלאָדיע!

---

1) Jbidem, ז. 88.

2) „ „ 88.

ישראל׳יקען דוכט זיך אוים, ער איז אויף א חתונה אין דעם מאָ־מענט, ווען דער בדחן דערמאָנט מיט א וויינענדיגען קול דעם יונגען פּאָר־פאָלק אַלע ליידען פון זייער פערגאַנגענעם לעבען און דאָס אַלעס, וואָס עס קען זיי ערוואַרטען, טרויעריגעס און האַרצרייסענדיגעס, אין דער צוקונפט. איהם דוכט זיך, אַז ער הערט די שטים פון בדחן, וועל־כער זאָגט איהם, דאָס ער איז א יתום, אָהן א פאָטער און אָהן א מו־טער. א יתום, זאָגט מען איהם אָן, מוז אויף דער וועלט פון איטלי־כען אויסשטעהן זעהר פיעל; וויין, ישראל׳יקעל, וויין — כלי זמר׳ל שפּיל. „ישראל׳יק דעקט צו די אויגען מיט א טיכעל, בעוואַשט זיך מיט טרערען, און אין קאָפּ שטעלען זיך איהם פאָר אַלץ נייע און נייע זעהר נישט קיין פרעהליכע זאַכען. ער בעט דעם כלי־זמר׳ל, ער זאָל שפּיעלען פאַמעליך. „נאָר אָבער געוואַלד פאַמעליך, סאַלאָווי, פאַמע־ליך: עס האָט ביי מיר געשפּרונגען שוין נאָר א סטרונע״.

ישראל׳יק פערטראַכט זיך וועגען לעבען.

„עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט א טאָג אין מיין שטאָדט, ווי אַזוי און מיט וואָס מענשען ברענגען איהם צו, מיט וואָס זיי שטעהען אויף און מיט וואָס זיי לעגען זיך שלאָפען. עס האָט מיר זיך פאָרגע־שטעלט א פריהמאָרגען: יודען שטעהען אויף און קרעכצען: ווייסען נישט וואָס מען טוט, וואָס מען הייבט אָן, פון וואַנען מען זאָל זיך דערנעהרען? זייערע פנים׳ער זענען בלייך, דער שטערן פול מיט קנייט־שען. די אויגען וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, גלייך ווי זיי זוכען עפּיס, אָן וואָס זיך אָנצוהאַפען, אָן וואָס זיך אָנצושפּאַרען, די חוואַליעס פון דעם טאָג זאָלען זיי נעביך נישט דערטרינקען. זיי זיפצען, זיי קרעכצען און קנייטשען דעם שטערן... עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט דער מאַרק, אין גאַנצען ווי ער איז, מיט אַלע זיינע געשעפטען און מיט אַלע זיינע מענשען, עס האָט מיר זיך געדאַכט: הונגעריגע דאַרע טאָג־דעטניקעס און אין צעהנטען איינגעהויקערטע טענדלער דרעהען זיך היין און הער אַרום אין איינע צרות, קוקען זיך צו און שאַצען ביי זיך אָב איטליכענס קליידער, האָבען אויפן אויג, ביי וועמען עס זענען צעריסען די שטיוועל, ביי וועמען די הויזען, ביי וועמען די קאַפּאָטע, דערפּיה־לען אין דער שטאָדט די קלענסטע לאַטע, די מינדסטע שמאַטע...

„עס האָט מיר זיך געדאַכט: בלייכע טויטע מענשען נעביך לויפען אַרום ווי די פער׳סמ׳טע מייז, שטעקען אומעטום אַריין די נאָז און שמעקען, טאָמער וועלן זיי געפינען עפּיס א שטיקעל ברויט, טאָמער וועלען זיי חאַטש עפּיס דערטאַפּען. איטליכער איז פערטראָגען, איט־ליכען שפּאַלט זיך דער קאָפּ, איטליכער פאַרבייסט א ליפּ. מאַכט

פלאַנצן און פערטראַכט זיך, איטליכער רוקט אַריין דאָס היטעל, לויפט און איז ווי אויף דעם עולם התועה...״

„עס האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט אַלערליי סאָרטען קליינע און קליינלעך, טישלעך און שאַפּקעלעך, צוואַנציג קרעמער שלאָגן זיך פאַר איין קונה, איטליכער ציהט איהם צו זיך און זאָגט איהם צו הרים וגבעות, איטליכען קריכען אַרויס די אויגען צום גראָשען לייזעכטס. די קוגים און די קרעמער דינגען זיך, שווערן זיך, ביידע שווערן בנאמנות, ביים ווייב, ביי די קינדער, ביי דעם חלק לעולם הבא, און גלויבען איינער דעם אַנדערן, ווי דעם הונט. זיי צוגעהען זיך, קוקען נאָך איינער דעם אַנדערן הינטערווייליכס מיט אויגעלעך, זוער ווטמען ווטס צוריק בעטען, קומען זיך צונויף ווידער, ווייטער דינגען זיך, ווייטער שווערן זיך מיט טויזענדער שבועות, מיט טויזענדער חרמות, ביז איינעם גערעט פאָרט צום סוף אָבצונאַרען דעם אַנדערן.

„איך זעה עפעס אַ גוזמא מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים, טויגעניכצען, קאַליקעס, מלמדים, פאַרצעהניאָהרדיגע, פאַראיאָהרעדיגע, און הייגטיגס־יאָהרעדיגע בעלי הבית׳לעך, וואָס עסען קעסט. איך הער פלוצים אויף דער גאַס עפּיס כלי־זמר שפּילען, פריהער לויפען ווייסע חברה, העגדום פענדום, הינטען געהט אַ גרויסער עולם, עס ברענגען הבדלות,—דאָס פיהרט מען צו דער שוהל אַ חופה, אומגליקליך צו מאַכען דאָרט אַ יונגעל מיט אַ מיידעל, וואָס ווייסען נאָך גאָרנישט פון וואָס צו זאָגען. ביז שפּעט אין דער נאַכט, זעה איך, פיהרט מען חופות, עס ווערן אָבגעמאַכט עפּיס אַ גוזמא התונות, אַלטע באָבעס פליאַסקען, מחותנים טאַנצען, דער עולם איז לוסטיג, אַ שמחה!

— „מזל־טוב אייך, יודען, מיט שפּאָגעל נייע אָרימע־לייט! מזל־טוב אייך מיט אַ ניי פעקעל לעדיגגעהער! מיט נייע קאַנדידאַטען אויף מלמדים, אויף מקבלים, אויף באַנק־קוועטשער און אויף גילדענע־אָדער־יודען! מזל־טוב אייך גאָר מיט אַ פריש צעטיל פון קויטיגע גרעט; מיט אַלע אייערע שמוציגע, פוילע און פוסטע מענשעליך! מזל־טוב אייך מיט פריש־צאַפּעלדיגע פיאַווקעליך! גרייט אָן, יודען, בלוט, גרייט אָן געלד, געלד, געלד!

— געוואַלד, סאַלאָווי, געגוו, געגוו צו שפּילען! עס רייסט מיר דאָס האַרץ, עס שפּרינגען, עס לאָפּניען אין מיר אַלע סטרונעס!... (1

(1 Jbidem, ז. 48-56.

מיר האָבען שוין פריהער געזעהן, ווי די בעדינגונגען פונ'ם אינערליכען לעבען פון יודישען פאָלק רופען אַרויס ביי אַבראַמאָוויטשען פעסימיסטישע געדאַנקען; די אויסערליכע לאַגע שיינט איהם צו זיין נישט בעסער, און דערביי האַלט ער, אַז די לעצטע רופט אַרויס דאָס ערשטע. צווישען די ווילדע סצענעס, וועלכע ישראל'יק האָט געזעהן בשעת ער איז געפליגען, קומען אויך פאָר די בלוט-באָדען אויף יודען, די „פאָגראָמען". נאָר אַזוי ווי די צענזור איז דאַמאָלס געווען שטרענג, האָט דער מחבר געפונען פאַר נויטיג צו שרייבען, אַז די פאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין אַ רומענישער שטאָדט.

ווען די קליאַטשע איז פערעפענטליכט געוואָרען (1873), איז די ליבעראַלע בעוועגונג אין רוסלאַנד נאָך געווען גענוג שטאַרק, די געבילדעטע יודען האָבען געטרוימט וועגען אַ נאָהענטער אַסימילאַציע און עס האָט זיך געדוכט, אַז די בלוט-בעדער זענען שוין אויף אַלעמאָל געבליעבען אין זכרון, אַלס ערינערונגען וועגען אַ טרויעריגער, אָבער בעשטימט פערשוואונדענער פערגאַנגענהייט. ליידער זענען אַוועק ווע-ניגער אַלס צעהן יאָהר, צייט דאָס בוך איז פערעפענטליכט געוואָרען, און די פעסימיסטישע טענער, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט אַריינגע-בראַכט אינ'ם קאָנצערט פון דער יודישער ליטעראַטור פון דער עפּאָ-כע, האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס די איינציגע ריכטיגע: די געשע-הענישען, וואָס זענען פאָרגעקומען צייט דעם 1881-טען יאָהר, האָבען עס קלאָר און דייטליך אַרויסגעוויזען.

דאָך איז אַבראַמאָוויטש'עס הויפּט-מעלה נישט דאָס, ווי ער פאַסט אויף דאָס יודישע לעבען, נאָר זיין קינסטלערישער טאַלענט, וועלכער ווייזט זיך אַרויס אין העכסטען גראַד און אַם בעסטען אין די פון זיינע ראָמאַנען, וואו די טענדענץ ווייזט זיך נישט אַרויס דירעקט און וועלכע זענען פאַר אַלעם איינפאַכע לויטערע און רעאַליסטישע בילדער פונ'ם יודישען-לעבען, אין די 50-ער יאָהרען פון פון פאָרי-גען יאָהרהונדערט.

און אין די ווערק טאַקי, בעזונדערס אין די צוויי בעסערע, ווי „פישקע דער קרומער" 1) און „דאָס ווינשפינגערל" 2) ווייזט זיך

1) די ערשטע אויסגאַבע אין 1869-טען יאָהר אין זשיטאָמיר

2) „דאָס ווינשפינגערל" אַ מתנה די ליעבע יודישע קינדער פון מענדעלי מוכר ספרים. אויסג. „מענדעלע". די ערשטע אויסגאַבע אין וואַרשוי אין 1860-טען

אַבּראַמאָוויטש אַרויס אַלס אַ טיפער בעאָבּאַכטער און אָריגינעלער מאַלער. צוגלייך אָבער ווייזט זיך גלענצענד אין זיי אַרויס דער וועלטענער הומאָר פון מענדעלי מוכר ספרים, וועלכער גיט זיי צו אַ בעזונדערע אָריגינעלע טיעפקייט.

מענדעלי מוכר ספרים איז דער פסעוידאָנים, אונטער וועלכען עס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אַלע אַבּראַמאָוויטש'עס יודישע ווערק; דאָס איז אָבער נישט נאָר אַן׳איינפאַכער ליטעראַרישער פסעודאָנים. בעפאָר ער האָט געשאַפען די פּערזאָנען, וועגען וועלכע עס רעדט זיך אייגענטליך אין זיינע ראָמאַנען, האָט אַבּראַמאָוויטש'עס פאַנטאַזיע אויסגעטראַכט איינע, וועלכע דאַרף זיי אַלעמען בעטראַכטען פונ'ם שטאַנדפונקט פון זיין אָריגינעלער פערזענליכקייט, און די פּערזאָן איז עס מענדעלי מוכר ספרים. ער איז דער כלומרשטער מחבר אָדער לכל הפּחות דער אַרויסגעבער פון די אַלע ראָמאַנען. הינטער איהם האָט אַבּראַמאָוויטש נישט נאָר בעהאַלטען זיין נאָמען, נאָר געוויסערמאַסען אויך זיין פערזענליכקייט גופא.

מענדעלי איז אַ יוד פון אַלטען דור, מיט זיין אויסערליכען אויסזעהן אונטערשיידעט ער זיך אפילו אויף אַ האָר נישט פון אַלע יודען, וואָס מען טרעפט אין די שטעדטליך, אויפ'ן יריד אָדער אין בית המדרש. אין זיינע געשעפטען האָט ער מעהר צו טאָן מיט דער פרומער וועלט, ווייל דער גרעסטער טייל פון די ביכער, וואָס ער פיהרט אַרום, זענען סידורים און מחזורים. אַז ער קומט אין אַ שטאָדט אָדער אין עפּעס אַ ישוב מיט זיין וועגעלע, און וועלכען ס'איז איינגעשפּאַנט איין בידנע קליאַטשע, שטעלט ער זיך געוועהנליך אָב מיט זיין וועגעלע ספרים ביי דער טהיר פון בית המדרש. אָנהויבענדיג זיינס אַ ספור־מעשה, דאַנקט ער שטענדיג דעם בורא עולם, וואָס ער האָט איהם געשאָנקען געזונד און כחות, א. א. וו., ווי דער מנהג איז ביי מחברים פון הייליגע ספרים. ווי אַלע יודען, האָט אויך מענדעלי אַ גרויסע משפּחה, שטענדיג איז ער פערטראָגען און האָט שוין געהאַט און אויסגעפּרובירט טויזענדער עסקים.

נישט קוקענדיג אויף זיין געביל'דיגען אויסזעהן און זיין זעהר אָרימען מעמד, איז מענדעלי נישט קיין געוועהנליכער יודעל. „אַז איך קוק, זאָגט ער אַליין וועגען זיך, מאַך איך דערביי צו אַביסעל די אויגען, ווי אַ קורצזיכטיגער, און אַז איך פערציה די ליפּען זעהט עס

יאָהר. זעהט אַבּראַמאָוויטש'עס אויטאָביאָגראַפיע אין „ספר זכרון".

עפּים גאָר אוים, ווי איך שמײכעל מיט אַ שטעכענדיג געלעכטעריל״ 1)
מיט זיינע האלב־צוגעמאַכטע אויגען זעהט מענדעלי פיעל אַזעלכע זאַכען,
וואָס אַנדערע וואָלטען עס אפילו נישט בעמערקט, און זיין אידאָגישער
געלעכטעריל איז דער סאַמע האַראַקטעריסטישסטער שטריך אויף
זיין פנים. קיינער קען נישט אַזוי גוט, ווי ער, דעם מאַסען־יודען מיט
אַלע זיינע בעהאַלטענע ווינקעלעך פונ׳ם האַרצען, מיט אַלע קלענסטע
בעוועגונגען פון זיין קערפּער. איז דען מענדעלע ווירקליך נישט דער
סאַמע יוד צווישען יודען? „איך בין דאָך, — שרייבט ער פון זיינע
העלדען, און די ווערטער בעציהען זיך פאַר אַלעם צו איהם אַליין —
אַ חלק פונ׳ם כלל מענשען, פאַר וועלכע מיין לעבען איז דאָ בע־
שריבען, איך בין אַ פּעדעמיל, איינגעוועבט אין איינעם מיט זיי, אין
דעם גרויסען שטיק מאַטעריע, וואָס געהט אין דער וועלט, פון איי־
ביגע צייטען, אונטער דעם נאָמען „יוד״. אָנקוקענדיג מיך, וועלען זיי
צוגלייך אָנקוקען טאַקי זיך אַליין. דאָס, וואָס זיי וועט געפעלען, אָדער
נישט געפעלען ביי מיר, וועלען זיי עס געפינען אויך ביי זיך און, האָ־
בענדיג פאַר זיך אַ שפּיגעל אין מיר, וועלען זיי זעהן, וואָס פאַר אַ
פּנים זיי האָבען״ 1). „אויב אימיצער וועט קיין צייט ניט האָבען און
מאַקי באַלד וועלען וויסען כל דבר שורש, איטליכעס פּיצעלע, מעג
ער זיך מטריח זיין צו מיר צו שרייבען און וועט בעקומען פון מיר
אין גיכען אַ קלאָרע תשובה. מיין אַדרעס איז: מענדעליו מוכערו ספאָ־
רימו אוב צוויאַטשישטשו. דעם טיטעל גאָספּאָדינו יעווריעיו בעדאַרף
מען ניט שרייבען, מען וועט אַזוי אויך וויסען״. 2)

דאָך, האָטש ער איז געבוירען געוואָרען אין אַ ליטוויש שטעד־
טיל און האָט פון קיין אַנדער וועלט נישט געוואוסט, האָט עס איהם
נישט געשטערט, צו בעטראַכטען זיך אַמאָל מיט אויגען פון אַ קריטי־
קירענדיגען בעאָבאַכטער און צו אַנאַליזירען זיין אייגענע נשמה און
די נשמה פון זיינע אַרומיגע. ער זאָגט, למשל, אויף זיך אַליין
עדות, אַז אין איהם ליגען צוויי מענדעלעך, און ווען איינער פון די
מענדעלעך רעדט, אַרבייט, פּיהרט עסקים, מאַכט פּלאַנען א. א. וו.,
שטעהט דער אַנדערער און קוקט זיך־צו, פערגלייכט און טראַכט.
ער קוקט זיך צו צו זיך אַליין, צו דעם לעבען, וואָס איז אַרום איהם

1) פישקע דער קרומער.
2) ווינשפינגערל.
3) פישקע דער קרומער.

אין בעמערקט באַלד אַלע ווידערשפּרוכען, אַלע אונגאָרמאָלקייטען פון זיין נשמה, אַלע תהום׳ען, וואָס ליעגען צווישען די גרויסע פערלאַגען און קליינע מיטלען, צווישען פערפיינערטע נערווען און אָבגעשוואַכטע מוסקולען, צווישען דעם אָפיציעלען טיטעל „עם סגולה״ און דעם ווירקליכען צושטאַנד פון אָרימע לייט און הענדלער מיט אַלטע קליידער. (1

און אַז מענדעלע זעהט דאָס אַלץ, לאַכט ער. זיין געלעכטער איז אָבער ביטער און פערוואונדעט טיעף דאָס האַרץ. זיין געלעכטעריל איז אַ גרימאַסע און, בשעת ער לאַכט, גיעסען זיך ביי איהם פון די אויגען בלוטיגע טרערין; זיין געלעכטעריל איז דאָס, וואָס מען רופט אין דייטש „גאַלגענהומאָר״; ווען ער זאָגט עפּעס שטענדיגעם, גלייך ווי ער מיינט גאָרנישט, מאַכט ער אַ עניו־פּנים׳ל. די ווערטער, וואָס ער זאָגט אַרויס, האָבען אָפט אַ צווייענדיגע בעדייטונג אַזוי, אַז יעדערער קען זיי פערשטעהן, ווי ער וויל. איז דאָס וואָרט אָדער דער זאַץ אַרויסגערעדט, מאַכט ער אַ פּויזע, שטעלט דריי פּינקטלעך בעדייטענדע פּונקטען, כדי צו ווייזען אונז צום סוף אַ מינע פון אַ צעשמייטען מענשען. וועלכער טראַכט גאָר וועגען אַנ׳אַנדער זאַך: נישט דאָס בין איך אויסען.

און ווען מענדעלע האָט אַ קאַלטען פּנים און זיינע ליפּען זענען פערצויגען מיט אַ ביטער, איראָניש געלעכטעריל, דאַרף מען דאָך נישט רעכנען, אַז ער האָט אויך אַ פּאַטער־האַרץ, וואָס איז נישט עמפּפינדליך פאַר צאַרטע און איידעלע געפיהלען; מענדעלע האָט, ווי אַבראַמאָוויטש אַליין, פערקעהרט, אַ נאַאיווע און אונשולדיגע נשמה פון אַ פּאָעט.

אַז איהם קומט אויס דורכצופאָהרען אויף זיין וועגעלע דורך די תבואה־פעלדער, דורך די בערגלעך און טאָלען פון דער פּוילישער אָדער ליטווישער נאַטור, פערשטעהט ער, צו געניסען פון דעם פּנעם לאַנדשאַפט און צו פיהלען די שטומע, פריעדליכע שענקייט. אָפט, בשעת ער פיהלט, אַז קיינער זעהט איהם נישט, פערשווינדט פון זיין פּנים די גרימאַסע, זיינע גרויסע פונאַנדערגעעפענטע אויגען בעקומען אַ רחמנות׳דיגען און אַנ׳אונענדליך־מילדען אויסדריק און וואַרימע טרערין גיסען זיך איבער זיינע אַלטע אויסגעטריקענטע באַקען.

1) זעהט דעם קריטישען אַרטיקעל וועגען אַבראַמאָוויטש׳ן פון גר-צדק (דר׳ על־יאַשעוו), „די יודישע פאַמיליע״ ביילאַגע צום „יוד״ 1202.

איז ער דען שולדיג, ווען דאס יודישע לעבען צווינגט צו פערגיסען ביטערע טרערין אפילו אין די לוסטערסטע מאמענטען פון דער עקזיסטענץ און נויטיגט צו צומישען צו א טיעף־לירישער אויסערונג אביסעל איראניע, וועלכע מאכט נאכדעם אזא טרויעריגען איינדריק!

דאס איז די אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון מענדעלע מוכר ספרים, דעם געניאלען טיפוס פון אבראמאוויטש'עס ראמאנען. ווייטער וועלען מיר האבען די געלעגענהייט מיט איהם נעהנטער בעקאנט צו ווערן, בשעת מיר וועלען גענוי בעטראכטען די ווערק, אין וועלכע זיין נשמה און גייסט האבען איבערגעלאזען א זכר.

די פאבולע אין אבראמאוויטש'עס ראמאנען איז מייסטענס נישט זעהר בעדייטענד. זיינע ראמאנען זענען אין דער אמת'ען נישט אנאליז פון א געוויסער ליידענשאפט אדער א געוויסען כאראקטער, פון זיין געבורט אן ביז זיין ענטוויקלונג. ווי דיקענס ראמאנען, מיט וועלכע זיי האבען אויסערדעם אויך נאך אנדערע ענליכקייטען, זענען אבראמאוויטש'עס ווערק נאר „שטיקער צייג, וואס זענען צוזאמענגענייט געווארען איינע נאך דער אנדערער". 1) יעדעס קאפיטעל איז אונאבהענגיג פון די אנדערע און מען קען איהם אפט, נישט ענדערנדיג זיין אלגעמיינעם זין, נאר מיט דעטאיל־ענדערונגען, ארייננשטעלען אין א'אנדער בוך פון דעם זעלבען מחבר אדער ארויסגעבען אין א בעזונדער אויסגאבע, ווי מען האט עס טאקי געטאן דערנאך מיט איינינע קאפיטלען.

דער קינסטלער־טאלענט פון אבראמאוויטש'ען ווייזט זיך בעזונדערס ארויס אין דעם, ווי ער שילדערט די איינצעלהייטען, זיינע פארטרעטען, זשאנר־בילדער, — און די איינהייט פונ'ם ווערק בעשטעהט נאר אין דער איינהייט פון דער שילדערונג. אזוי זעהען מיר, למשל, ווי אבראמאוויטש, דער אויסגעשפראכענסטער רעאליסטישער קינסטלער, וועלכער ארבייט, ווי עס דוכט זיך אויס, מיט א פערגרעסערונגס־גלאז אין האנד און פון וועמענס ווערק מען קען גענוי זעהן זיין זעלטענע פעהיגקייט צו בעאבאכטען און צו מאלען, נעהמט אלס אינהאלט פאר איינעם פון זיינע בעסטע ראמאנען, „פישקע דעם קרומען" א מעלאדראמאטישע מעשה, וועלכע איז פול מיט אונוואהרשיינליכע געשעהענישען און האט פיעל אלגעמיינעם, און געוויסע איינצעלהייטען מיט דער מעשה וועגען „די צוויי יתומים" פון אדאלף ענערי. דער

1) טען, די געשיכטע פון דער ענגלישער ליטער. ב. V דיקענס.

לעזער ווידער אינטערעסירט זיך נישט אַזוי פיעל מיט דער מעשה אַן און פאַר זיך, ווי מיט די בילדער, וואָס זענען אין איהר אַהײנגעשטעלט. די אונגעלומפּערטע פאָרם פון דעם מעשה־פּלאַן גופא שטרײכט אָך שאַרפער אונטער די זעלטענע שענהייט פון די אײנצעלנע ערטער, וואָס דער פערפאַסער האָט אַרײנגעשטעלט.

אין „דעם ווינשפינגעריל", דעם צווייטען גרויסען אַבראַמאָוויטש־עס ראָמאַן, עקסיסטירט, קען מען זאָגען, כמעט איבערהויפּט נישט קײן מעשה. דאָס איז אַ געשיכטע וועגען אַ יודישען יונגעל, אַ קינד פון אָרימע עלטערן, וואָס איז כלומרש'ט פון יונגעל אַלײן געשריבען און אַרײנגעגעבען און אויסגעבעסערט האָט עס כלומר'שט מענדעלע מוכר ספרים. די פערשיעדענע קאַפּיטלען זענען אין איהם אַזוי שוואַך צוזאַמענגעבונדען, דאָס, חאָטש די ערשטע אויסגאַבע איז פערעפענטליכט געוואָרען אַרום 1865־טען יאָהר, האָט דער פערפאַסער פון צייט צו צייט צוגעגעבען נײע קאַפּיטלען, וועלכע דער לעזער פלעגט אויפנעהמען מיט דאַנקבאַרקייט און בעוואונדערונג; דערבײ האָט ער נישט אַרויסגעוויזען קײן אונגעדולד, וואָס מיר בעקומען בשעת מיר לעזען אַ נישט בעאַרבײטען און נישט פערענדיגטען בוך. „דאָס ווינשפינגעריל" איז אַ מאָזאַאיק, אין וועלכער יעדער שטײן איז אַנ'עמאַיל און רופט אַרויס אונזער בעוואונדערונג און התפעלות נישט דערמיט, וואָס ער איז רעגעלמעסיג צוזאַמענגעשטעלט, נאָר דורך דעם, וואָס די עלעמענטען, פון וועלכע ער איז צוזאַמענגעשטעלט, זענען זעלטען שען.

אײער מיר געהען איבער צו דער גענויער בעטראַכטונג פון זײן טאַלענט, פון זײנע קינסטלערישע בעזונדערהייטען, דאַרפען מיר נאָך דערמאָנען פון אַבראַמאָוויטש'עס אַנדערע ווערק די ערצעהלונג „שלמה ר' חיים'ס", וועגען וועלכער מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען, ווי וועגען אַנ'אויטאָביאָגראַפישעס ווערק. „קיצור מסעות בנימין השלישי" איז אַ קאָמישע און צוגלײך אַ פאַנטאַסטישע מעשה וועגען צוויי יודען, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צו פאָהרען און אויפצוזוכען די צעהן שבטים, וואָס זענען, לויט דער יודישער לעגענדע, הינטער די הרי חושך. נאָך אַ לאַנגען אויפענטהאַלט אין דער שטאָדט טעטעריווקע (בערדיטשעוו), וועלכע זיי האָבען אָנגענומען פאַר דער שטאָדט „סטאַמבול", און נאָך אײניגע אונאַנגענעהמע סורפּריזען, איז בנימין מיט זײן חבר צוריק געקומען אַהײם. דאָס בוך איז געשריבען פון אָנהויב ביז'ן סוף אין אַ הומאָריסטישען טאָן און ענטהאַלט זעהר פיעל אינטערעסאַנטע בעשרײבונגען פונ'ם לעבען

פון די יודען, וואס מען רופט „בטלנים", ד. ה., וואס לעבען אויפ'ן חשבון פון קהל אדער אויף דעם חייב'ס הארעוואניע און פערברענגען דעם גאנצען טאג אין בית המדרש בײם דאווענען, לערנען; בעזונדערס אבער האבען זיי ליעב צו רעדען פון „פאליטיק" 1).

אין אלע זיינע ווערק, אויסער דעם העברעאישען ראמאן, וועלכען מיר האבען שוין דערמאנט און אין וועלכען עס ווערט בעהאנדעלט דער קאמפף צווישען אלטען און נייעם דור, האט אבראמאוויטש בעשריעבען נאר דאס אלטע יודישע לעבען, אזוי, ווי דאס האט עקזיסטירט אומעטום מיט א דור צוויי צוריק און עקסיסטירט נאך עד היום אין פיעלע קליינע פוילישע און ליטווישע שטעדטליך. ער בעמיהט זיך בעזונדערס צו בעשרייבען דאס פאלקס-לעבען, זיינע זיטען, געוואוינהייטען, געשעפטען און איינריכטונגען. די מעהר חאראקטעריסטישע טיפען פון זיינע ראמאנען זענען צוגלייך קאלעקטיווע טיפען, ד. ה., זיי בעזיצען פאר אלעם אזעלכע שטריכען, וואס זענען חאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער פאלקס-מאסע.

די אלגעמיינע שטריכען זענען אין ערגעץ נישט אזוי צאהלרייך, ווי ביי דער יודישער מאסע, וועלכע איז דורך איהר לעבען אין געטא אבגעזונדערט געווארען פון יעדער בעריהרונג מיט דער אויסערליכער וועלט; צוגלייך ווידער איז זי געוועזן אונטערגעווארפען א העלבסט

1) אבראמאוויטש האט אויך אנגעשריעבען א גרויסע צאהל נאוועלען (זעהט די ביבליאגראפיע נאטיץ, וואס מיר האבען שוין ציטירט), וועלכע שטעהען, לויט בעאבאכטונגס-שארפקייט און הומאר, נישט ניעדעריגער פאר די בעסטע פון זיינע ראמאנען. זיי זענען כמעט אלע דערצעהלט געווארען אין נאמען פון מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האט אומעטום איין און דיזעלבע פיזיאגאמיע. די נאוועלען קענען, לויט זייער פאן און פארם, בעטראכט ווערען אלס בעזונדערע קאפיטלען, וואס זענען ארויסגעריסען פון דעם אדער יענעם אבראמאוויטש'עס ראמאן. מען דארף נאך דערמאנען אבראמאוויטש'עס אלעגארישע פאעמע „יודעל" (1875), וואו ער דערצעהלט אין 4000 פערזען די געשיכטע פון דעם יודישען פאלק צייט מתן תורה ביז הייטיגען טאג. דער פאעטישער ווערט פון דעם ווערק איז כמעט א נול. דאס דראמע אין 5 אקטען, וועלכעס רופט זיך „דער פריזיו" און איז פון אבראמאוויטש'ען פערעפענטליכט געווארען אין 1884-טען יאהר, האט דיזעלבע ליטעראַרישע מעלות און ענטהאלט דעם זעלבען פסיכאלאגישען אמת, וועלכע מיר האבען שוין קאנסטאטירט, בשעת מיר האבען בעטראכט זיין ערשטע דראמע „די טאקסע".

שטרענגע אינערליכע מאָראַל און אינטעלעקטועלע לעבּענס=מנהגים.
און קיינער האָט נישט געזעהן בּעסער פאַר אַבּראַמאָוויטש'ען אָט די
אַלגעמיינע שטריכען; קיינער האָט נישט געקענט בּעסער פאַר איהם
פונאַנדערלעגען און ערקלערן דאָס קאָמפּליצירטע בּעשעפעניש, פול
פון געגענזאַצען, וואָס דער געטאָ=יוד שטעלט פאָר. אפילו אין דער
קלענסטער תנועה, אין יעדען וואָרט פון די מעהר אונבּעדייטענדע
פערזאָנען זיינע, קען מען דאָך דערזעהן דעם יודען. אין זיינע מעהר
געלונגענע פאָרטרעטען בּעוויזט זיך אונז נישט אַזוי פיעל די קאָנקרע=
טע פּערזאָן, ווי דער קאָלעקטיווער אָריגינאַל, פון וועלכען דער אינ=
דיווידואום איז נאָר איינע פון די צאָהלרייכע קאָפּיעס. מענדעלע אַליין,
דער סאַמע בּעדייטונגספולער און חאַראַקטעריסטישער פון זיינע העלדען,
איז פאַר אַלעם נאָר אַ קאָלעקטיווער טיפּוס, אַ סימבּאָל פון אַלע
מעלות און חסרונות פונ'ם פערצייטיגען יודען. ווי וועגען איהם אַליין,
אַזוי אויך וועגען יעדערן פון זיינע ראָמאַנען=העלדען, קען מען זאָגען,
דאָס זיי זענען יודען פון קאָפּ בּיז די פיס.

אין די שטעדט פון תחום, צווישען וועלכע די בּעריהמטסטע
זענען גלופּסק, קאַבּצאַנסק און טונעיאַדאָווקע, שווימעלט און גריבּעלט
עס פון אַ בּעפעלקערונג מיט אייגענטימליכע זיטען און געוואוינהייטען,
וואָס איז אָבּגעזונדערט פון דער אַרומיגער וועלט דורך דעם צווייעדי=
גען צוים: פין בּעגרענצונגס=געזעצען און איהר מיזענדיאָהריגער קול=
טור, וואָס איז געניינט צו בּעטראַכטען זיך אַלס דעם צענטרום פון
דער מענשהייט, זיך צו האַלטען פאַר „אתה בחרתנו'קעס”.

„אַמאָל אין דער יוגענד האָט ער געמיינט,— שרייבּט הערשעלע
אין ווינשפינגעריל,— ווי אַ וואָרעם זיצענדיג אין חריין, אַז קיין בּעסערס
פון קאַבּצאַנסק איז גאָרנישטאָ. קאַבּצאַנסק אַליין טאַקי איז
איין שטאָדט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּיק איהרער, פונקט
אין רעכטען מיטען, ווייטער אין דער זייט, איז שוין מדבר, פאַר=
לעגענע ערטער מיט ווילדע חיות. מענשען, וואָס מענשען הייסען,
אתה=בחרתנו'קעס, סאַמע ציממעס, זענען נאָר דאָ; פאַר זיי אַליין
שיינט די ליכטיגע זון בּיי טאָג, די לבנה און שטערן בּיי נאַכט און
גאָט גיט זיך אָפּ, האָט מעהר נישט צו טאָן, נאָר מיט זיינע קאַבּ=
צאַנסקער יודען... ער גיט רעגען פאַר זייערע בּהמות, וועגען—
ציגען זאָלען האָבּען פּאַשע, אויך קאָלישעם וואַסער אויף צו טרינקען,
בּכדי צו פערשפּאָרען אָפּפּרעסען די שטרוי פון יודישע דעכער און
לעקען די ווענט פונ'ם בּית המדרש. ער גיט בּרוקענע שענע פּאָגאָדע
די ווייבּער זאָל זיין גוט צו געהן פריטיג אין יאַטקע, אין מאַרק אַריין.

איינצוקויפען אויף שבת. ער מאַלט אַ גרויס געדעמעניש אין קאַרטאָפּ־לעס, ציבעלעס און קנאָבעל, יודלעך נעביך זאָלען האָבען וואָס צו עסען. הכלל עס דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט דער היטער פון ישראל, ער אַרבייט מעשים, קעהרט אַ וועלט נאָר צוליעב זיי ... דערפאַר בלאָזען איהם יודען שופר, זינגען איהם אַ מלך עליון און שפּרינגען קדושה, דערפאַר מאַכען זיי פון זיין כבוד וועגען אַ לאָקשען־קוגעל — שבת, קניידליך און חרעמזיל — פסח און געהען אַ טענציל לעבעדיג פרעהליך צו די הקפות שמחת תורה". 1)

ליידער אָבער ווידערשפּרעכט זעהר שאַרף די ווירקליכקייט פון זייער מאַטעריעלען לעבען דער הויכער מיינונג, וואָס די קאַבצאַנסקער יודען האָבען וועגען זייער שטאָדט.

„די קאַבצאַנסקער בעלי־בתים זענען, נישט פאַר אייך געזאָגט, גרויסע אביונים, האָבען נישט, איהר זאָלט זאָגען, אַ צוברעכענעם גראָשען ביי דער נשמה, און קאַבצאַנסק אַליין איז פאַר זיי נישטאָ קיין שום פּרנסה, סיידען איינער צום אַנדערן מיט אַ מאַרבע אין די הייזער אַרומציגעהן. זאָל פּרובען איינער מאַכען עפּיס אַ געשעפטעל, אַ קלייטיל אַ שטייגער, באַלד טאַקי טהוט איהם דער איבריגער עולם נאָך, און וויפיעל יודען אַזוי פיעל קלייטליך, קרעמער זענען דאָ ווי מיסט און אַ קונה נישט איינער. דעסגלייכען איז אין אַנדערע זאַכען". 2)

נאָר נישט קוקענדיג, וואָס קאַבצאַנסק איז אַזוי אָרים, אָדער אפשר דוקא דערפאַר, שפּיעלט זי אַ גאַר הויכע סאָציאַלע ראָלע. זי שטעלט עס צו קיין גלופּסק, וואָס נויטיגט זיך אין דעם זעהר שטאַרק, דעם נויטוועגדיגען קאָנטינגענט מלמדים, בעהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, יודען מיט פערשיעדענע קראַנקהייטען, אַמען, דיענסט־מיידלעך א. א. וו.

„די דאָזיגע לעבעדיגע סחורה גילט אין גלופּסק משונה שטאַרק, האָט דאָרטען אַ גרויסען אָבגאַנג, און קאַבצאַנסק פון איהר זייט, וואָס אַרבייט געשמאַק לטובה הכלל, און פאַבריצירט אַזאַ סחורה צו בעגלי־קען די וועלט, איז דערמיט זיך זעהר מיהס. דעריבער זענען אַלע קאַבצאַנסקער יודען מיוחסים. אַז מען בעגעגענט אַ יודען עפּעס אַ ווילדען בעל גאוה, האָט מען דעם סימן, אַז ער מוז זיין אַ קאַב־

---

1) „הינטפינגערל".

2) . .

צאנסקער" 1).

יעדענפאלס, קאבצאנסק איז נישט די איינציגע שטאדט פון דעם בין און די איבריגע יודישע שטעדטלעך האבען זיי נישט, וואס מקנא צו זיין.

ווען איהר פרעגט, למשל, פלוצלינג א יודען אין טונעיארעווקע, שרייבט אבראמאָוויטש, פון וואנען לעבט איהר? ווערט ער אייך קודם כל מבולבל און ווייס נישט, וואס צו ענטפערן. ערשט ווען ער איז שוין אביסעל געקומען צו זיך, דערמאנט ער זיך און ענטפערט אייך בתמימות: פון וואנען לעב איך? עס איז דא ב"ה א רבש"ע, וואס פערלאזט נישט קיין בעשעפעניש. ער גיט חיונה און וועט אי"ה ווייטער לאזען לעבען. אבער וואס איז אייער פרנסה? פרעגט איהר ווייטער. צי זייט איהר א בעל מלאכה, צי האט איהר גלאט אַנ׳עסק? — געלויבט צו גאט, אט אזוי ווי איהר זעהט מיך, ענטפערט ער, האט מיר דער אויבערשטער געגעבען א מתנה, א טייערע כלי, א פיינעם קול׳כיל און ימים נוראים פאהר איך אין א דערבייאיגען שטעדטיל, און בין מיר א חזן, און בין מיר אויך א מוהל; פון צייט צו צייט בין איך מיר אויך א שדכן. איצט בין איך, אבער עס זאל בלייבען צווישען אונז, א בעל הבית אויף א בעהאלטענער שענקעל; איך האב מיר א ציעג, וואס לאזט זיך מעלקען און נישט ווייט האב איך א ווייטען קרוב, וואס לאזט זיך אויך מעלקען, און סוף כל סוף, האב איך אייך דאך געזאגט, מיר האבען א פאטער אין הימעל און ער פערלאזט נישט הו"ש זיינע קינדער.

דאס פערלאזען זיך אויף גאט, וואס דריקט זיך אזוי נאאיוו אוים ביי די פרעהליכע קבצנים פון טונעיאדעווקע, איז, אין אלגעמיין גענומען, געווען דער איינציגער יסוד, אויף וועלכען ס׳האט זיך געשטיצט דער גאנצער בנין פונ׳ם פערצייטיגען יודישען לעבען. מיט דעם בטחון אויף גאט האבען די בעלי בתים פון קאבצאנסק חתונה געהאט און אהן שום דאגות געפרוכפערט זיך און געמעהרט.

„די עלטערן זיינע האבען פון איהם גיים געבוירען ווערן נישט געמאכט אזא פירוש. זיי איז נישט איינגעפאלען אפילו צו טראכטען א ווילע, צו וואס האבען אזעלכע קבצנים ווי זיי אראבגעבראכט אויף דער וועלט א לעבעדיג בעשעפעניש, אויף צרות נאר פאר זיך און

1) ווינשפינגעריל.

2) קיצור מסעות בנימין השלישי.

אויך נאָר פאַר איהם. אָדער וואָס האָט מען מיט דעם נפש צו טאָן
עפּעס אַזוינס, אַז דאָס לעבען, וועלכעס זיי האָבען איהם געשענקט,
זאָל איהם ניחא זיין און ער זאָל נישט שפּעטער האָבען צו זיי קיין
טענות: געוואַלד, וואָס האָט איהר מיך געהאַט!... נאַרישע זאַכען
ח'לעבען! די מאַמע האָט געטאָן איהר זאַך, איהם געטראָגען און גע=
האָט פּשוט אָהן חכמות. אויף דערויף איז זי דאָך אַ יורענע, זי זאָל
קינדלען. וואָס דען? אפילו אַ הון, להבדיל טוט אויך, וואָס גאָט
האָט געבאָטען — לייגט זיך און קוואָקעט, נישט צו פרעגען קיין
קשיות. דעם טאַטען ווידער האָט עס אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגע=
מאַכט, מילא איז דאָ נאָך אַ נפש, וואָס קען עס איהם אַרען? קיין
בויכווערטיג האָט דאָך עס איהם אויך נישט געקאָסט. בויכווערטיג
האָט דאָך די נקבה און אַז פאַר איהר איז רעכט, איז דאָך פאַר דעם
זכר אַ פשיטא!... אַי וואָס, ער איז אַ קבצן, מיט אַלע חן=געריבע=
לעך אַ קבצן און נאָך אַ צוגעקומען מויל בעדאַרף דאָך פּיקען? —
נישט מעהר גאָרנישט, לאָז זיך די וועלט זאָרגען, מיט דעם בטחון
טאַקי פריהער אויף גאָט, דערנאָך אויף דער וועלט, איז ער אַליין
דאָך, זיינע עלטערן און די עלטערנס עלטערן געבוירען געוואָרען.
וואַרטען אויף דרך ארץ, ביז מען וועט פאַר אַ יודישער נשמה אָנ=
גרייטען דאָ פריהער אַלסדינג, וואָס נויטיג איז צום לעבען, און דער=
נאָך ערשט זי אָבאַכטען אַהער צום גרייטען — דאָס קען אַ יוד נישט.
אַ יוד, אַז ער וועט זיך נישט שאַפען מיט געוואַלד, וועט ער מעגען
אייביג טאַקי דאָרט וואַרטען. עפּיס נישט אַזאַ מציאה, די וועלט
זאָל אָהן איהם חלילה זיך נישט קענען בעגעהן, האָט ער זיך אָבער
שוין דורכגעשטופּט און איז שוין דאָ מיט ביידע כים, שטופּט ער
זיך מיט גאָט'ס כח ווייטער, ווייטער. ער שטופּט זיך, קוועטשט זיך
מיט אַלע קרעפטען, פאָרינט אַרום, הינטען אַרום, אַלץ איינס, דורך
טהיר אָדער דורך פענסטער, שטופּט אַזוי אָב דאָס גאַנצע לעבען
און — גאָרנישט"... 1)

אין די יודישע שטעדט, וואו איין גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג שטעלט זיך צוזאַמען פון סוחרים, קליינע קרעמער, וואָס פיהרען צווישען זיך אַ פאַרביטערטע קאָנקורענץ, בעשטעהט דער אַנ=
דערער, נישט קלענערער טייל פון אַלערליי בעלי מלאכות, שניידער,
שוסטער א. א. וו. נאָר דער אָנבאָט פון אַרבייט איז דאָ פיעל גרע=

1) ווינשפינגערל.

סער פאַר דעם, וויפיעל מען בעדאַרף, און די בעלי מלאכות ויצען אָהן אַרבייט און זענען געוועהנליך גרויסע קבצנים. און אויב די קאַבצאַנסקער בעפעלקערונג קען דאָך עקסיסטירען, חאָטש קיין פרנסה איז נישטאָ, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט ביז דאָס מינדעסטע פערקלענערט איהרע נויטיגסטע עקסיסטענץ־בעדערפנישען. אָט זענען, למשל, די זיטען, וואָס הערשען אין טונעיאַדאָווקע בנוגע צו דער הלבשה.

„צו וואָס, איך בעט אייך, זיך פוצען און פאַר וועמען זיך פוצען, אַז ביים טונעיאַדעווקער עולם איז אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, הוילע לאַפּעטקעס, בלויזע הערצער און אויסגעריבענע עלענבויגענס אויך זעהר רעכט, נישט חלילה אַזאַ פערברעכען, אַבי עס זאָל זיין נאָר אַ סימן פון זאָקען, פון תחתונים מחילה און אַ קאַפּאָטע?... אין טונעיאַדאָווקע מעגט איהר אויף מיין אחריות געהן אויף דער גאַס אין איין טלית קטן, צוחראַשטשעט, אָהן זאָקען־בענדלעך, נישט פאַרשפּיליעט, וואו מען בעדאַרף, און אויב חלילה איהר וועט הערן אַ קרום וואָרט, וועל איך שולדיג זיין"...[1])

נאָר נאָך ווייטער זענען אַוועק די יודען פונ'ם תחום אין זייער קאַמפּף מיט'ן מאָגען, וועלנדיג צו פּאַסען זיך צום אָרימען לעבען. הונגער איז אין זייערע אויגען אַ מין תאוה, וואָס מען קען דאָס נישט איינשטילען, און אַלע זייערע בעמיהונגען זענען געריכטעט אָבצונאַרען דעם מאָגען.

און זייערע בעמיהונגען בלייבען נישט אָהן ערפאָלג. שווער איז נאָר דער ערשטער שריט.

„אַ יוד אַבי ער האָט איינמאָל געגעבען אַ בראָך די מיאוסע תאוה פון עסען, מאַכט אידהם שוין די אכילה אַזוי נישט אויס און ער קען דאָס גאַנצע לעבען זיינס אָפּקומען כמעט מיט גאָרנישט. אַ היינט נאָך, אין אונזערע צייטען, געפינען זיך זעהר פיעל יודען, ביי וועלכע ס'איז דאָ נאָר אַ סימן פון מאָגענס, טאַקי עטוואָס, ווי אַ כזית. און ס'איז דאָ אַ גרויסע האָפנונג, אַז מיט דער צייט — די טאַקסע, בעלי שובות און דערגלייכען לאָזען גאָרנישט פערשטערט ווערן — וועלען זיי פונ'ם עסען אַלץ מעהר, מעהר זיך אָבגעוועהנען, ביז עס וועט קומען דערצו, אַז ביי יודען אין שפּעטערדיגע דורות וועט, חוץ מערידין, אפילו אויך קיין סימן פון קיין מאָגען נישט זיין. יודען וועלען דענס־

---

1) דאָס ווינשפינגעריל.

מאָל אין דער וועלט זעהר אַ שען פנים האָבען"... [1]

„אַך", זיפצט זיך אָב הערשעלע, דער העלד פון׳ם „ווינשפינגעריל", וועלכער האָט פערבראַכט זיין קינדהייט אין קאַבצאַנסק, „ווען נישט דאָס עסען, ווען נישט דאָס עסען, וואָלט דאָס לעבען אין קאַבצאַנסק... קינדווייז געווען זעהר אַ גליקליכעס, ווי אין גן עדן!" [2] הערשעלע איז אָבער געווען נאָר אַ קינד, וואָס האָט נישט פערשטאַנען די לעבענס-פילאָזאָפיע פון די קאַבצאַנסקער און טונעיאַדאָווקער בעלי בתים. די „גרויסע", די „טאַטעס" האָבען אָבער יאָ געוואוסט און האָבען זיך מיט דעם גערעכענט.

דאָס, וואָס צייכענט איים אַזוי בולט די אָרימקייט פון די קאַבצאַנסקער און טונעיאַדאָווקער יודען און וואָס גיט איהר צו אַזאַ אייגענטימליכען האַראַקטער, איז פאָלגענדעס: דאָס איז נישט קיין אָרימקייט פון איינציגע מענשען, וואָס זענען געקומען צו אַזאַ עלענדען מצב איבער אַ קראַנקהייט אָדער וויל זיי פעהלט צייטווייליג אַרבייט, דאָס איז אפילו נישט קיין ספעציעלער מעמד פון אַ געוויסען קלאַס מענשען, וועלכער מאַכט דורך אַן׳עקאָנאָמישען קריזיס; דאָס איז דער מצב פון אַ גאַנצען פאָלק, וועלכעס בעשטעהט פון איין קלאַס מענשען און פאַר וועמען די אָרימקייט איז אַ חראָנישע קראַנקהייט, אַ היסטאָרישער מצב, וואָס ווערט איבערגעגעבען בירושה פון טאַטען צום זוהן און וואָס האָט איבערגעלאָזען אַ זכר אויף די זיטען, אידעען, שפראַך, אויף דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען פון דעם פאָלק.

אַז „פישקע דער קרומער", וואָס האָט אָנטייל גענומען אין אַ קאָמפּאַניע יודישע וואַנדערנדיגע בעטלער, ערקלערט זיינע צוהערער, וואָס פאַר אַ פערשיעדענע מינים עס געפינען זיך אין דער וועלט פון בעטלער, הויבט אָן מענדעלע, וואָס איז בעקאַנט געווען מיט אַלע יודישע סביבות, אויסצורעכענען די אָרימעלייט אויף אַן׳אַנדערן, בעסערן אופן, און אַלטער, זיין חבר אין וועג, רעזיומירט דעם מצב אין פאָלגענדע ווערטער: „כל ישראל — איין קבצן." [3] אין קאַבצאַנסק איז דאָ נאָר איין מענש, וואָס מען רעכענט איהם פאַר אַ גביר: יודעל קאַבצאַנסקער, און וועגען זיין עשירות זענען אַרומגעגאַנגען פערשיעדענע פאַנטאַסטישע מעשׂות. אַ טייל האָבען געזאָגט,

---

1) פישקע דער קרומער.

2) ווינשפינגעריל.

3) פישקע דער קרומער.

אז אליהו הנביא האט דענסטמאל געשיקט דעם זיידען ר' שמעלק'ן „משלוח מנות" א יערלען ביטעלע מיט א פעניגעל , וואס פון דעם ביטעלע לאזט זיך קיינמאל נישט אויס ; אין איהם איז שטענדיג דא נאר אזוי פיעל געלד , וויפיל עס קען אריין , נישט מעהר , נישט ווייניגער . ווידער א טייל האבען געזאגט : ניין , אליהו הנביא האט געשיקט משלוח מנות ר' שמעלק'ן גאר א ווינשפינגעריל מיט דעם שם המפורש" 1) .

דאס בעטלען איז אין ערגעץ נישט אזוי פערשפרייט , ווי ביי דעם פאלק , וואו די אפילו , וואס זענען נאך נישט קיין בעטלער , מעגען האפען , אז באלד וועלן זיי עס ווערן . ווען בנימין , דער פיה־רער פון דער עקספעדיציע , וואס האט זיך אוועקגעלאזען זוכען די עשרת השבטים , דערלאנגט מיט פחד א פרעג , ווי וועט די עקספע־דיציע לעבען בשעת דער נסיעה אהן מיטלען , גיט איהם סענדעריל , וועלכענס צונאמען ס'איז „די יודענע" , דער סאנחא פאנצא פון דעם יודישען דאן קיחאט , די פאלגענדע תשובה : „איך מיין , האט סענ־דעריל געענטפערט בתמימות , — אבי ס'איז נאר דא הייזער , קען מען אין וועג געהן איבער די הייזער ; וואס טוען דען אונזערע יודען ? היינט געהט א טייל צו יענע אין די הייזער , דערנאך געהען יענע פון זייער זייט צו אנדערע אין די הייזער . ס'איז דאך א יודישע זאך , נאר א גמילות חסד ."

אין אבראמאוויטש עס ווערק בעקומט די בעטלער־טארבע כמעט די בעדייטונג פון א נאציאנאלען סימבאל . אין דער הקדמה צו „פיש־קע דעם קרומען" זאגט ער אין א ביטערן טאן : „מיר חלומ'ט זיך נאר בעטלערס , פאר מיינע אויגען שוועבט תמיד א טארבע , — די אלטע , גרויסע יודישע טארבע הענגט מיר תמיד , ווי יענעם מרה שחורה'ניק א לונג אין לעבער אויף דער נאז . וואוהין איך זאל מיך נישט קעהרען און ווענדען , זעה איך פאר מיר די טארבע ; וואס איך זאל נישט וועלן עפיס דערצעהלען אדער זאגען , קומט מיר אפער די טארבע ! אוי אלץ די טארבע , די יודישע טארבע !" 3)

אום ער זאל אבער קענען אריבערטראגען דאס דאזיגע ארימע לעבען , וואס גרענעצט זיך מיט בעטלעריי , מוז דער יוד בעזיצען אנ'אונ־

1) ווינשפינגעריל .

2) קיצור מסעות בנימין השלישי ז, 27 .

3) פישקע דער קרומער .

געוועזליכע ענערגיע. ווען מען זאָל איהם דערזעהן, ווי ער פיהרט גבֿ־
עסק אָדער טוט עפּיס געשעפט, וועט אַ מענש, וואָס וויים נישט די
אַלע בעדינגונגען פון זיין לעבען, מיינען, אַז דאָ ווערען געשלאָסען די
גרעסטע מסחרים. איהם וועט געווים אין קאָפּ אפילו נישט איינפאַלען,
אַז דאָ בייטען זיך מענדעלע און אַלטער מיט אַ התינה אויף אַ בבא־מע־
שה 3) אָדער אַזאַ מין געשעפט, וואָס אלטער פיהרט אויפ׳ן יאַרמעלינע־
צער יריד, בשעת ער פערשרכ׳נט אין איין בייז אײלעניש צוויי
בחורים 4).

אָט איז די אַלגעמיינע האַראַקטעריסטיק פון אַ יודישען יריד, גע־
שילדערט פון ר׳ אַלטער׳ן אַליין וואָס האָט צונויפגעפּאָרט צוויי בחורים.
„אַ יריד—אַ יריד, עס קאָכט, דער עולם איז גרויס, יודען מאַכען גע־
שעפטען, שטאַרק פערטראָגען, פשוט זיי לעבען. אַ יודעלע אויף אַ
יריד איז אַ פישעלע אין וואַסער. דאָרט, פערשטעהט איהר מיך, לעבט
עס. יעקב אבינו׳ס ברכה טאַקי: וידגו און זיי זאָלן זיך פישלען, בקרב
הארץ, — אויף דער וועלט.—אמת, ר׳ מענדעלי? שטעהט טאַקי אַזוי
געשריבען, ווי יודען זאָגען: „אויפ׳ן הימעל אַ יריד״? הייסט עס אַ פנים
די עולם הבא פאַר יודען איז אַ יריד!... מילא שטעהט, שטעהט נישט,
יודען ירידעווען, לויפען, האַנדלען, שטעהען נישט אַיין אויף איין אָרט.
צווישען די סוחרים זעה איך בעריל טעלעצע, אַמאָל אַ בעהעלפער, דער־
נאָך אַ משרת, היינט ר׳ בער, שטעהט מיט אַ גרויסע קלייט, פלאַמט
אויפ׳ן יריד. בקיצור גאָרנישט. ס׳איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכעניש, דאָרט
זעה איך לויפט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פאָרליך, פער־
שוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט
אַ טאַפּ, אַ מאַך אַ הין, אַ מאַך אַהער, אַ דרעה מיט׳ן גראָבען פינגער
און אַ קיי דאָס שפּיצעל בערדיל, געפאַלען אויף אַ המצאה. עס לויפען
גאָר אָהן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, מאַחליאַרקעס, קור־
לאַפּניצעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאָרבעס, מיט פינף פינ־
גער, בעל־הבית׳לעך מיט שטעקלעך, בעל־הבתים מיט בייכלעך — איט־
ליכען פלאַמט דאָס פנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדיל אַ מינוט. מילא
בקיצור גאָרנישט, עס האָט אויסגעזעהען, אָט האַפּען זיי דאָס גליק. אַי,
אַי, בין איך עס מקנא, ווי איטליכען געהט דאָס מזל! איטליכער פאַר־
דיענט, שעפּט געלד, און איך, שלימזול, וואָס? שטעה ווי אַ ליימענער

1) ישקי דער קרימער.
2) . .

גולם, פאַרלייגט די הענד נעבען מיין צעריסען ביידעל, בעהאַנגען פון ביידע זייטען מיט ציציות, קמיע'ליך און אינוועניג שמאַטעס, פעקליך ספרים. אַ קאַטאַוועס ח'לעבען תחינות, שרה בת טובים! שרה בת טובים איינגאַנצען איז ווערט אַ דרייער . . . גענוג לעג, צופידר זיך מיט איהר דאָ די הענד, מאַך חתונה אַ מיידעל! איך שילט אין הארצען זי, דאָס ביידעל, די דאַרע שקאַפע מיינע, הלואי וואָלטען זיי אויף דער וועלט נישט געווען! גענוג, מען בעדאַרף פרובען דאָס מזל. אויך עפּיס טאָן, אַרבייטען, השם יתברך קען אפשר רחמנות האָבען, וואָס דען? בקיצור עס פעררייסט זיך מיר דאָס היטעל, עס פערקאַטשען מיר זיך די אַרבל, מיינע פיס געהען צו, ווי צו זיך אַליין, צו אַ וואָגען, און באַלד טאַקע פיהל איך מיר אַ שטרויעלע, וואָס איז פונ'ם וואָגען פערקראָכען מיר גלייך אין מויל אַריין. מילא קיי איך מיר דאָס שטרויעלע און דער כוח מיינער אַרבייט, אַ קנייטשעלע אַהער, אַ הין און באַלד טאַקע אַ קלאַפּ מיט'ן פינגער אין שטערן! ס'איז דאָ! אַ שען געשעפטעל, — אַ שידוך צווישען צוויי סוחרים, לייטישע מענשען, וואָס שטעהען מיט קלייטען אויפ'ן יריד. פערשטעהט איהר מיך ווער? איינער איז ר' אליקים שאַראַגראַדער! דער אַנדערער ר' געציל גריידיגער. פאַרבייג איך מיר מיין עסק, אין דער ערד מיט'ן קאָפּ דאָס ביידעל מיט דער שקאַפּע מיט דעם דרוקער אינאיינעם! טהו מיך אַ געשמאַקען נעהם צום נייעם עסק'ל. למזל, עס דיהרט זיך . . . אַ האָפנונג עס וועט פאָהרען. בקיצור איך טרייב אָן, עס רוקט זיך. מיינער ווייסט נישט מעהר ווי קאָלענדרעווען, לויפען פון ר' געצל'ן צו ר' אליקום'ן, פון ר' אליקום'ן צו ר' געצל'ן; איך לויף שוין, ברוך השם, לייטען גלייך, שטאַרק בעשעפטיגט, נישט ערגער פון אלע יודען. 1)"

מיר ווייסען שוין, וואָס פאַר'אַ שען געשעפט אַלטער האָט געמאַכט, — אַ געשעפט, וואָס איז, איבריגענס, נישט ערגער אָפט פאַר די געשעפטען פון אלע יודען.

„אַ יוד, זאָגט מענדעלע, בשעת דער גסיסה אפילו, קוים דערהערט ער נאָר עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבעדיג און דער מלאך המות אפילו קען דעמסטמאָל צו איהם אויך נישט צוטרעטען.2)"

די פיעלע ציטאַטען, וואָס מיר האָבען געבראַכט, גיבען, האָפען

1) פישקע דער קרומער.

2) " " "

מיר, אַ קלאָרען און דייטליכען בעגריף וועגען דעם הומאָר פון מענדעלע מוכר ספרים.

דאָס גאַנצע יודישע לעבען ווייזט זיך אַרויס אין זיינע ווערק אַלס אוננאָרמאַל, אונזיניג, אַלס אַ קאַריקאַטור פון אַ לעבען. מיר זעהען דאָ פאַר זיך געוועהנליכע מענשען, וואָס, נישט זייענדיג קיין פרושים אָדער נזירים און האָבענדיג אַלע לעבענס-אינסטינקטען, קעמפפען זיי מיט אַלע כחות געגען דער תאוה פון הונגער און אַנדערע נאַטירליכע ליידענשאַפטען; סוחרים, וואָס זענען אין דער אמת'ן נאָר בעטלער; מיר זעהען אַן אונגעוועהנליכע פיזישע און גייסטיגע ענערגיע, און דאָס אַלץ טאָפּטשעט זיך נאָר אויף איין און דעם זעלבען אָרט! די פרוכטבאַרקייט פון יודענס עסקים קען מען פערגלייכען נאָר מיט דעם מורא'דיגען אימפעט עפעס צו שאַפען.

ווי דער העלד פון באָמאַרשע, „איילט זיך מענדעלע צו לאַכען פון אַלץ, כדי ער זאָל נישט גענויט זיין צו וויינען". דאָך ווערט זיין האַרץ אַמאָל פול און עס רייסט זיך אַרויס אַ שמערץ-געשריי, וואָס ריהרט כמעט נאָך מעהר ווי זיין געלעכטער.

אין „פישקע דעם קרומען" איז דאָ אַ בילד, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין זעלטענער שענקייט און צאַרטקייט: מענדעלע איז נאָכדעם, ווי ער האָט אַ גאַנצען טאָג איבערגעטראָגען פיעל צרות און ליידען, געבליבען אַליין אין שענק און האָט אויסגעגאָסען זיין האַרץ פאַר דער לבנה.

„איך פערלאָז מיין געלעגער, שפּרינג אַראָב גלייך צום פענסטער, צו עטעמען אַביסעל פריי און טהו אַ קוק אין דרויסען, אויף גאָט'ס וועלט.

אויפ'ן בלויען הימעל, שטיל, רוהיג, געהט די גילדענע לבנה, איהר שיינענדיג פנים איז זעהר ערנסט, עפּיס שטאַרק פערטראַכט. שאַ, אַרום און אַרום!..' איהר פערטראַכטקייט וואַרפט אויף מיר אָן אַ זיסע מרה-שחורה, זי רעדט עפּיס צו מיין האַרץ, די נשמה מיינע נעהמט זי מיר אַרויס מיט איהר איטליכען בליק. זי רופט אין מיר אַרויס אַ ים געפיהלען און עס טראַכט זיך, טראַכט זיך עפּיס גאָר פון זיך אַליין. עס טראַכט זיך פון דעם ביטערען לעבען, פון קריינקונג, אַלערליי ליידען מיט בעליידיגונג, פול פּלאָגען, אָנשיקענישען, אַלטע אויך נייע, און איך צופּיעסטע מיך פאַר איהר, ווי אַ שלאָף קינד נעבעך פאַר דער מוטער אוי, מאַמע, עס טהוט וועה!... אוי, ווערט מען עס פערשוואַרצט, קומט מען עס אָב!... קאַרג קאָפּדרעהעניש. בויכוועהטיג, — איז מען נאָך גרויס אין די אויגען; קאַרג אייגענע מכות און וואונדען האָט מען

נאָך אויסצושטעהן נעבראָטענע לייד; קוים. קוים וואָס מען זיפּעט, פאַרגינט מען נאָך ניט דאָס שטיקעל געפלאָגטע לעבען. אוי, מאַמע, עס שמאַרצט, אוי, עס טהוט וועה!... די לבנה קוקט אויף מיר מיט איהר ליכטיגער צורה, אַלץ ערגסט, פאַרטראַכט און דאַכט זיך, זי געהמט מיך איין: שאַ, בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?... דאָס האַרץ וויינט אין מיר נאָך מעהר, הייסע טרערען טריטען מיר אַרויס אין די אויגען, איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף מיין אָרעם, די זייט מיט דער אָבגעשוירענער פּאה דער לבנה אַ קעגען; נאַ, זאָל זי זעהן, זאָל זי זעהן!... עפּעס עפּענט זיך אין מיר אַ קוואַל פון געפיהלען, צופּען מיך ביים האַרצען, פאַרפלייצען מיר די געדאַנקען; די אויגען, אָנגעקוואָלענע, ווי די באַנקעס, קוקען אין דער וועלט אַריין מיט אַ ריהרענדיגע בעטע: געוואַלד, העלפט, האָט רחמנות! עס טוט וועה, וועה, וועה... אַזוי חאַפּט זיך אויף פונ'ם שלאָף ביי דער נאַכט אַ קראַנק קינד נעבעך, יאָמערט פונ'ם האַרצען פאַר זיך אַליין, קוקט מיט די אייגלעך, בעטענדיג רחמים. נישטאָ קיינער! קיינער הערט נישט! אַלע, אַלע שלאָפען, שאַ! אַ הינטעל נאָר שטעהט אויף דער גאַס וואַך, דער ווידעל צווישען די פיס, דער קאָפּ פאַרריסען הויך און בילט מיט אַ קאַלטער לעבער אַ קעגען דער לבנה. זי געהט איהר וועג רוהיג, פאַרטראַכט, פון אַ הונט'ס בילען, זיך גאָר נישט צו מאַכען...

אויפ'ן האַרצען ווערט מיר גרינגער. עפּעס וואַרעמט מיך אינוועניג אַ געפיהל פון האָפנונג און טרייסט אָהן ווערטער; אַזאַ געפיהל, וואָס אַ יוד פיהלט, אַז ער וויינט זיך אויס פאַר גאָט אויף זיינע צרות, אַזאַ געפיהל, וואָס מאַכט דעם מענשען ווייך ווי אַ טייג, גוט אָהן אַ ברעג, גרייט איטליכען אוועקצוגעבען די נשמה, אַרומצונעהמען די גאַנצע וועלט און זי אַ קוש צו טאָן פאַר גרויס ליעבשאַפט". 1)

דער זעלבער אבראַמאָוויטש, וואָס האָט געפונען, ווען ער האָט געדאַרפט, האַרטע, שטרענגע, בייזע ווערטער, אום אויסצודריקען זיין פעראַכטונג צום יודישען לעבען, האָט אויך צוגלייך געפונען זיסע, מילדע, צאַרטע ווערטער, ווען עס האָט זיך גערעדט נישט וועגען דאָס דאָזיגע עלענדע לעבען, נאָר וועגען די מענשען, וואָס זענען געוועזען געצוואונגען צו פיהרען אַזאַ לעבען, ווען ער האָט אויפגעהערט צו קוקען אויף דער קליאַטשע, וואָס האָט זיך געליינט אויף די פיס און געדרהט אין בלאָטע, און האָט בעמערקט דעם פערשאָלטענעם פּרינץ,

---

1) Jbidom, ז. 61-62.

זאָס איז אָבגעריינינגט און פערעדעלט געוואָרען דורך די ל י י ד ע ן . קיין זאַך קען זיך נישט פערגלייכען מיט די בילדער, וואָס ער האָט אונז געגעבען בנוגע צו דעם נשמה=צושטאַנד ביים יודען, בשעת עס קומען אָן די ימים נוראים , ראש=השנה און יום=כפור, ווען אונטער די פענסטער פונ׳ם שטאָדט=חזן קלייבען זיך צוזאַמען אַ׳עולם מענשען , כדי צו הערען , ווי ער גרייט זיך צו מיט׳ן פאַר צו זיין אַ ריכטיגער שליח צבור .

„נישט דער סאָלאָוויישיק , דער זיסער וואַלד=זינגער פאַר אַ וועלט מענשען , נישט ער איז דער משורר פאַר יודישע קינדער ; נישט פאַר זיי שפיעלט ער זיינע שענע לידער וועכנע צייט אין „ספירה” , אויפוועקענדיג דערמיט אין לייטישע הערצער געשמאַקע געפיהלען פון ליעבשאַפט — ניין ! דעם יודענ׳ס סאָלאָוויישיק איז דער בעל תפלה , געפיהלען פון ליעבשאַפט וועקט ער אין איהם אויף מיט דעם וואונדער=שענעם „אתה זוכר” און די זיסע ליעבליכע ווערטער פון די הייליגע נביאים. דעם יודענס ליעבשאַפט איז געטליך ריין , האָט נישט , ווי גאָט , קיין בילד, קיין געשטאַלט , דער יוד ברענט , ער איז פאַרקאָכט , צוגעהט זיך פאַר גרויס חשק מיט אַלע זיינע געדאַנקען אַהין , אַהין — צו דער הייליגער שכינה דאָרט אין הימעל” . 1)

דער אַנדערער קוואַל , פון וועלכען די יודישע נשמה האָט געשעפט כחות אין בעגייסטערונג , איז געוועזן די רעליגיעזע ליטעראַטור , בעזונדערס די אגדתא און קבלה .

„דער זוהר דאָס איז אַ סיני , אַ פייער=שפייענדיגער באַרג פון הייליגער , ריינער ליעבשאַפט , דאָרט זענען זיך משדך די ערד מיט דעם הימעל , מלאכים , שרפים מישען זיך אוים אינאיינעם מיט מענשען און גיבען , קושענדיג זיך , איינער דעם אַנדערן איבער געטליכע געפיהלען . דאָס איז אַ פייערדיגער זייל פון ליעבע , וואָס האָט צום ערשטען מאָל אַ שיין געגעבען פאַר יודישע קינדער אין די מיטעלע יאָהרהונדערטען , ווען אַרום זיי איז געווען שטאָק=פינסטער , ווען פיינדשאַפט , ווילדע אכזריות , פאַרבלענדקייט האָבען זיי אָנגעטאָן געברענטע , געבראָטענע לייד און פאַרגיפטעט זיי נעבעך דאָס לעבען . דאָס איז דער ערשטער יודישער ראָמאַן , דער „שיר=השירים” , דער ראָמאַן פון אַלע ראָמאַנען . ” 2)

די מאַטעריעלע שוואַכקייט פונ׳ם יודישען פאָלק , די דאָזיגע

---

1) ווינשפינגעריל ז, 56.

2) „ „ 89.

שיואכקייט , געגען וועלכער עס איז געריכטעט אבראמאוויטש'עס גאנצע אירא̈ניע , רעכענט ער אמאל פאר'ן בעסטען עדות , ווי גרויס עס איז די מאראל פונ'ם פאלק . ער ווערט בעגייסטערט , ווען ער טראכט וועגען דער גאנצער לערנענדיגער יוגענד , וועלכע פערברייננט דעם בעסטען טייל פון איהר לעבען ביי דער גמרא און געפינט א בעפריעדיגונג , אנשטאט אלע תענוגים פון עולם הזה , פון וועלכע זי האט זיך ענטזאגט , אין דעם אונאויפהערליכען שטרעבען צו איהר אידעאליסטישען חלום . א פאלק , וואס האט נאך אזא כח , האט נאך דאס לעצטע ווארט נישט געזאגט .

„אויב יודען זענען אויך מענשען, ווי אלע אנדערע, אדער נישט?— דאס איז א גאנצע אלטע שאלה, מיט וועלכער די וועלט דולט זיך שוין פון אייביגע יאהרען און איז ביז היינט נאך נישט געקומען צו קיין עק . נאר דאס אבער איז א גאנץ קלארע , געוויסע זאך , אז דער יודישער מאגען איז עפעס גאר אנדערש, ווי ביי אלע אנדערע מענשען , דען וואו נאך איז דא אזא מאגען , וואס זאל זאט זיין מיט תורה , מיט לערנען , ווי ביי יודישע קינדער ? ביי וועמען נאך פון די אלע פעלקער איז אין זייערע ספרים דא אזא אויסדריק , אזא פסוק „ותורתך בתוך מעי“ (און די תורה איז מיר אין מיינע געדערם), ווי ביי אונז יודען ? דאס מעגען יענע דארט אין דער וועלט הערן און זיך גוט בעטראכטען . אזא מאשינע , אין וועלכער עס ארבייט אזא געטליכע קראפט איז איין אייביג געוועהר אין וועט פון יענעמס א בלאז מיט דעם מויל , פון יענעמס א קלאפ מיט דער האנד זיך , נישקשה , נישט אנידערשטעלען . אזא זייגער , וואס געהט דורך עלעקטריציטעט — דורך דעם גייסט פונ'ם חומש'ל, פון גאט'ס הייליג ווארט , וועט אייביג וויזען די צייט פון טאג און נאכט און קלינגען אין דער וועלט“. 1)

אין אמת'ע ליטעראַרישע בילדער איז אבראמאוויטש'ען געלונגען פארציישטעלען דאס לעבען פון דער יודישער פאמיליע , די טיעפע און זיטליכע ליעבע, וועלכע האט פעראייניגט די מיטגליעדער פון דער פאמיליע און האט געלערנט די קליינע איבערצוטראגען הונגער און דחקות , וואס עס פלעגט זיי אפט אויסקומען .

א טיעפער רחמנות און אומעט איז פונאנדערגעגאסען איבער די בילדער , וואס אבראמאוויטש שילדערט פון דער דאזיגער יודישער קינד-

1) ווינשפינגעריל ז. 90.

הייט, וועלכע ווערט מייסטענס אָבגעבליהט, בעפאָר נאָך זי בליהט זיך פונאַנדער.

„דער יוד האָט אין זיין ביסעל לעבען אויסצושטעהן אַזוי פיעל מיני צרות און לייד, אַז עס בלייבט איהם נישט קיין צייט פאַר דער קינדהייט; זי גיט נאָר אויף אַ ווײַלע אַ שיין, ווי די זון אין אַ מיאוס׳ן ווינטער־טאָג, און פאַרגעהט טאַקי באַלד אין אַ גרויסער לאַנגער, פינסטערער חמאַרע״. 1)

די איינציגע זונען־שטראַהלען, וואָס ווען־ניט־ווען דרינגען זיי פאָרט דורך צווישען די וואָלקענס און וואַרפען אַ פרעהליכען און לעבעדיגען גלאַנץ אויף דעם פינסטערן הינטערגרונד פונ׳ם יודישען לעבען, — זענען דער שבת און די יום טובים, ווען עס פערשווינדען אַלע זאָרג און אין שטוב פון דעם אָרימסטען יודען אפילו בעזעצען זיך די מלאכים פון שלום און מנוחה. „וויל מען וויסען, וואָס איז שבת, דאַרף מען געהן אין אַ יודישע שטוב״, זאָגט אַ יודיש שפריכוואָרט. און אַבראַמאָוויטש פיהרט אונז דעריבער טאַקי אַריין אַ פרייטאָג־צו־נאַכט ביי שמואל׳יקען אין שטוב, צום הענדלער מיט אַלטע קליידער.

„שמואל׳יק איז אַ טאַנדעטניק. אַ גאַנצען טאָג פון פריה ביז אין דער נאַכט לויפט ער אַרום מיט אַלטע זאַכען, שלאָגט אָב די טירען צו קויפען און צו פאַרקויפען זיין סחורה. ער איז געקרימט, געבויגען, מיט אַ בלייך פנים, געקנייטשט, געעלטערט פאַר זאָרג און צרות, אַנלויפענדיג זיך ווי אַ הונט, קומט ער מיעד, אין זיין וויסט שטיבעל — אַ קאַנורע, מיט עטליכע גראָשען פערדיענסט, און אַמאָל גאָר מיט אַ לעדיגער קעשענע, כאַפּט אָב עפּעס, וואַרמעס מיט וועטשערע אין איינעם, און טהוט זיך אַ וואָרף שלאָפען. ער ליעגט נעביך ווי אַ דערהרג׳עטער, פיהלט אין זיך נישט קיין גאַנץ אבר. גאַנץ פריה שטעהט דער טויטער אויף, מישטיינס־געזאָגט, תחית המתים און ווייטער לויפען, ווייטער אַרומיאָגען זיך, אַזוי פערברענגט ער זיין הינטיש לעבען די גאַנצע וואָך. פרייטאָג צונאַכט בעקומט די קאַנורע עפּעס גאָר אַן׳אַנדער פנים — אויסגעשמירט, אויסגעוואַשען, ריין אין אַלע ווינקעלע, דער טיש געדעקט מיט אַ ווייסען טישטעך, אויף איהם דריי מעשענע אויסגעשייערטע לייכטער מיט די בענטש־ליכט, און צוויי שענע קיליטש׳ען, אָבגעשמירט מיט געלכען פון אַן׳איי, שיינען פון דער ווייטענס, פאַרנעהמען די אויגען. אין שטוב הערשט עפּעס אַ זיס

1) Jbidem.

רוהיגקייט. עס שמעקט אַ ריח פון צוגערעמפּפטע שפּייזען, וואָס שטעהען אויפ'ן פּריפּעטשיק איבערגעדעקט מיט אַ קישען. די מאַמע, אַ גאַנצע וואָך פערשמאַכט, פאַרפינסטערט, לייכט אין דעם שבת'דיגען שלייער, עס רוהט אויף איהר די שבינה. די באָרפיסע מיידלעך, פערקעמט, אויסגעצוואָגען, האַלטען זיך אינאיינעם אין אַ ווינקעלע און מען זעהט אָן אין זייער פנים, ווי זיי וואַרטען, קוקען אויף עפּעס אַרוים מיט אַ פרעהליך האַרץ... שאַ, עס הערט זיך טריט... מען געהט... די טיר עפענט זיך אויף; „גוט שבת", זאָגט שמואל'יק קומענדיג פון דער שוהל און קוקט פריינדליך מיט אַ שיינענדיג פנים אויפ'ן ווייב, אויף די קינדער. „גוט שבת", זאָגט משה'לע הויך אויף אַ קול, אַריינלויפענדיג געשווינד, ווי מיט אַ גוטער בשורה. און דער טאַטע מיט דעם זוהן הויבען אָן ביידע, אַרומגעהענדיג איבער'ן שטוב, צו זאָגען מיט אַ ניגון „שלום עליכם". דאָס נעהמט מען אַזוי אויף די הייליגע מלאכים, געשיקט פון דעם אייבערשטען, פון דעם מלך איבער אַלע מלכים, הקדוש ברוך הוא, וואָס האָבען זיי בעלייט פון דער שול אהיים. דער טאַנדעטניק איז שוין נישט מעהר קיין הונט, ער איז אַ פּרינץ, עפּיס האָט ער בעקומען אַ נייע נשמה, אַ נייע הויט, ער מאַכט קידוש, וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאָס ווייב, די פּרינצעסין, און די קינדער אַרום איהם. מען שטופּט דעם גאָפּעל, דעם לעפעל און מען חאַפּט אַ שטיקעל פיש, אַ לאָקש, אַ ביינדיל, אַביסעל צימעס, אַזעלכע מאכלים, וואָס מען האָט עס אַ גאַנצע וואָך אין די אויגען נישט געזעהן. איטליכס פון די קינדער עסט עס, שטאַרק חיטענדיג זיך, קיין ברעקעל זאָל חלילה נישט אַראָבפאַלען. עפּעס מיט אַ גוט ערנסט פנימ'ל, וואָס וועקט אויף אין האַרצען געפיהלען פון רחמנות, עפּעס גאָר ווי אַ וועוועריקעל, וואָס זיצט אויף אַ בוימ'ל און קנאַקט עפּעס אַזוי שען, אַזוי ערנסט אַ ניסעל... שמואל'יק שטעלט די „בלי" צו די זמירות און שפּיעלט אָב טשאַקענדיג אַ „מה ידידות". ווי ליעב די רוה איז דיינע, פּרינצעסין שבת פיינע! מיר לויפען דיר אַקעגען אַלע, מיר בעטען, קום געקרוינטע כלה!... פון אַלע מלאכות איז איין עק, די אַרבייט לעגט מען איצט אַוועק, זיך תענוג אָנצוטאָן ביים טיש, די הינער, חלה, פליישׂ און פיש. כמבטיון דער מייך, וואָס לויפט, רוהט נישט די גאַנצע וואָך, בלייבט שבת פּלוצלינג שטעהן, עס הערן אויף די קולות, געוואַלדען, ווען הויך דער ייד זינגט די זמירות זיינע, דער שרעקליכער טייך שטערט איהם נישט אין דעם שטיינער זינגען; עס שווייגען די בייזע חוואַליער, אוים רעש, שאַ, ס'איז רוה!... אַזוי פרעהט זיך אַ מעת לעת דאָס

הארץ, אַ פרייד, אַ שמחה אויף די אַלע יודען, זיי זענען פריי פון זאָרג און שטאַרק צופריעדען״. 1)

פון אַבראַמאָוויטש׳עס מעלות איז די בעדייטענדסטע און אָריגינעלסטע זיין שילדערונגס־טאַלענט. דער רעאַליסטישער שריפטשטעלער פונ׳ם פערצייטיגען דור בעזיצט די קינסטלערישע פעהיגקייטען צו זעהן דאָס רעליעף פון יעדער זאַך און מיט איינינע ווערטער אַרויסצורופען פאַר אונז דאָס בילד פון איהר. אין זיינע ראָמאַנען געפינען מיר אַ גאַנצע רייהע פּאָרטרעטען פון מאַנסבילען און פרויען, וועלכע זענען אפילו איינגעהילט אין אַ הומאָריסטישער דעקע, דאָך האָט דער קינסטלער איבערגעגעבען אַלץ, וואָס איז דאָ מערקווירדיגעס אין יעדער פיזיאָגנאָמיע, בעזונדער.

אָט איז, למשל, אין איניגע שטריכען דאָס בילד פון ר׳ אַלטער יקנה״ז, אַ העלד אין „פישקע דעם קרומען״.

אַלטער יקנה״ז איז אַ יאָרערדיג יודעל, אַ געשפיקעוועטער מיט אַ דיק בייכעל. זיין פנים איז געדיכט בעוואַקסען מיט שוטציג־געלע האָר, פון וועלכע ס׳איז דאָ גענוג אויף פאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס, אי פאַר זיך, אי אויף נאָך עטליכע יודען צו בעטיילען. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספע — אַ ברייטע פליישיגע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָהר פערלעגט, אָהן אַ שום התמנות. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איהר אַמאָל עפּעס אַ פערענדערונג, אונטער אַ פאַר פסח אַ שטייגער, בשעת עס לאָזט אומעטום, עס געהט די קריע, און דער בעל הבית איהרער נעהמט זי אין דער אַרבייט מיט אַלע פינף פינגער, רעמאָלט בלאָזט זי הילכעדיגע תקיעות ווי אַ שופר; דעמאָלט קלינגט מיט איהר גאַנץ טונעיאַדאָווקע. אין איינעם מיט די אינדיקעס דאָרט גיט זי דענסטמאָל קאָנצערט, אַלע אין שטעדטיל בלייבען פערגאַפט און עס שיטען זיך איהר שמעק טאַבאַקען פון אַלע זייטען מיט ווינשעוואַניעס יקנהז׳ן אָהן אַ צאָל; אַ סים, אַ סים״. 1)

רויזע, די בעל הבית׳טע פון דער קאַבצאַנסקער אַכסניא אין גלופסט, איז אַ שרייענדיגע און בעזערדיגע יודענע, זי איז אָבער צוגלייך גוט און פריינדליך. דאָס בילד, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פון איהר געגעבען, איז אַ קליינע גלענצענדע, אויסגעצייכענטע האַראַקטעריסטיק, וואָס איז צוגלייך דורכגעדרונגען מיט הומאָר. „רויזע איז אַ

---

1) Jbidem ז. 106—108.

2) פישקע דער קרומער ז. 15.

קורצע, דיקע, ברייט-ביינערנע יודענע, שוין אין די יאהרען, מיט א געשטופעלט פנים, וואס איז שטענדיג פערשוויצט, און מיט א צוויי-גארענדיג גיידעריל. א שנירל שיטערע הערליך ציהט זיך איהר אויף דער אויבערשטער ליפ, וואס פעררייסט זיך ביי דער רעכטער באק ארויף, אזוי אז מען זעהט א רויט שטיקעל צונג, ארויסקוקענדיג דורך א היבש שפעלטיל אויפ'ן ארט פון צוויי אויסגעפוילטע ציין. איין עק פארטיך איז איהר שטענדיג פערשטעקט, דער בוזים צושפילעט. די צוויי עקען פונ'ם קאפען-טיכעל זענען פערווארפען א הינטער. זי רעדט שרייענדיג, גיך, אין איין אטעם פונ'ם הארצען, מיט א בייזער, עס דוכט זיך, זי איז שטארק אויפגעבראכט, קריגט זיך, הגם זי מיינט חלילה נישט קיין שלעכטס און איז בטבע א גאנץ גוטע; דאס איז ביי איהר גלאט אזא לשון, אזא שטייגער רעדען, וואס האט נאך אויסגעארבייט זיך פון אייביגע עסקים און צו טאן האבען איהר גאנץ לעבען מיט בעלי עגלות. אין דעם שמועס ווארפט זי אלץ אריין „הען אביסעל!", „וואס זאגסטו צו זיין טאטען?" הויך אויף א ניגון. אויך איז דער שטייגער איהרער ביים רעדען אנצובויגען עפטער דעם קאפ אין דער זייט און א פאהר טאן מיט'ן שפיץ נאז איבער דעם ארביל, טאקי א וויש אויף דער גאנצער לענג פונ'ם ארעם." 1)

און אט איז נאך דאס בילד פון דעם בעל הבית'ס טאכטער, מיט וועלכער מענדעלע ווערט בעקאנט בשעת ער געהט ארום זוכען זיין פריינד אלטערן און וועלכע דארף, לויט'ן פלאן פון איהר מוטער, ווערן א שנור ביי דעם ערשטען. מיר זעהען דאס מיידעל, ווי זי שפאצירט זיך ארום איבערן צימער, און איהרע שטייפע בעוועגונגען זענען איבערגעגעבען געווארען מיט דער גענויאיגקייט פון א פאטאגראפישען אפאראט:

„אין שטוב דרעהט זיך ארום א דיקע, א ברייטע, א האראפאשנע מויד מיט א פאר באקען, ווי די פאמפושקעס, אויפ'ן קאפ זעהר ווענינ האר און צוויי קליינע צעפליך פון הינטען, די הענד האלט זי ביז די עלענבויגענס שטייף צוביידע זייטען, די ארעם אויסגעשטרעקט גלייך פארינט, ווי צוויי האלאבלעס, צווישען וועלכע זי רוקט זיך, שלי-מעלט זיך, נישט צו הויבען קיין פיס, ארויסשיקענדיג דעם קאפ אבי-סעל פריהער פאר איהר. זי רוקט זיך גיך, טראגענדיג אין די הענד א טישטעך מיט טעלער און גרייט צום טיש. הוה טריינע רויטט איהר

1) וויבשפינגעריל.

עפּעס אין אויער־ריין, זי קערהט איים די האַלאַבּלעס. דער קאַץ
לאָזט זיך פאַראויס, זי צליין מיט די פיסלעך באַלד טאַקי נאָך איהם
און הערט גיך אַנטרינען פון דער שטוב". 1)

ווען אַבּראַמאָוויטש בּעשרייבּט די מאַסע בּשעת זי לויפט, דוכט
זיך איים, אַז מען זעהט עס לעבּעדיג, מיט די אייגענע אויגען, אין
אַ שענעם פריהמאָרגען האָט זיך אין גליפּסק איינער געלאָזען לויפען
איבּערן גאַס, און בּיי די גליפּסקער יורען איז שוין אַזאַ מנהג, אַז
ווען אימיצער לויפט, דאַרף מען איהם נאָכלויפען, נישט פרעגענדיג
אפילו וועגען דער אורזאַכע פון'ם אַנגעלויף. 2)

אַבּראַמאָוויטש פערשטעהט אָבּער קלאָר צו זעהען און דערנאָך
איבּערצוטראָגען עס גלענצענד אויפ'ן פּאַפּיער, — נישט נאָר די איי-
גענטימליכע שטריכען פון אַ מענשליכער פיזיאָגנאָמיע אָדער דעם איינ-
דריק פון'ם לעבּען, וואָס ענטוויקעלט זיך בּשעת אַ מאַסע לאָזט זיך
לויפען. אויף אַ מעהר בּעדייטענדען אופן ווייזט זיך זיין טאַלענט אַרויס
אין יענע בּעשרייבּונגען, וואָס בּעציהען זיך צו דער וועלט פון בּהמות
און חיות אָדער צו פערשיעדענע זאַכען פון דער נאַטור אין אַלגעמיין.
ער קען צוגערעכענט ווערן צו יענע, זעלטענע אין אַלע ליטעראַטורען,
שריפטשטעלער, וואָס פערשטעהען צוצוגעבּען אַ כאַראַקטער, אַ פיז-
יאָגנאָמיע אַליין, צו וואָס עס ריהרט זיך צו זייער פענזעל.

די אייגענטליכע אָריגינאַליטעט אָבּער פון אַבּראַמאָוויטש'ען בּע-
שטעהט אין דעם, וואָס די בּילדער, מיט וועלכע ער בּענוצט זיך,
אום פאָרצושטעלן זיינע זאַכען, ווי אויך די פיזיאָגנאָמיע־און כאַראַק-
טער־שטריכען, וואָס ער גיט זיי, זענען נישט נאָר אַלגעמיין מענשלי-
כע, נאָר זיי זענען אויך יודישע. איהם איז געלונגען, דורך פער-
שיעדענע פרייע פערגלייכונגען און פּאַראַלעלען, צו בּעווייזען אונז
איטליכס בּעשעפעניש פון דער טיער־וועלט אָדער אפילו איטליכען
פּיזאַוש פון דער נאַטור, נישט נאָר אַלס אינדיווידועלע מהות'ען,
וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט אַנ'אייגענטליכען לעבּען, נאָר אויך
אַלס זאַכען, וואָס נעהמען אַנ'אָנטייל אין דער קאָלעקטיווער נשמה
פון'ם יורען און געהערן צו דער זעלבּער געפיהלען־און אידעען־וועלט,
ווי זיינע שכנים. אַבּראַמאָוויטש האָט געזעהען די נאַטור דורך די
בּרילען פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז געווען דער יוד צווישען

1) פישקע דער קרומער.
2) ווינטשפינגעריל.

יודען", און אין דעם האָט ער אַרויסגעוויזען די פונקטען, וועלכע זענען ביי איהם אַלגעמיין מיט די „ניעדעריגע ברידער" — פונקטען, וואָס עקסיסטירען נאָך אין דער נשמה פון׳ם קאַבצאַנסקער יידען, האָטש דער לעצטער איז שוין זייט פיעלע יאָהרהונדערטער רערוויי־ טערט פון דער נאַטור.

מענדעלע מוכר ספרים׳ס פערדיל, ווייזט אויס, האָט די זעלבע געדאַנקען, אידעען און געפיהלען, וואָס זיין בעל־הבית. אַז מענדעלע איז אַמאָל אין אַ תענית, זייענדיג טויט מיט אַלע אברים און האָבענ־ דיג אַנ׳אַפּעטיט אַ שרעק, שיער נישט נבשל געוואָרען און גענומען זיך עסען; זיין האַנד האָט זיך שוין פון זיך אַליין אויסגעשטרעקט צום רענצעלע, וואו עס זענען געלעגען פערשיעדענע צידה־לדרך, האָט מיט אַמאָל זיך מענדעלעס בליק צוזאַמענגעטראָפען מיט׳ן פערדיל׳ס בליק, און ער איז ניצול געוואָרען דורכדעם פון אַנ׳עבירה.

„איך קוק מיך אַרום ווי אַ גנב אין אַלע זייטען און מיין קוק בעגעגענט זיך מיט דעם בליק פון פערדיל, וואָס האָט קראַצענדיג זיך אָן דער שפיין האָלאָבלע, אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום בריעל און קוקט אויף מיר עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזען, גלייך ווי עס וואָלט גערעדט מיט פּאַראיבעל: „נאַ, זעה! אַ הינטערשטער פוס איז מיר שטאַרק געשוואָלען, פאַרבונדען מיט שמאַטעס, עס רינט מיר נאָך איין אויג, יאַטרעט זיך מיר דער האַלז, דאָס מויל זאָל מיר אָבגעה־ מען, אויב איך וויס דעם טעם פון אַ האָבער, פון דעסטוועגען — וואָס זאָל איך טאָן? — שלעפּ איך מיך הונגעריג, קראַנק, צובראָכען נישט אויסצושפּאַנען זיך הלילה פון דער עבודה" 1). מען פערשטעהט שוין, וואָס דאָס פערדיל האָט געמיינט מיט זיינע מוסר־רעד, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדעט צום יודען פון קאַבצאַנסק.

מענדעל׳עס פערדיל איז נישט נאָר דורכגעדרונגען אין אַ היכער מאָס מיט דער נזירות־פילאָזאָפיע, עס בעזיצט נאָך, ווי ס׳שיינט אויך געווי־ סע אַנדערע גייסטיגע מעלות, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אפילו דער הומאָר, אויף וועלכען ס׳איז, דוכט זיך, ווייניג מסוגל דער מין חיות.

„ער לאָזט אַמאָל דערביי אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ און עס דאַכט זיך גאָר דענסטמאָל, ער לאַכט עפּעס מיט ציין, גאָר ווי להבדיל אַ מענש, אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, ער האָט נישט וואָס צו עסען. שטעהט ער זיך פערטראַכט מיט אויפגעשטעלטע אייער

---

1) פישקע דער קרומער.

און קוקט אין בײדעל אויף די ספרים עפעס אזוי, אז מען װאלט געמײנט שװערן, ער פערשטעהט דרינען װעהר גוט מיט זײן פערדישען מוח און נעהמט עס אויף זײנע כלים אפשר נאך פיעל בעסער, װי אײן אנדער בעהעלפער, מחילה" 1).

די אנדערע הויז־חיות פון אבראמאװיטש'עס װעלט, הינט, בהמות, ציגען א. א. װ. זענען אויך געשילדערט געװארען דורך אבראמאװיטש'ען מיט א גרויסער בעאבאכטונגס־גאבע און מיט א זעלטענעם הומאר. בשעת מען לײענט די פאלגענדע סצענע, װעלכע איז בעשריעבען אין „פישקע דעם קרומען" און װעלכע איז פארגעקומען אויפ'ן פלאץ נעבען דער קרעטשמע אין א זונטאג'דיגען טאג, װען די דארף־פויערים קעהרן זיך צוריק אין דארף, מוז מען אײנפאך װערן ענטציקט!

„די קרעטשמע איז געװען בעלאגערט אין דרויסען מיט פוהרליך און װעגעלעך אלערלײ, א טײל לײדיגע, נאר מיט א ביסעל שטרוי, א טײל פערנומענע מיט מיני זאכען און חפצים, סײ נישט קײן פערקויפטע, סײ געקויפטע דארט אויפ'ן מארק. אויף אײן פוהרעל ליגט אין א זאק א חזיר, ארויסגעשטעקט פון א לאך זײן שען פיסקעל און מאכט לעכער אין קאפ, שרײענדיג משונה אויף א גרילצענדיג קול. הינטער א װאגען, אנגעלײגט מיט נײע לאפעטעס, מיט נײע לײמענע טעפ, טעפלעך און מאקע־טעס, שטעהט צוגעבונדען א רויט־געפלעקטע קיה מיט אײן הארן און רײסט זיך מיט אלע כחות, זיך צו בעפרײען, גיכער קומען צו איהרע אלטע חברט'עס אין שטאל מיט דער בשורה: נישקשה, מען איז איהרער נאך נישט פטור געװארען, געלויבט דער שור־הבר, מען זעהט זיך געזונד!... א פאר גרויע ברײט־בײניגע, פײנע אקסען שטעהען געשפאנט אין דעם יאך, מאכען אזוי ערנסט מיט דעם מויל און מעלה־גרה'ן געשמאק, קײן מינוט חלילה נישט מפסיק צו זײן, גלײך װי זײ זענען פערטיעפט אין א װיכטיגער זאך און טוען מיט זײערע אקסענע קעפ אויף עפעס א גרויסען שכל. דעם ארענדארס ציג שטעהט דערהײל אויפ'ן װאגען, שטעקט הינטערהײליכס ארײן דעם קאפ אין א זעקעלע דארט, נעהמט באלד איהם ארויס מיט א פולען מויל, פירקעט, דרעהענדיג דעם װײדעל, קײט, מאכט מיט די באקען, טרײסעלט דאס בערדיל גיך, געשװינד, ארומקוקענדיג זיך אין אלע זײטען. אײן אלטער אײזגע־

1) פישקע דער קרומער.

דאַרטער דאָרפס־הונט לעבט אויף דער עלטער פון קצבה. אָהן אַ שטעלע, מיט אַ הינקענדיג פיסעל און אַ קאָלטען, באַמבלענדיג זיך איהם אויפ׳ן עק, שאַרט זיך צו נאָהענט צום וואָגען, קוקט מיט דרך־ארץ, קומט דערנאָך צו נעהנטער אויף עטליכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס אַ טרוקען אָפּגעלעקט ביינדיל, לויפט מיט דער מציאה אָפּ אַ ביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד און נעהמט זיך קנאַקען דעם ביין, האַלטענדיג דערבײ דעם קאָפּ אין דער זייט אויף די פעדערשטע לאַפּעס; דאָס פערדיל דאָרט אין יענעם וואָגען, נמאס ווערנדיג איהם, אַ לאַנגע צייט צו שטעהן אויף איין אָרט, גאָרנישט צו טאָן נאָר דרעמלען, מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערן, איז זיך מישב, אָפּצושטעקן אַ וויזיט אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס טוען זיך וואויל איבער אַ זעקעל פּאָלאָווע, און זיין זייער אורח אויף וועטשערע, נאָר ביים געהן פערהאַקט זיך די אַקס פון זיין וואָגען אין איין רעדיל פון אַנ׳אַנדער פוהריל, שיער אומצעוואַרפען עס. יענץ פערדיל דאָרט, אַרויסשפרינגענדיג פון די האָלאָבלעס טרעט אָן איין אַנדער פערד אויפ׳ן פוס, עס טוט אַ הירזשע און שטעלט זיך דיבאָם. די ציג דערשרעקט זיך, טוט גיכער אַ שפרונג און טרעט אָן דעם דאָרפס־הונט אויפ׳ן ווײדעל; ער שפרינגט דערשראָקען אַוועק, אויף דריי פיס, בילענדיג אויף אַ קוויטש מיט אַ צעהנגאָרענדיגען שלשלת". 1)

אין די נאַטור־שילדערונגען, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָהל פונאַנדערגעשפּרייט צווישען אַבראַמאָוויטש׳עס ווערק, ווייזט זיך זיין מאַלענט, אַלס געניטער בעאָבאַכטער און אָריגינעלער מאַלער, אַרויס נאָך שטאַרקער און שענער; די פּייזאַזשען, וואָס ער בעשרייבט, האָבען, אמת, נישט ערהויבענס און נישט גראַנדיעזעס. די נאַטור, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע אויגען, איז אַנ׳אָרימע, די לאַנדשאַפט איז אַ פּלאַכע, אָהן בערג, אָהן טיעפע טאָלען. און כמעט שטענדיג זענען די זעלבע זאַכען: אין אַלע זיינע שילדערונגען חזר׳ן זיך איבער נאָכאַנאַנד דער וואַלד און די פעלדער. דערפאַר אָבער, ווי ער זעהט און מאָלט עס! מיט וואָס פאַר אַ קלאָרקייט ער זעהט דאָס, מיט וואָס פאַר אַ ליעבע ער בעשרייבט און שילדערט דעם קלענסטען שטריך, די בעוועגונג פון די בלעטער אויף די בוימער, דאָס שאָקלען זיך פון די זאַנגען אויף די פעלדער, די נעסטען פון די בוימ־

---

1) Jbidem ז. 52—53.

לעך, דאס לעבען פון די באבעלעך, אלץ, וואס נעהמט אנ׳אנטייל אין דעם אייביגען לעבען פון דער נאטור, קיין איין איבעריג ווארט, קיין איין פאלשער שטריך, קיין איין שמיר מיט׳ן פענזעל, וואס זאל נישט פאלקאם איינשטימען מיט דעם, וואס דאס אויג האט בעמערקט. בעזונדער אבער, ווי רייצענד איז די אריגינעלע פאעזיע און ווי שען זענען די אלע שילדערונגען און בעשרייבונגען! מען פיהלט, אז דער פאעט האט געזעהן די נאטור און האט זי איבערגעשאפען אויף זיין אייגענעם נוסח.

אבראמאוויטש׳עס פאליטרא (פארבען-ברעט) איז נישט זעהר רייך אין פארבען. דערפאר אבער צייכענט ער זיך אויס, פערקעהרט, מיט דער פעהיגקייט צו שילדערן די בעוועגונג — די בעוועגונג פון דער אונבעוועגליכקייט אפילו, אויב מען קען זיך נאר אזוי אויסדריקען. אזעלכע זענען, למשל, די גלענצענדע בילדער פון א זומערדיגען טאג, וועלכע מיר געפינען אין „פישקע דעם קרומען” און וועלכע זענען אמת׳ע וואונדער-שילדערונגען, לויט זייער אריגינעלער און זעלטענער מאלעריי. דאס ערשטע פון די דאזיגע מערקווירדיגע בילדער שילדערט א שעה נאך האלבען-טאג, ווען אלץ איז נידערגעשלאגען און דערדריקט פון דער היץ פון א זומערדיגען טאג.

דער הימעל איז בלוי, לויטער אהן א פיצעל וואלקען. די זון בראט, סמאליעט, עס וויהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין ליפטעלע. די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער שטעהען שטיל ווי צוגעקאוועט, קיין שאקעל אפילו זיך נישט צו טאן. קיה אויף דער פאשע ליגען מיעד אויסגעשטרעקט די העלזער, שאקלען צו-ווילע די אויערן, קייען און מעלה-גרה׳ן; אנדערע גראבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שארען מיט די קאפיטעס און רעווען, שרייען פאר גרויס היץ. דער בודהיי פארדרייסט דעם עק, לויפט גאלאפ, וואַרפענדיג דעם קאפ אין אלע זייטען, שטעלט פלוצים זיך אנידער, אנגעבויגען דעם שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט, פאכט מיט די נאזלעכער, לאזט ארויס א ברומען, סאפעט און דריגעט מיט די פיס; נעבען איין אלטער אויסגעקרימטער און האלב פערדארטער ווערבע, איבערגעשפאלטען אין דער העלפט אמאל פון א דונער, שטעהען פערד, איינער איפ׳ן אנדערן פארלייגט די קעפ, צו מאכען חאטש עפעס א שאטען, און שמייסען מיט די ווידלען, פטור צו ווערן ווי ס׳איז פון די בייזע פליגען. — אויף א צווייגעל אין דער הויך וויגט זיך א סאראקע, אויסזעהענדיג פון דערווייטענס ווי אנגעטאן אין א ווייס טלית׳ל מיט פאסען

תפלת פאָרענט, און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך; זי בוקט זיך, פאַלט תחנון מיט'ן קעפּיל, שפּרינגט אַביסעל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבענדיג אַ פּאָר מאָל, בלייבט דערנאָך ווייטער שטעהן אָהן לשון, שמערקט אויס דאָס העלזעל און קוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין מיט פערשלאָפענע אויגלעך; אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ-שטיל, מען זאָל דאָס הערן ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהען פליהענדיג ערגעץ אַ פויגעל, נאָר קאָמאָרען, מיקען טראָגען, ווי די רוחות זיך אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנצענדיג פערביי די אויערן, טוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, איינרוימענדיג עפּעס אַ סוד און באַלד טאַקי מאַרש ווייטער: נאָר צווישען היי, צווישען תבואות, דאָרט שמוצערן די גרילען, זומזען, צימבלען און געהען מיט די מאַצען...

ס'איז הייס, ס'איז שטיל, וואונדערליך שען, שאַ! גאָטס בעשעפענישען רוהען..." 1)

וואָס פאַר אַ קורצקייט, וואָס פאַר אַ קלאָרקייט, וואָס פאַר אַ קונסט אין די אָבגעטאָקטע בילדער! און מיט דעם בילד פון דער נאַטור, וואָס איז איינגעשלאָפען אונטער דער זונ'ס ווירקונג, אַ מידע, דאַרף מען פערגלייכען דאָס בילד, ווי אַלץ ווערט אָבגעפּאַרבט, אויפגעמונטערט, וואָס מיר געפינען אין דעם זעלבען ווערק, מיט אַ צוואַנציג זייטליך ווייטער, און וואָס שילדערט די זעלבע נאַטור צום סוף טאָג, ווען די זון הויבט אָן ביסליכווייז אונטערצוגעהן. פון דעם דאָזיגען בילד קען מען זעהן, ווי אַבראַמאָוויטש האָט געקענט גוט פאַנאַנדערטיילען זיינע איינדריקען און ווי ער געהט איבער ביסליכווייז פון גרעסערן צום קלענערן, פון די בוימער צו די קליינע באָבעלעך און פון דעם רוישען פונ'ם וואַלד צום פרעהליכען קאָנצערט פון די צאָהלרייכע בעשעפענישען פון דער ערד און פון דער לופט.

„אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט אָן צו בלאָזען און אויפ'ן הימעל וויזען זיך שטיקליך וואָלקען, אויף וועלכען מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די בוימער הויבען פּאַמעלעך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערן איינגעבויגען דעם קאָפּ און פיהרען זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם אַז זיי האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיגע תאוה, אַלע זאַנגען האַפען זיך, ווי יונגע קינדער, אויף

---

1) Jbidem ז. 18—19.

מיט אַ קול און צוקושען זיך גאָר פריינדליך. גאַנס בעשעפעניש ריהרט זיך אומעטום . אויפ'ן פעלד , אין וואַלד און אין דער לופט , איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטען שפּיל-פייגעלעך אַרויס , אויף צווייגלעך , בוימלעך , נידעריג און גאַנץ הויך , פוצען זיך די פעדערלעך , אַ וויש מיט דעם שנעבעלע , אַ טרייסעל , אַ שאָקעל און די זיסע זמירות הויבען אָן , צו זינגען , צו שווישטשען . באַבעטשקעס רייך געקליידט אין אַטלעס , סאַמעט , מאַרע-אַנטיק מיט טייערע צירונגען חאַפּען אַ טענציל , שוועבענדיג אין דער לופט , הויבען זיך , דרעהען זיך און וואַבּען . צווי בושלעס , גוואַרדייצעס , מיט לאַנגע רויטע פיס שטעהען אויפ'ן גראָז , פאַררייסענדיג די קעפ אין דער הויך און קוקען מיט גדלות . עפּעס אַ קונדס , אַ פויגעל , שטיפט , פליהט פון איין בוים צום אַנדערן , מאַכט „קוקו , קוקו !“ ווי ער שפּיעלט זיך אין בעהעלטעניש , איהם ענטפערט אָב פון צווישען ווייץ און קאָרן איין אַנדער מין פויגעל עפּעס : „פּיק , — בער — וויק , פּיק — בער — וויק !“ ווי גערעדט : אייביג וועסטו מיך דאָ נישט חאַפּען , חאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ'ן עק , פּאַקט זיך ר' קרוב און אַוועק , אַוועק ! . . .

נישט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי , צולאָזט זיך אויף זיין העלזעלע , מאַכט זיסע שטייגער און שפּיעלט גאָר מחיה . איטליבער, וואָס קען נאָר עפנען אַ מויל האַלט דעם וועלט-בעריהמטען חזן אונטער . זשאַבעס אפילו פון די טייכליך , ערגעץ טעלער-לעקען , אפילו פליגען , ביהנען האָבען נישט געשוויגען , און דער זשוק , דער שייגעץ , דער אָנחאַפּער , האָט פליהענדיג אויך געזוזשעט . (דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכען מען האָט געמעגט אויף בילעטען געהן הערן . . .) די גאַנצע וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיג געוואָרען און בעקומען אַ פרעהליך פּנים , אַ פרייד , אַ פערגעניגען צו הערן , צו זעהען , צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זייטען .“ 1)

צווישען די נאַטור-שילדערונגען פון אַבראַמאָוויטש'ען זענען אויך דאָ אַזעלכע , וועלכע זענען וועניגער רייך מיט פּלאַסטישע בילדער , דערפאַר אָבער צייכענען זיי זיך אויס מיט דעם טיעפען און אינטענסיווען לעבען , וואָס ענטוויקעלט זיך אין זיי , ווייל דער פּאָעט האָט [illegible] זיי אַריינגעגעבען אַ שטימונג דורכדעם , וואָס ער האָט געניט די נאַטור , וועלכע ער בעשרייבט , אָנטייל צו נעהמען אין'ם צושטאַנד פון זיין אייגענער נשמה אָדער פון דער נשמה פון זיינע העלדען .

1) Jbidem , ז. 42-44.

דער וואַלד נעבען קאַבצאַנסק איז אין סליחות־צייט, דוכט זיך, אויך פערטראַכט און פערזאָרגט, ווי די יודען פון שטעדטיל, וועלכע זענען שטאַרק פערדאגה'ט: עס געהט דאָך עפּעס „יום כפור”. „די ביימער שאָקלען מיט די צווייגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענד, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאַכדעם, ווי איהרע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען.”

בשעת מענדעלע מוכר ספרים געפינט זיך אין וואַלד און זוכט דעם פערפאַלענעם חבר זיינעם, אַלטער'ן, דוכט זיך אויס, אַז די גאמור, וואָס געפינט זיך אַרום איהם, לעבט אויך דורך אַזוינע אַנגסטען ווי ער און זעהט אין חלום טויטע און דערהרג'עטע, ווי דער צוטראָגענער ר' מענדעלע.

„דער וואַלד שטעהט און שלאָפט, איבערגעדעקט פון אויבען עפּעס מיט אַ טונקעלען פאָרהאַנג. אַרום און אַרום איז שטיל, נאָר צייטענווייז הערט מען, ווי צוויי הויכגעוויקסיגע ביימלעך, נאָהנטע שכנים, שושקען זיך מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ צווישען זיך, איינער דעם אַנדערן אַ קיצעל געבענדיג הינטערווייליכס מיט די צווייגען. אָדער ווי אַ פּאָר בלעטלעך ערגעץ פלאַטערן, בעריהרען זיך, גלייך ווי עס גרימט זיי עפּעס, און עס לאָזט זיי נישט ריהרען. דאָס רעדט דער וואַלד פונ'ם שלאָף. דאָס חלומט זיך איהם נעכטיגער טאָג מיט אַלע פרייד און לייד אין איהם. דער שאָרך פון די דאַרע ריטליך דאָרט — דאָס קומען איהם צו חלום בוימער נעביך, וועלכע מען האָט פאַר דער צייט אויסגעהאַקט; דער קלאַפּ ביים אַראָפּפאַלען דאָרט עפּעס פון דער הויך — דאָס בעטייט אַ נעסט מיט די יונגע אומ־שולדיגע פייגעלעך, וואָס דער שפּאַרבער, דער זשוליק, האָט פלו־צים צושטערט, און דאָס טאַקי פלאַטערן די בלעטלעך דאָרט אויף דער טויטער מוטער מיט איהרע דערהרג'עטע קינדער, וואָס קומען אַצונד איהר צו חלום.”

וועגען אַבראַמאָוויטש'עס שפּראַך וואָלט מען געקאָנט שרייבען אַ גאַנצעס ווערק. זעלטען, ווען מען געפינט אַ שריפטשטעלער, וואָס זאָל האָבען אַזאַ אייגענטימליכען, אַזאַ בעזונדערן סטיל, ווי זיינער. מען קען זאָגאַר זאָגען, דאָס זיין סטיל בילדעט אַ בעדייטענדען טייל פון זיין טאַלענט; זיין סטיל איז גוט בעאַרבייט, מען פיהלט, דאָס דער קינסטלער האָט איינינע מאָל געוואויגען און בעטראַכט יעדעס וואָרט, האָט עס געדריעהט פון אַלע זייטען, בעפאָר ער האָט עס אַנגעשריעבען; דאָך איז אַבּמיט'עס סטיל לייכט, וויך און נאַטירליך,

אבראמאוויטש'עס שפראך איז זייער רייך אין הילפס=קוועלען. געביר=
טיג אין ליטוי, געלעבט לאנג אין די דרום=פראווינצען, בעגאבט מיט
אנ'אויסגעצייכענטען שפראך=אינסטינקט — האט ער געשעפט ווערטער
פון די דיאלעקטען, וואס מען האט גערעדט אין די אלע יודישע פראָ=
ווינצען, און צום סוף איז ער געווארען דער אמת'ער שעפפער פון
דער יודישער פראזע, אזוי ווי זי האט זיך אויסגעבילדעט אין די
ווערק פון אלע טאלענטפולע שריפטשטעלער פונ'ם פאלגענדען דור.

א חוץ דעם ווייזט זיך ארויס אין אבראמאוויטש'עס ווערק צום
ערשטען מאל אין אויף אזא אופן, וואס איז נאך נישט איבערשטיגען
און זאגאר נישט דערגרייכט געווארען, יעדענפאלס מיט אזא פאלקאָ=
מענהייט, דורך די פאלגענדע שריפטשטעלער, — דאס ריין אָריגינע=
לע, וואס ענטהאלט זיך אין יודיש. בשעת מען לעזט די ווערק פון
אבראמאוויטש'ען, וואס האט בעסער פאר יעדערן געקענט די נשמה
פונ'ם מאסען=יודען, פערשטעהט מען, ווי די שפראך, וואס דער יוד
געברויכט שוין אין פערלויף פון יאהר=הונדערטע, איז צוגלייך זיין אַי=
גענע פיזיאגאמיע; דאס זי האט זיך געבילדעט אין יודישען גייסט, אריינ=
גענעמענדיג אין זיך די פארשטעלונגען, די געדאנקען, וואס זענען גע=
שאפען געווארען נאר דורך מאסען=יודען; אין איהר קורצקייט, אין
איהר בייסענדיגען הומאר, אין איהר בעווענליכקייט, נערוועזיטעט האט
זיך געטריי אבגעשפיגעלט דאס אינערליכע לעבען פונ'ם יודען.

אויסער אין זיינע שילדערונגען, בענוצט זיך אבראמאוויטש נאָר
זעלטען מיט דער בילדער=שפראך; דערפאר איז זיין ווערק אבער פול
מיט בילדער ווערטער, מיט וויצען, מיט איינפאלען, מיט דעם אלעם,
וואס שילדערט יעדער זאך קורץ און גענוי. ער פערשטעהט בע=
סער פאר אלעמען דאס, וואס מען קען אנרופען די פילאזאפיע
אדער מיטאלאגיע פון די ווערטער; ער פערשטעהט אויסצוזוי=
כען דאס נויטיגע וואָרט און אוועקצושטעלען עס אויף דעם אָרט, וואו
עס בעשיינט און מאכט גלאנציגער דעם גאנצען זאץ. אבראמאוויטש
האט זיך בעמיהט מעהר צו בעשרייבען אלגעמיינע טיפען, טיפען סימ=
באלען, איידער איינצעלנע טיפען, און געהאלפען האט איהם אין דער
דאזיגער ארבייט זעהר פיעל זיין שפראך גופא. אפט בעשטעהט דאס
מעהר כאראקטעריסטישע פון דעם, וואס עס רעדען זיינע העלדען,
נישט אזוי פיעל אין דעם אלגעמיינעם זין פון דעם זאץ, ווי אין דעם
איינענטימליכען כאראקטער פון די ווערטער, פון וועלכע ער איז צו=
זאמענגעשטעלט; דעם כאראקטער ווידער קען מען פערשטעהן נאָר

דאַן, ווען מען זאָל זיך צוקוקען צום לעבען פון א יודישען קיבוץ אינ־גאַנצען גענומען. 1)

זיין סטיל ווידער האָט דעם פעהלער, וואָס די שפּראַך בייט זיך זעהר זעלטען צוזאַמען מיט די פּערזאָנען. פישקע דער קרומער רעדט כמעט מיט דעם זעלבען לשון די גאַנצע צייט, ווי מענדעלע מוכר ספרים. מען מוז אפילו צוגעבען, דאָס דער פּערפאַסער האָט, כדי צו ערקלערן אונז די מאָדנע מעשה, אונז מתרה געווען, אַז פישקע קען זיך נישט גוט אויסדריקען און מענדעלי האָט זיין ערצעהלונג אויסגעבעסערט. אָבער אויסער פישקען, האָבען קענטיג אויך די אי־בעריגע פּערזאָנען איבערגענומען מענדעלעס אַרט צו רעדען און דענ־קען. דערפאַר אָבער בעזיצט מענדעלע גופא מעהרערע סטילען, וועל־כע ער געברויכט, ענטשפּרעכענד די זאַכען און דעם גייסט־צושטאַנד פון די העלדען: א הומאָריסטיש־סאַטירישען סטיל, פול מיט צווי־דייטיגע ווערטער, לאַכענדיג און בייסענדיג צוגלייך; א שאַרפער סטיל, וואָס טרעפט און שלאָגט, ווי אַן'אָבגעשליפטער חלף, און ווען דער ערשטער ברענגט צו אונז צו גלייך מיט דעם עקעל און האַס, אויך דעם רחמנות און מיטלייד, וואָס בעוועגען דעם מחבר'ם הארץ, ווייזט אונז דער אַנדערער סטיל אַרויס נאָר איין קאָמפּליצירט געפיהל פון פעראַכטונג און נקמה 2); ענדליך געפינען מיר ביי איהם נאָך

1) אַט איז, למשל, א פּראָזע, וואָס בעציהט זיך צום עסען פון די קאַב־צאַנסקער בעל־הבתים. מען זעהט פון דעם, ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די ווער־טער, וואָס ווערן געברויכט, אום אויסצודריקען די נאַטירליכע בעדערפעניש פון עסען, (דערביי האָבען זיי אַלע א בעדייטונג פון פעראַכטונג, פיינדשאַפט זאָגאַר), און וועלכע האָבען כמעט נישט זייער גלייכען אין אַן'אַנדער שפּראַך. געהט וואו ביי מענשען נישט אַוועק קיין צייט אויף צו קעמפּפען מיט „דער שלעכטער תאוה פון עסען". „קאַבצאַנסק האָט געשפּירט די ביטערע צייט; עס געהט אויף דעם עולם דער ווינטער מיט אַלע זיינע בע־דערפענישען: הייצונג, א שוך, א קלייד, און טאַקי עפּיס עסען אויך. נישטאָ דער זומער, ווען מען קומט איבער עט אַזוי מיט גרינוואַרג און פטר'ט אָב דאָס לעבען ווי־עס־איז מיט שהי־פּהי, מיט א רעטיכיל, א גרין אוגער־קעלע, מיט א קנאָבעל, א ציבעלע, אבי פאַרשטאָפּען דעם מאָגען, אויס־שטעהן איהם דעם בלבול וועגען דער אכילה... (ווינשפינגעריל, אויבען צי־טירט, ז. 58).

2) זעהט, למשל, „פישקע דער קרומער", ז. 137, דעם אָרט, וואָס הויבּט זיך אן מיט די ווערטער, „ביי איהם (ביים יודען) איז ראשית חכמה געשעפט. אַלס

א פּאָעטישען סטיל, לייכט און מילד, פול מיט א ווייכען ריטמוס און פיינע ניואַנסען. אין אבראמאָוויטש'עס ווערק זענען דאָ פּאָעטישע ערטער, וועלכע קענען, לויט דער עדעלקייט פון די געפיהלען, וואָס דרינגען זיי דורך, און דער פאָרם-שענקייט, צוגערעכענט ווערן צו די קלאַסישע קונסט-ווערק פון דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור. און דער פאַקט, וואָס אַזעלכע ווערק זענען געשאַפען געוואָרען אין אַזאַ אָריגינעלער און רייננער שפּראַך, האָט אַמבעסטע בעוויזען, ווי פאַלש עס איז די מיינונג פון די יעניגע, וואָס האַלטען יודיש פאַר א גראָבען דיאַלעקט, פאַר דער שפּראַך פון „דיענסטען און משרתים", וועלכע זענען אונפעהיג אויסצודריקען עדעלע געפיהלען און העכערע געדאַנקען. 1)

דינג — געשעפט. התונה האָבען איז אויך א געשעפט."

1) איינינע פון אבראמאָוויטש'עס ביכער און נאָוועלען זענען איבערגעזעצט געוואָרען אין רוסיש, פויליש און אין אַנדערע שפּראַכען. „מסעות בנימין השלישי" איז איבערגעזעצט געוואָרען אין פויליש (1884) אונטער'ן נאָמען „דער יודישער דאָן קישאָט", דורך דעם פוילישען שריפטשטעלער קלעמענס יונאָש. א טשעכישע איבערזעצונג פון דעם זעלבען בוך איז געמאַכט געוואָרען לויט דער פוילישער איבערזעצונג. „דער פריזיוו" און די „קליאַטשע" זענען איבערגעזעצט געוואָרען אין רוסיש; דאָס לעצטע ווערק איז אָבער נישט פערעפענטליכט געוואָרען איבער צענזור-אורזאַכען. אבראמאָוויטש, וואָס האָט געשריבען א גאַנצע רייהע העברעאישע נאָוועלען, האָט אַליין איבערגעזעצט אין העברעאיש זיינע בעסטע יודישע ווערק: „פישקע דער קרומער," „דאָס ווינשפינגעריל" און „די קליאַטשע".

VIII.

י. י. לינעצקי.

אנ'אנדער שריפטשטעלער פון דער השכלה־עפאכע, י. י. לינעצקי, וועלכער האט בעזעסען א פיעל קלענערן טאלענט, ווי ש. י. אבראמאוויטש'עס, דאך האט איהם נישט געפעהלט נישט קיין קראפט און נישט קיין שטארקייט, אויסצוניצען זיין פעדער אויף מעהרערע ליטעראַרישע אופנים. ארויסגעטרעטען איז ער אין דער יודיש־דייטשער ליטעראטור מיט א זאמלונג פון סאטירישע ליעדער אונטער'ן נאמען „דער בייזער מארשאליק" 1). ער האט געשאפען נאוועלען, איינגע פון וועלכע עס זענען גאנץ טאלענטפול געשריעבען, ער האט געשריעבען ארטיקלען וועגען צייטפראגען און האט אויך איבערגעזעצט איינגע ביכער פון דייטש 2). זיין ליטעראַרישע רעפוטאציע רוהט אבער נאר אויף איין בוך: „דער פוילישער יונגעל", וואס איז פערעפענטליכט געווארען צום ערשטען מאל אין 1868־טען יאהר אין „קול מבשר", א וועכענטליכען זשורנאל, וואו עס איז אויך אבגעדרוקט געווען דער ערשטער ראמאן פון אבראמאוויטש. „דער פוילישער יונגעל" האט געהאט א געוואלטיגען ערפאלג. מענשען פון אלע פארטייען, אפילו די חסידים, געגען וועלכע דאס בוך איז געווען געריכטעט, האבען זיך אבאנירט אויף דעם

---

1) „דער בעזער מארשאליק". סאטירישע פאלקס־ליעדער, געשאפען אין 1873, ארויסגעגעבען צום ערשטען מאל מיט איינגע יאהר שפעטער.

2) „נתן החכם" פון לעסינג און „די יודישע געשיכטע" פון גרעץ. פון דער לעצטער איבערזעצונג איז פערעפענטליכט געווארען נאר איין באנד.

זשורנאַל, כדי נאָר צו האָבען די מעגליכקייט צו לעזען עס, און אַ צייט פאַר דעם, ווי ער האָט זיך געענדיגט דרוקען אין דעם זשורנאַל, האָט דער רעדאַקטאָר, וועלענדיג צופריעדענשטעלען די ביטע פון אַ גרויסער צאָהל אַבאָנענטען, אַרויסגעלאָזען אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון דעם ווערק, אַלס ביילאַגע צום זשורנאַל. דער דאָזיגער ערפאָלג ערקלערט זיך נישט נאָר מיט'ן טאַלענט פון פּערפאַסער, נאָר אויך מיט זיין טיעפער און גענויער בעקאַנטשאַפט מיט'ן חסיד'ישען לעבען, וואָס בילדעט דאָס הויפּט-טעמאַ פון בוך, און מיט זיין רידערענדען און לויטערן טאָן, וועלכער שיינט אַרויס דורך דער סאַטירישער פאָרם, אין וועלכער די ערצעהלונג איז געשריעבען. דאָס בוך, וואָס האָט חוץ זיין נאָמען נאָך די פאָלגענדע אונטערשריפט: „די לעבענס-בעשרייבונג פון אַ פוילישען יודען, פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען" איז נישט קיין גענויע אויטאָביאָגראַפיע; דאָס לעבען פון דעם העלד, וועלכער בלייבט ביז'ן לעצטען מאָמענט געטריי דעם רבי'ן, שטימט אין קיין זאַך נישט איין מיט דעם לעבען פונ'ם מחבר, וועלכער, זייענדיג געבוירען אין אַ חסיד'ישער וועלט, האָט אין אַ שענעם טאָג ערקלערט אַ קאַמפּף די פאָראורטיילען און אַבערגלויבענישען פון זיין סביבה. דאָך איז די סביבה, אין וועלכער עס האָט געלעבט זיין העלד, געוועזען גענוי דיזעלבע, ווי די, וואו עס האָט פערבראַכט זיין לעבען דער פערפאַסער אַליין, און אויב ער לאָזט איהם רעדען אַלס אַ גלויבענדיגער חסיד איז עס דערפאַר, ווייל דאָס גיט בעסער אַרויס די סאַטירישע כונה פון דעם ווערק.

לינעצקי'ס יוגענד איז געווען זעהר רייך אין איבערלעבענישען און דערמאָנט אין געוויסע הינזיכטען דאָס לעבען פון אַנ'אַנדער געטאָ-קינד, דעם פילאָזאָף שלמה מיימאָן, וועלכער האָט אויך דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אַ געשיכטע פון „אַ פוילישען יונגעל".

י. י. לינעצקי איז געבוירען געוואָרען אין 1839-טען יאָהר אין וויניצא, אַ קליין שטעדטיל אין פּאָדאָליער גוב. זיין פאָטער איז געווען דער רב פון שטעדטיל און אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון חסידישען רבי'ן, ביי וועלכען ער איז געווען איינער פון די ערשטע מקורבים. דאָס קינד האָט אין אַ מזל'דיגער שעה אָנגעהויבען לערנען גמרא און צו צעהן יאָהר איז ער שוין געווען בעקאַנט אַלס אַנ'עלוי. באַלד האָט ער אָנגעפאַנגען לערנען אויך קבלה, ווי עס האָט זיך געפיהרט ביי די חסיד'ישע יודען פון יענער עפּאָכע. אונטערדעסען האָט דער פאָטער שוין אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז די אויפפיהרונג פון זיין זוהן איז נישט אינגאַנצען אַמבעסטען. און ווירקליך, דער

יונגער לינעצקי איז בעקאַנט געוואָרען מיט אַ קליינער גרופּע משׂכּילים, וואָס איז געוועזן אין שטאָדט, און האָט אָנגעהויבען לעזען בשתיקה וועלטליכע ביכער אויף העברעאיש; פֿערחאַפּט פֿון די נייע אידעען, איז ער אפילו נישט געוועזן פּינקטליך אין אָבהיטען אַלע רעליגיעזע דינים און מצוות און האָט זיך אפילו ערלויבט צו צווייפֿלען אין דער קדושה און אין די מופתים פֿון צדיק. פֿאָהרענדיג אָפט צוזאַמען מיט זיין פֿאָטער צום רבי'ן, האָט דער יונגערמאַן, וועלכער איז געוועזן זעהר לעבעדיג און בעאָבאַכטונגס־פֿעהיג, געהאַט די געלעגענהייט אריינצוואַרפֿען אַ בליק הינטער די קוליסען און צו פֿערשטעהן דעם עצם פֿון דעם שפּיצעל, וואָס דער רבי און זיינע מקורבים האָבען אָבגעטאָן, כּדי צו ווייזען מיט אַמאָל אַזאַ אונגעוועהנליכען מופת, וואָס זאָל ברענגען אין התפּעלות די גאַנצע מאַסע טרייע חסידים. אום אָבצושטעלען זיין זוהן אין זיינע ווייטערע דרכים און נישט לאָזען איהם ווייטער אַרויסגעהען לתרבות רעה, האָט דער פֿאָטער זיך בענוצט מיט דעם אַלטען יודישען מיטעל: ער האָט זיין זוהן חתונה געמאַכט. לינעצקי איז דאַמאָלס אַלט געוועזן פֿערצעהן יאָהר און זיין ווייב צוועלף. די קינדער זענען זיך געפֿעלען געוואָרען און דעם מאַן איז באַלד אפילו געלונגען צוצוציהען זיין יונג ווייבעל צו זיינע אַפּיקורישע אידעען. דעם פֿאָטער'ס עגמת נפש איז געוועזן אונגעוועהנליך און לויט זיין פֿאָדערונג איז אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער חתונה צווישען דעם יונג פּאָר־פֿאָלק פֿאָרגעקומען אַ גט. נאָך דער דאָזיגער שרעקליכער געוואַלד־מעשה, האָט זיך דער יונגער לינעצקי שטאַרק אויפֿגערעגט; ער האָט אַראָבגעוואָרפֿען די מאַסקע פֿון פֿרומקייט, וואָס ער האָט ביז דעם מאָמענט געטראָגען, און זיינע בעציהונגען מיט די משׂכּילים, וועלכע זענען געוועזן ביז דאַן געהיים, האָט ער יעצט געפֿיהרט עפֿענטליך. די פֿערפֿאָלגונגען מצד זיין פֿאַמיליע און די פֿאַנאַטישע חסידים פֿון שטאָדט זענען אונטערדעסען געגאַנגען פֿאָרווערטס. מען האָט איהם ווידער חתונה געמאַכט; דערביי האָט מען איהם געגעבען פֿאַר אַ פּרוי אַ טויב מיידעל און זיינע נייע שוויגער־עלטערן האָבען אויף איהם זייער שטאַרק און שטרענג אַכטונג געגעבען. דער שלום איז אָבער נאָר געוועזן אַ קינסטליכער. וואָס פֿון טאָג איז דער תהום צווישען לינעצקי'ען און דער פֿאַנאַטישער סביבה, אין וועלכער ער האָט געהאַט דעם מזל געבוירען צו ווערן, געוואָרען אַלץ טיעפֿער, און מען קען זיין איבערצייגט, דאָס ער איז זאָגאָר שוין נישט געוועזן זיכער מעהר מיט'ן לעבען פֿון די רדיפֿות.

איינמאָל ביי נאַכט, ווען ער איז געגאַנגען איבער אַ בריק,

ענען אויף איהם אַרויפגעפאַלען איינינע היציגע קעפּ פון דער חסידישער יוגענד און מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין וואַסער. מען האָט איהם בעשולדיגט, אַז ער איז בעגאַנגען אַ שרעקליכען פערברעכען: ער האָט געשפּעט פון „איהם אַליין" פון דעם צדיק. דאָס פערברעכען איז נאָך בעדייטענדער געווען, ווייל לינעצקי איז געווען איינער פון זייערע, אַ פערטרויטער מענש. נאָר דורך אַ גליקליכען צופאַל האָט זיך לינעצקי געקאָנט רעטען און זיינע פריינד האָבען געמוזט בעטען דער פּאָליציי, זי זאָל איהם היטען. ער האָט זיך בענוצט מיט דער ערשטער גינציגער געלעגענהייט, האָט פערלאָזען זיין געבורטס-שטאָדט און האָט זיך בעזעצט אין אָדעס. דאָרטען האָט ער פערבראַכט אַ געוויסע צייט, געבענדיג העבּרעאישע שטונדען, פון וואָס ער האָט געלעבט, און לערנענדיג מיט גרוים התמדה רוסיש און דייטש. פון אָדעס איז ער אַוועק קיין ברעסלוי, דאָרטען האָט ער געהאָפט אָנצוקומען אין ראַבינער-שול. צום אומגליק האָט זיך זיין פאַמיליע דערוואוסט וועגען זיינע פּלענער, דאָן האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צו אַ רבּי'ן איינעם, וואָס האָט געוואוינט נעבען דער גרענעץ, און יענעם איז געלונגען דורך פערשידענע אינטריגעס צו פּועל'ן, מען זאָל לינעצקי'ן אַרעסטירען. פערשטעהענדיג גאַנץ גוט, אַז ער האָט נישט וואָס צו האָפען און וואַרטען פון דעם קאַמפּף, וואָס ער וועט פיהרען מיט דער אָרגאַניזירטער באַנדע חסידים ביי די דאָזיגע בעדינגונגען, האָט לינעצקי בעשלאָסען זיך צו מאַכען, אַז ער טוט תשובה, און זיך לאָזען אָפּפיהרען צום רבּי'ן. אַז מען האָט איהם צוריקגעבראַכט אין זיין געבורטס-שטאָדט, האָט ער צום צווייטען מאָל זיך גע'גט דאָרטען און אין אַ צייט אַרום איז ער פון דאָס-ניי אַנטלאָפען, דאָס מאָל קיין זשיטאָמיר, וואו עס איז געווען אַ ראַבינער-שול און אַ בעדייטענדער השכלה-צענטרום. ער איז אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָהר, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער שול, וואו ער האָט געהאַט אַלס קאַמעראַדען יונגלעך פון צוועלף דרייצעהן יאָהר.

אין זשיטאָמיר איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט צווייפעל'ן, חיים זעליג סלאָנימסקי'ען און איינינע אַנדערע פון די מעהר בעדייטענדע משכּילים, און פאַר דער צייט טאַקע, וואָס ער האָט פערבראַכט אין דער דאָזיגער שול, האָט ער געשאַפען דעם גרעסטען טייל פון די ליעדער, וואָס זענען שפּעטער פערעפענטליכט געוואָרען אין „דעם בּיזען מאַרשאַליק". ער איז לאַנג נישט פערבליעבען אין דער ראַבינער-שול, וואו זיין לאַגע צווישען די איבעריגע שילער, וועלכע זענען געווען פיעל יונגער פאַר איהם, איז געווען זעהר אַ שווערע. ער האָט פערלאָזען די שול און אָנגעפאַנגען זיך בעשעפטיגען מיט דער ליטעראַ-

רישער טעטיגקייט .

אויסער די ביכער און נאָוועלען, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען, האָט ער נאָך אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיט גאָלדפאַרען׳ן רעדאַגירט אַ יודיש-דייטשען זשורנאַל „ישראליק" (לעמבערג, 1875). דער זשורנאַל אָבער האָט, פונקט ווי דער אַנדערער, וואָס האָט זיך גערופען „נאַציאָנאַל" און איז אַרויסגעגאַנגען שפּעטער אַ ביסעל, קיין ערפאָלג נישט געהאַט. נאָך די געשעהענישען פון 1881-טען יאָהר, איז ער געווען איינער פון היציגסטע אָנהענגער פון חיבת-ציון, ער האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ געאָגראַפישע קאַרטע פון א״ץ-ישראל. צום אונגליק האָבען די אונגעניגענדע בילדונג און די שלעכטע מאַטעריעלע בעדינגונגען פון זיין לעבען נישט ערלויבט ליגעצקי׳ן אויסצוניצען זיינע פעהיגקייטען, ווי מען האָט דאָס פון איהם געקאָנט מיט רעכט ערוואַרטען נאָך „דעם פוילישען יונגעל". אזוי ווי ער האָט נאָר דורך זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט געמוזט פערדיענען ווי פאַר זיך, אזוי אויך פאַר זיין פאַמיליע (אין זשיטאָמיר האָט ער צום דריטען מאָל חתונה געהאַט), איז ער געווען געצוואונגען צו שרייבען פיעל און צו רעכענען זיך נישט אַזוי פיעל מיט זיין אינערער בעגייסטערונג, ווי מיט די בעדערפענישען און פאָדערונגען פון מאַרק!

מיט דעם ערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך גענומען אַרויסגעבען קאַלענדאַר-ביכלעך מיט וויצען און גלייבווערטלעך, וועלכע האָבען זיך צוגעפּאַסט צו זעהר אַ צווייפעלהאַפטען געשמאַק. פון דער אַנדערער זייט, איז זיין פאַנטאַזיע שטענדיג געווען פערבונט מיט דעם סיושעט פון „דעם פוילישען יונגעל", וואָס האָט איהם געגעבען אַזאַ גרויסען ערפאָלג. איינע פון זיינע נאָוועלען רופט זיך „דער זוהן פון אַ פוילישען יונגעל", דער סיושעט איז אָבער דערזעלבער, ווי פון „דעם פוילישען יונגעל" אליין. דער זעלבער פאַל איז מעהר אָדער וועניגער מיט אַלע אַנדערע נאָוועלען, וואָס ליגעצקי האָט פערעפענטליכט 1) און וואָס בעריהרען דאָס זעלבע טעמא, ווי „דער פוילישער יונגעל"; דאָך דערגרייכען זיי נישט יענע ליטעראַרישע אייגענשאַפטען, מיט וועלכער עס צייכענט זיך אויס זיין ערשטע פּראָזאַאישע אַרבייט. אין אונזער שטודיום וועגען ליגעצקי׳ן בעשעפטיגען מיר זיך נאָר מיט „דעם פוי-

1) צו די מעהר געלונגענע פון די נאָוועלען געהערט: „דער וואָרם אין חריין", נאָכוועהענישען פון מיין פוילישע-יונגעלשען לעבען" אין דער „יודישער פאָלקסביבליאָטעק, ב. I, ז. 62—92.

לישען יונגעל״, מיט דעם אייגציגען בוך, וואס איז לעבען געבליעבען פון זיין גאנצער שאפונג.

דער פוילישער יונגעל בעשטעהט פון צוויי טיילען. אין דעם ערשטען טייל גיט אונז דער פערפאססער א בילד פון דעם חסיד׳ישען לעבען, פון זייערע זיטען, פון זייערע איבערצייגונגען, פון דער ארט, אין וועלכער זיי הארעווען אויף זייערע קינדער א. א. וו. דער טייל ענדיגט זיך מיט דעם, אז דער העלד האט חתונה צו דרייצעהן יאהר. אין דעם צווייטען טייל זעהען מיר, ווי אונזער העלד געהט אריין אין רבינ׳ס הויף אלס אנ׳אויבער-שמש, און דער גאנצער אינטערעס פון דער ערצעהלונג בעשטעהט אין דעם, וואס אונז ווערן געשילדערט די זיטען פון הויף, די אינטריגעס, וואס ווערן דארטען געשפינט, די פערברעכענס, וואס דער רבי און זיינע מקורבים טוען אב אונטער דער מאסקע פון פרומקייט, בענוצענדיג זיך דערביי מיט דער טרייער אמונה פונ׳ם המון און פערפאלגענדיג אהן רחמנות יעדען מענשען, וואס האט א הארץ און וויל זיי שטערן אין זייער העצערישער און פינסטערער ארבייט.

צום סוף ווערט דער רבי אנגעקלאגט פאר דער רעגירונג און מען ארעסטירט איהם צוזאמען מיט זיינע מקורבים, צווישען וועלכע עס געפינט זיך אויך דער העלד פון אונזער ראמאן. דער רבי אבער האט איינפלוסרייכע בעשיצער, און א דאנק זיי ווערט ער באלד טאקע פריי אין דער צייט, ווען זיינע אנהענגער, וועלכע דער צדיק האט פערלאזען, נישט וועלענדיג זיך קאמפראמעטירען דורך זיי, בלייבען זיצען זעקס יאהר אין טורמע, און געהען פון דארטען ארויס נאר א דאנק אנ׳אמניסטיע. ארויסגעהענדיג פון טורמע איז „דעם פוילישען יונגעל״ דרייסיג יאהר; אין טורמע האט ער געהאפט א ברוסט-קראנקהייט, פון וועלכער ער האלט ביים שטארבען; ער האט קיין מוט נישט, נישט צו אנ׳ערקענען דעם גלויבען אין צדיק, ער וויל אבער, דאס זיין זוהן זאל בעקומען א מעהר ראציאנעלע ערציהונג, ווי ער, און ער זאגט איהם אן, ער זאל בעזוכען אפט א משכילישע פאמיליע, וואו מען וועט איהם לערנען העברעאיש, רוסיש א. א. וו.

אין דעם ראמאן זיינען נישטא קיין גוט חאראקטעריזירטע טיפען. דער הויפט-העלד, ווי א יך די אנדערע פערזאנען האבען נישט אינדיווידועלעס, וואס זאל נטע׳שיידען זיי פון דער מאסע אנדערע יורען פון זייער סביבה. דער צדיק אליין איז, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז „א פיהרער פון מאסען״, נאר א בלאסע, שוואכע פערזאן, וואס טוט שלעכטס נישט דערפאר, ווייל ער איז לויט זיין נאטור

אַ בייזער, נאָר ווייל דאָס איז זיין בעשעפטיגונג, וועלכע ער האָט געירש'נט פון זיין פאָטער און ווייל די גלויבענס-תמימות פון דעם המון, וואָס זוכט נישט בעסערס, ווי נתפעל צו ווערן פון יעדען, אפילו דעם איינפאַכסטען וואָרט זייגעם, אָדער פון זייגעם אַ מאַך מיט דער האַנד, — ווייזט אידהם, אַז די דאָזיגע בעשעפטיגונג איז די לייכטסטע און צוגלייך גיט זי איהם אַ סך פרנסה.

אין דעם ראָמאַן זענען אַפילו דאָ איינינע נישט ווילטיגע פיגו-רען, די פּאָרטרעטען פון וועלכעס זענען זעהר גוט געלונגען, ווי צ. ב., די מלמדים פון „דעם פוילישען יונגעל", זיין באָבע, דער איני-קעל פון צדיק, וועלכער פאָהרט איבער אַלע יודישע שטעדט און קלייבט נדבות אויף חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער 1). אין אַלגע-מיין גענומען אָבער ליעגט דאָס הויפּט-פערדיענסט פון פערפאַסער פון „דעם פוילישען יונגעל" נישט אַזוי פיעל אין די אינדיווידועלע פּאָרטרעטען, ווי אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי גלענצענד אויסגע-מאָלט מאַסען-בילדער. די חסידישע וועלט ערשיינט פאַר אונז אין דעם ראָמאַן מיט אַלע איהרע אַבערגלויבענישען, מיט איהר גאַנ-צער עם-הארצות, מיט אַלע איהרע לעכערליכקייטען. די מאַנספּילען אַרבייטען נישט, פאַלען צו לאַסט זייערע פרויען און האָבען אַפילו נישט דאָס פערדיענסט, אָדער פיעל מעהר די ענטשולדיגונג, אַז זיי פערברענגען זייער צייט אין לערנען.ווירקליך, דער אָרט, וואָס פערנעהמט אין דעם לעבען פון די נישט חסיד'ישע יודען דאָס תורה-לערנען, איז ביי די חסידים פערנומען מיט מעשה'לעך וועגען דעם צדיק'ס מופתים, מיט די קערמישלעך, וואָס זענען געמאַכט געוועז פון זיין כבוד וועגען, אום צו פייערן אַ גליקליכע עראייגניש, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט איהם אָדער מיט אַ מיטגליעד פון זיין פאַמיליע, און בעזונדערס מיט די נסיעות, וואָס יעדער חסיד האָט דורכאויס געמאַכט מעהרערע מאָל אין יאָהר אין הויף פון „קדוש"; דער חסיד איז געווען דערביי גוט אָנגעלאָדען מיט אַ פדיון, אָהן וועלכען ער וואָלט נישט קענען האָפען אפילו, אַז עס וועלען ערפילט ווערן זיינע וואונשען, וואָס ער וועט איבערגעבען דעם צדיק. קהלות, וואָס האָ-בען נישט קיין מיטלען אויסצוהאַלטען אַ קהל'ישע שול אָדער אַ בקור

1) י. י. ליניעצקי, „דאָס חסיד'ישע יונגעל" (אין דער אויסגאַבע, וואָס מיר ציטירען דאָ, האָט דער מחבר אומגעענדערט דעם נאָמען פון זיין ראָמאַן „דאָס פוילישע יונגעל" אויף „דאָס חסיד'ישע יונגעל") ווילנא, 1897 ז. 62.

הולים פאר אָרימע קראנקע, געפינען זעהר גיך געלד, ווען עס געהט די רעד וועגען דעם, אז מען דארף שיקען דעם צדיק א טייערע מתנה צו דער חתונה פון זיינעם א קינד אָדער גאנץ איינפאך דערפאר, ווייל ער האט ערקלערט, דאס ער האט נויטיג אזא און אזא אפותיקא. דערביי פיהרט דער צדיק א ברייט לעבען, פיל אויסבריי־גערייי, זיין פרוי און אלע קרובים פון זיין פאמיליע טוען דאס זעלבע, און די געטרייע מאסע לא די, וואס זי שטעלט זיך נישט ענטקעגען אזא מין פערשווענדען פון אָרימע געלד, געפינט נאך, פערקעהרט, אין דעם א נייען טעם פאר התפעלות און בעוואונדערונג. און דער רבי סטארעט זיך זאגאר נישט צו פערדיענען די אויפאפפערונג און אבטונג פון זיינע געטרייע דורך דעם, וואס ער זאל לערנען פיעל תורה אָדער טיעף זיין בעקאנט מיט דער קבלה, ווי דאס האבען געטאן די ערשטע רביים, די גרינדער פון דער סעקטע. אין דעם גרעסטען טייל פאלען, איז דער רבי אַן עם־הארץ, וועלכער בעקומט זיין שטעלע בירושה און וועלכער האלט אונטער זיין פרעסטיזש דורך דעם איינפאכסטען און ריכטיג ווירקענדען מיטעל פון „מופתים".

די מופתים פון רבי'ן זענען אָהן א צאהל, ער זאגט פאר די קינפטיגע געשעהענישען, ער טרייבט ארויס דבוקים, ער גיט קינדער די ווייבער, וואס האבען זיי נאך נישט, ער מאכט געלינגען שלעכטע געשעפטען, ער קען אַלץ אויפטאָן, אפילו געגען גאָט אליין.

די מענשען, וואס בעדיענען דעם צדיק, גיבען איהם איבער א פריהער אלע נויטיגע ידיעות וועגען דער לאגע פון יעדעם געטרייען, וואס קומט צו איהם בעטען די טובה, ער זאל זיין א מליץ פאר דעם איבערשטען; אויף אזא אופן בעקומט דער צדיק די מעגליכקייט צו ווייזען, דאס ער האט כלומר'שט בעקומען אלע אויסקינפטען בדרך נס. אין שווערע פאלען, ווען ער האט מורא ארייגצופאלען, לאָזט ער זיך אויף א קונץ: ער רעדט האלבע ווערטער. אז מען קומט ביי איהם בעטען א רפואה פאר א האפנונגס־לאָזען קראנקען, הויבט ער אָן מיט זיפצען, פערקוועטשט די אויגען, בעט א גרויסען „פדיון" און ענדיגט דערמיט, וואס ער דערלאנגט א זאג: „דער קראנקער נויטיגט זיך אין פיעל תפלה". ווערט דער קראנקער געזונד, — האט געהאלפען דעם רבי'ס תפלה; שטארבט ער, איז ווידער דער צדיק גערעכט, ער האט דאך פאראויס געזאגט, דאס ער איז געפעהרליך. יעדער חסיד האט זיך זיין צדיק, פון וועלכען ער האלט, אויסשליסענדיג אלע אנדערע, און דער געשפרעך וועגען די מעלות

אין גדלות פון זייערע רביים איז פאר די חסידים אן'אייביגער קוואל פון קריגערייען און צאנקערייען.

אויסער די זאכען, וואס געהערן צו דעם חסיד'ישען לעבען, ענטהאלט נאך „דער פוילישער יונגעל" א מאסע לעגענדעס פון דער יודישער פאלקס-פאמיליע, בעזונדערס אזעלכע, וואס זענען פערשפרייט צווישען די חדר-יונגלעך, מעשות וועגען שדים, וויעדער לעבעדיג געווארענע טויטע, וואס שפאצירען ארום איבערן שטאדט: די חדר-יונגלעך גלויבען, אז זיי טרעפען זיי דאס אויפ'ן גאס אין ווינטערדיגע נעכט, ווען זיי געהען אהיים פון חדר שפעט.

די זעהר אמוזאנטע סצענע פון א יודישער חתונה, פון דער צוזאמענקונפט פון די חתונה-געהאטע, פון דעם ברחנ'ס דרשות, די אינטערעסאנטע און רעאליסטישע בילדער פון דעם יודישען אינעווענינגסטען לעבען, פון לעבען אין חדר א. א. וו., וועלכע געפינען זיך אין „דעם פוילישען יונגעל", זענען זעהר וויכטיג פאר דעם, וואס וויל ערלערנען די יודישע זיטען, ווי זיי זענען געווען פאר פופציג יאהרען, — זיטען, וואס הערשען נאך עד היום אין די אבגעשטאנענע קרייזען פון דער חסיד'ישער מאסע.

נאר די הויפט מעלה פון „דעם פוילישען יונגעל" בעשטעהט אין דעם סאטירישען גייסט, מיט וועלכען ער איז דורכגעדרונגען פון אנהויב ביז'ן סוף. די ערצעהלונג וועגען אלע מעלות, אלע נארישקייטען און קינדערישע אבערגלויבענישען פון די חסידים ווערט געפיהרט פון א מענשען, וואס איז אליין א חסיד און אן'איינגעלויבטער אין רבי'ן. אין דער ערצעהלונג איז דעם מחבר געלונגען אויסצודריקען ביז די קלענסטע אויספיהרליכקייטען נישט נאר די ארט דענקען, נאר אייך די ארט רעדען פון די חסידים מיט אלע טעכנישע אויסדריקען, וועלכע זענען גרעסטענטיילס ארויסגענומען געווארען פון העברעאיש, מיט אלע בעגריפען, וואס ווערן בענוצט פון די חסידים, ווען זיי רעדען וועגען רבי'ן, וועגען זיינע מופתים אדער מאטעריעס מעהר אדער ווייניגער דערהייבענע, ווייל זיי האבען א שייכות צו זייער גלויבען אדער פאראורטיילען. אין דעם בוך געפינען מיר זייטען, צארטע און פיינע, וואס זענען געשריבען מיט דעם ציעל, צו בערעכטיגען די שלעכטע מעשים פון צדיק און צו בעווייזען זיין אונשולדיגקייט געגען פיינד און פריינד. דאך ווערט דער לעזער אפילו אויף א רגע נישט פערפיהרט דורך דער גאנצער מאשינעריע, פרומקייט און נאאיווע אונוויסענהייט. דער איראנישער גייסט, וואס דרינגט דורך שטענדיג די מעהר שארפע פראזען, האלט דעם לעזער

נאָכאַנאַנד וואָך און דערמאָנט איהם אָנ'אויפהער, דאָס ער געפינט זיך ביי אַ קאָמעדיע. און די דאָזיגע אַרט שרייבען ווערט בענוצט מיט אַזאַ פעהיגקייט, דאָס די גאַנצע פאַלשקייט פון דער אַרגומענ־טאַציע און די גאַנצע כלומר'שטע פערטיידיגונג קעהרען זיך אום צום סוף פון דער ערצעהלונג געגען דיזעלבע, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין זינען צו פערטיידיגען און צום נוצען פון וועלכע מען איז עס אַזוי גענויטיגט געווען צו בערופען זיך אויף אַזעלכע שענדליכע און לעכערליכע אַרגומענטען. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פון דעם שטאַנדפונקט איז דעריעניגער, וואו דער העלד פון ראָמאַן פּרובירט גערעכט צו מאַכען דעם צדיק בנוגע צו די בעשולדיגונגען, וואָס זענען געגען איהם אָנגעפיהרט געוואָרען אין אַ מסירה צו דער רעגירונג. די ערטער פון דעם קאַפּיטעל, וועלכען מיר ציטירען דאָ, בעהאַנדלען אַנ'אַלגעמיינע פראַגע און דעריבער קענען זיי אַרויסגערי־סען ווערן פון אַלגעמיינעם טעקסט:

„למשל, דער ביטערער חטא זייערער: סטייטש, היתכן, הישמע כזאת, דער רבי נעהמט געלד פאַר פאַלשע הבטחות!?... מאָהלט איך, זיי זאָלען זיך חאָטש נאָר דערמאָהנען אין זייער אייגענעם גוי'־עשען ווערטעל: „דירען דאַיע אַ ראָזומנע בערע", דאַרפען זיי זיך דאָך שוין אַליין צולאַכען אויף אַזאַ מין טפשות!... נאָר לאָמיר טאַ־קע בעקלערען די זאַך אַזוי, טיעפער אין ענין אַריין, אָהן ווערט־לעך — איז דאָך עס באמת טאַקע נאָר אַ חוכא וטלולא! — איך וועל שוין ניט רעדען דערפון, אַז ביי אונז, חסידים, זענען דעם רבינ'ס הבטחות תורת משה ממש, און אַז דער רבי איז אַ כל יכול! — מילא דאָס וועלען די פאַרשטאָפּטע קעפּ אייביג נישט משיג זיין... הערען די משכילים און מתנגדים, וואָס זענען דאָך עפּעס פאַרט גמרא־קעפּליך — פערשטעהען דאָך אויך דעראינען, פונקט ווי דער האָן אין בני־אדם!... נאָר לאָמיר שוין זאָגען אפילו לדידהו, אַז ס'איז פאַלש — נאָ? מילא איז וואָס? אַ פנים דער רבי שלעפּט רען ביי די פאָלעס: קומט, נאַ דיר קינדער, נאַ דיר פרנסה, נאַ דיר ראַטע, נאַ דיר אַ פאַלשען קוויט, נאַ דיר אַ פעטען פגר... וכדומה?! יענע קריכען, שלאָגען זיך דורך, מאָרעווען, טשעפּען זיך, לאָזען נישט לעבען, נישט אָטהעמען: „גיב קינדער! גיב רעגען, שנעע, מלחמות! גיב רבנים, שוחטים, דינים, סופרים און מלמדים! טרייב אונז אַרויס דבוק'עס, מחשבות זרות! פערדרעה אונז דעם פריץ, שיק אָן דעם מלאך המות! פּאַק דעם שטן! ראַטעווע די מקשה לילד! וכדומה"... נאָ, לאָמיר שוין זאָגען איבערן הונדערטסטען פאַל, ווי זיי זאָגען,

אז דער צדיק קען דאס ניט ממלא זיין — נא? אבער יודען בני רחמנים גלויבען דאך אבער יא און לאזען איהם ניט ו״העז א מינוט! — קומט דאך איהם, על כל פנים, האטש שכר בטלה, האטש שכר טרחה פאר אזא קאפרולעניש, פאר אזא עבודת פרך יומם ולילה, אהן א חיי שעה!?... הא? — יודעלעך מוזען דאך נעבעך ערגעץ לויפען נאך נסים, מופתים און נפלאות, וואס חוץ מדרך הטבע... נא? מוז דאך איינער נעהמען אויף זיך אויסצושטעהען זייערע התפעלות און התלהבות צו הימעל־וואלעז... און אז נישט דער — איז יענער! וואס מען מוז — העלפט דאך נישט קיין חכמות!... נא? איז ער דער איינער!... זאלען איהם נישט געבען אויף צולעבען, ווי פאר אזא הויך ערעל התמנות פאסט?... הא?...(1)

לינעצקי׳ס סאטירע, זייענדיג רויה און בייסענד, איז אונטערדעסען נישט ביטער. אבלאבענדיג און שפאטענדיג איבער די רביים און זייערע חסידים, הערט ער נישט אויף צולאכען מיט א פרייען און פרעהליכען געלעכטער, ארויסזאגענדיג גראבע ווערטלעך און נישט אבוויבענדיג פאר אנ׳אנעקדאט, וואס איז זאגאר אביסעל מאוס.

ווען נישט ווען נאר, אז ער דערמאנט זיך די פיזישע און גייסטיגע רדיפות, וואס ער איז אויסגעשטאנען מצד די חסידים, ווערט ער אביסעל אין כעס און דערגעהט ביז צו זידלערייען. דאך קען מען איהם נישט שטרענג משפט׳ען, פאר זיינע נישט גאר שענע רעדענסארטען; ערשטענס, ווייל זיי זענען אויפריכטיג און אפען, צווייטענס, ווייל מען פיהלט, אז זיי קומען ארויס פון א הארצען, וואס האט פיעל געליטען.

דאס, וואס מאכט, אז דאס דאזיגע בוך, וועלכעס איז געריכטעט נעגען חסידיזם, שטעהט העכער פאר דעם גרעסטען טייל ביכער פון דעם זעלבען מין, וואס זענען געשאפען געווארען פאר דער השכלה־עפאכע, איז דאס פאלגענדע: זיין מחבר האט, נישט קוקענדיג אויף זיין האס נעגען די חסידישע אבערגלויבענישען, געוואוסט צו אונטערשיידען דאס, וואס איז געווען אמת און גערעכט אין דער דאזיגער פאלקס־בעוועגונג. ווירקליך, לינעצקי איז געווען איינער פון די זעלטענע געבילדעטע יודען פון דער השכלה־עפאכע, וואס האבען געהאט געזעהען אין חסידיזם עפעס אנדערעס, ווי נאר א זאך פאר שארלאטאנעס און אפיקורסאנטען. אויב ער איז אנגעפא־

1) Jbidem ז. 176—177.

לען אויף די פארדארבענע פארמען, וועלכע די בעוועגונג האט אנגענומען אין דעם פעריאד פון איהר צוריקפאלען, פון איהר ירידה, האט דאס איהם נישט געשטערט אבצושאצען ווי געהעריג די הויכע אידעען, מאראלישע און רעליגיעזע, וואס זענען געלעגען אין איהר יסוד און וואס האבען בערעכטיגט איהר עקסיסטענץ. אין פון דעם שטאנדפונקט דארף לינעצקי בעטראכט ווערן אלס איינער פון די בעדייטענדע פיאנערען פון יענער ראמאנטישער בעוועגונג, וועלכע האט מיט פרי׳ען שפעטער געמאכט איהר אריינטרים אין דער יודישער ליטעראטור, אין דער הויפט-אינהאלט פון וועלכער עס איז געווען — ליבען און ריהמען דעם חסידיזם. לינ. שטעלט ארויס צוויי מענשען, איינער איז א מתנגד, דער אנדערער — א משכיל; ביידע פערנעהמען זיי א בעדייטענדע לאגע אין זייערע פארטייען און דאך זאגען זיי זיך אב פון זייערע אלטע איבערצייגונגען און שטעהען-צו צו דער חסידישער בעוועגונג, ווייל זי קען מעהר ווי אלע אנדערע, אזוי מיינען זיי, בעפרידיגען די בעדערפנישען פון הארצען און פאנטאזיע און מיטהעלפען צו ענטוויקלען די אינסטינקטען פון אחדות און ברודערליכקייט.

„זיי (די חסידים, הייסט עס) געהט נאר דעראיינען, וואס דער דרך לאזט דעם גייסט א פרייען וועג אין יודישקייט און דעריבער זענען די אנהענגער דערפון שטענדיג פרעהליך, לעבעדיג און אויפגעלעגט, וועלכעס ס׳מאכט א שטארק אחדות צווישען אלע חברה-לייט, אזוי אז איינס דאס אנדערע איז מעורר און מעורר, מאכט א פעולה און ווערט נתפעל, אז כמעט אלע פיהלען מיט איין הארץ און אטהעמען מיט איין נשמה... און דערפון קומט ארויס דאס העלפען און טרייסטען און שטיצען ביי די חסידים איינס דאס אנדערע מיט מסירת נפש, וועלכעס ביי יענע צוויי (ד. ה. ביי די מתנגדים און משכילים) איז דאס א זעלטענהייט." 1)

זיי ווערן חסידים, ווייל לויט זייער טעמפעראמענט פאסען זיי מעהר דערצו. השכלה און מתנגדות זענען קאלטע, ראציאנעלע בעוועגונגען, אהן הארץ, אהן לעבען, אהן א נשמה. זייערע אנהענגער „זענען קאלטע מלאכים, ספראווגע לאקייען, ערנסטע סאלדאטען... אהן א שום פונק, א ברען, א שטיקעל התפעלות"... א מענש אבער, וואס האט א ברענענדע הארץ, פול מיט התלהבות, קען נישט זיין

1) Jbidem, ז. 42-44

קיין אָנהענגער פון „יענע ביידע שטות טויטע, מיט אַלע זייערע מעלות און מדות טובות“... און דאָס חסידיש (איז) לעבעדיג מיט אַלע זיינע פעהלער און שווינדעל.“ 2)

אין אַ קאַפּיטעל, וואָס רופט זיך מיט דעם בעדייטונגס־פולען נאָמען:

„די גאַנצע צרה און אונגליק איז נאָר דאָס, וואָס ביי יודען איז קיין זאַך נישט אין דער מאָס“, קעהרט זיך דער פּערפאַסער ווערער אום צו דעם טעמא וועגען די דריי שטות: השכלה, מתנגדות און חסידות, און דאָ נאָך, אָבוואַרפענדיג אַלע איבערטרייבונגען, וואָס האָבען זיך אַריינגעקליבען אין חסידיזם, פערשטעהט ער ווי צו שעצען די גרונד־אידעע פון דער דאָזיגער בעוועגונג; דערביי בעטראַכט ער זי נישט פון דעם דאָגמאַטישען און ראַציאָנאַליסטישען שטאַנדפונקט, ווי דאָס האָבען געטאָן מייסטענס משכּילישע שריפטשטעלער, וואָס האָבען געשריבען וועגען דעם זעלבען ענין, נאָר פון דעם שטאַנדפונקט וועגען ענטוויקלונג פון אידעען און זיטען.

„דער בעל שם טוב איז חלילה קיין שווינדלער, קיין שווערמער געוועזען, ווי אַ סך מיינען; חס ושלום! זיין שטת החסידות איז בדורו געוועזען אַ נויטיגע, נוצליכע רעפאָרמע אינ׳ם רעליגיעזען לעבען, אַקעגען דעם קאַלטען שטרענגען רבניזמוס מקדמת דנא ביז אין זיין צייט, וועלכעס ס׳האָט שוין געהאַט געבראַכט די גאָטעס־דיענסט מיט אַלע מצוות דאורייתא ודרבנן אין אַזאַ מדרגה פון „מצוות אנשים מלומדה“, אַז דער יוד האָט שוין גאָר לחלוטין נישט געפיהלט אין זיי קיין שום טעם וריח, קיין שום איגערליכע כונה און תכלית!... ער האָט נאָר געטוען די זאַך ווי איין אַוטאָמאַט אַלס התחיבות, ווי דער סאָלדאַט — סלוזבאַ, אודאי האָט דאָס דער בעל שם פערהאַפט מיט זיין נייער שטה „חסידות“, וואָס דער תכלית המכוון זיינער איז געוועזען: „עבודה מאהבה“, ס׳הייסט טהון די זאַך אויס אייגענעם ווילען און פיהלען דעם הויכען ערהויבענעם זין פון דער מצוה מיט איהרע ווירקליכע נוצען אינ׳ם לעבען, ס׳הייסט: זיין אין דער עבודת הבורא אַ פרייוויליגער סאָלדאַט“. 3)

לינעצקי איז אַ גלענצענדער ערצעהלער. זיין סטיל איז שטאַרק און צוגלייך נערוועז, שימערנדיג און פייערדיג, רייך מיט כאַראַקטעריסטישע

---

1) Jbidem ז. 212—213.

2) „ „ 220—221.

שטריכען און האָט אָפּט די שאַרפקייט פון אַ דראַמאַטישען סטיל. די ערצעהלונג ווערט שטענדיג געפיהרט אין אַנ'אָריגינעלער פאָרם אין דער פערפאַסער וויס, ווי יעדע רגע צימאַכען פערשיעדענאַרטיג איהרע אויסזעהן, אַריינפיהרענדיג נייע עלעמענטען, אונערוואַרטעטע, וועלכע פעראינטערעסירען און אַמיזירען. עס איז גענוג דורכצולעזען נאָר די ערשטע בלעטער פון זיין ראָמאַן, בעקומט מען שוין דעם איינדריק, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַנ'אָריגינעלען שריפטשטעלער, וועלכער קען נישט זיין אַלעמאָל טיעף אָדער פיין, ער וועט אָבער קיינמאָל נישט זיין באַנאַל, און וואָס ער וועט נישט זאָגען, וועט אַלעמאָל זיין געזאָגט אויף אַנ'אופן, וועלכער איז איהם אייגען.

אין די ערשטע בלעטער דערצעהלט דער העלד פון ראָמאַן אונז זיינע איינדריקע פון דעם ערשטען מאָמענט, ווען ער איז געקומען אויף דער ווייסער וועלט און זאָגאַר אייניגע פון די, וואָס ער האָט איבערגעלעבט בעפאָר ער איז געבוירען געוואָרען. למשל, ער דערצעהלט אונז דאָס געפיהל פון פערצווייפלונג, וואָס ער האָט געהאַט אין יענעם טאָג, ווען ער האָט דערהערט, ווי זיין פאָטער זאָגט דער מוטער זיינער, דאָס לויט דעם צדיק'ס פאָראויסזאָגען וועט דאָס קינד, וואָס דאַרף געבוירען ווערן, זיין אַ מיידעל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פויליש-יודישע פרויען, וועלכע ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן בשעת ער האָט נאָך געלעבט אויפ'ן הימעל; ער האָט זיך געטרייסעלט פאַר שרעק, ווען ער האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט אויך ווערן אַזאַ אונגליקליכער, עלענדער, ניעדערגעשלאָגענער נפש, ווי זיי. יעדע רגע האָט ער מיט אימה געט'ענה'עט: „אוי, איך ווער באַלד אַ מיידעל" און ערשט נאָר אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט דערהערט, ווי זיין מאַמע גיט איהם אַ נאָמען יצחק, איז ער ווידער אַ לעבעדיגער געוואָרען און האָט זיך געזאָגט, אַז יעצט איז ער שוין בעשטימט צו זיין אַ יונגעל. פערשטעהט זיך, אַז ס'איז נישט ווילטיג און אוננוצליך צו בעמערקען, אַז דער רבי איז וועניג בעשעמט געוואָרען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין נבואה איז נישט מקוים געוואָרען און, ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלען, האָט ער שוין די דאָזיגע געשעהעניש אַזוי ערקלערט, אַז עס איז געוואָרען גאָר אַ שבח פאַר איהם.

דער דאָזיגער אַריינפיהר אין דער מעשה, וועלכען מיר האָבען דאָ איבערגעגעבען אין אייניגע ווערטער און וועלכער, זייענדיג דרייסט און אונערוואַרטעט, בעווייזט די קראַפט אַריינצופיהרען אויך מיט איין קלאַפּ אין אַ נייער סביבה און זי אייך געבען צו פיהלען, מעהר ווי-

דאָס וואָלטען געקענט טאָן לאַנגע בעשרייבונגען, מיט אַלע איהרע פּרטים, אייגענטימליכקייטען און אָרטיגער פאַרב, — איז זעהר חאַראַקטעריסטיש פאַר לינעצקי׳עס אַרט שרייבען. דאָס גאַנצע בוך איז פול מיט אַזעלכע וויציגע איינפאַלען און, אַזוי ווי זיי זענען נישט קיין שטאַרקע אָבווייכונגען פון דעם עצם מעשה, ווערט דאָס בוך געלעזען פון אָנהויב ביז׳ן סוף מיט אַ לעבעדיגען און שטענדיג גרויסען אינטערעס.

מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו בעמערקען, דאָס „דער פוילישער יונגעל" ענטהאַלט פיעל העברעאישע ווערטער. עס ענטהאַלט צוגלייך אויך אַ געוויסע צאָהל סלאַווישע ווערטער און אויסדריקען, וואָס זענען אַריין אין דעם דרום-דיאַלעקט, אויף וועלכען לינעצקי׳ס בוך איז געשאַפען. דער בעדייטענדער ערפאָלג, וואָס דאָס בוך האָט געהאַט ביי יודען און וועגען וועלכען מיר האָבען שוין גערעדט פון אָנהויב פון אונזער אָבהאַנדלונג, האָט בעוויזען די אַלע, וואָס האָבען געשטודירט און בעטראַכט די פערשיעדענע יודיש-דייטשע דיאַלעקטען, דאָס דער אונטערשיעד צווישען די דיאַלעקטען איז נאָר זעהר קליין און ער שטערט נישט אויף קיין אופן די מענשען, וואָס רעדען אויף איינעם פון די דיאַלעקטען צו פערשטעהן דאָס, וואָס איז געשריעבען אויף אַן׳אַנדערען.

אַבראַמאָוויטש און לינעצקי זענען די איינציגע 1) גרויסע יודי-

1) מיר דערמאָנען נאָך מ. א. שאַצקעס (געבירטיג אין קאַרלין אין 1825-טען יאָהר, געשטאָרבען אין קיעוו אין 1899-טען), דעם פערפאַסער פון דעם בעקאַנטען ווערק אין העברעאיש וועגען די תלמוד׳ישע לעגענדעס („המפתח", וואַרשוי, 1866—1869) וואָס האָט אַרויסגעגעבען אונטער אַ פסעוודאָנים אַ יודיש בוך: „דער יודישער ערב פסח, דער מנהג ישראל" פון מ. זעליקאָוויטש, 1881. געשריעבען איז דאָס בוך אויף דעם דיאַלעקט פון די ליטווישע יודען און ענטהאַלט אַ גאַנצע רייהע בילדער פון דעם יודישען לעבען אין פערלויף פון די פיער וואָכען, וואָס טיילען אָב פורים פון פסח. מיט פיעל הומאָר בעשרייבט שאַצקעס אַלע צרות, וואָס די מענער מוזען אויסשטעהן פאַר דעם פעריאָד, פון די יודישע פרויען, וועלכע פערשטעהען די בעדייטענדע ראָלע, וואָס איז זיי בעשערט אין די פאָרבערייטונגען צו פסח. זיי זענען, ווי עס ווייזט אויס, גרייט דעמאָלסט זיך אָבצורעכענען פאַר זייער אונטערטעניגער לאַגע, אויף וועלכער זיי זענען פעראורטיילט אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר; זיי הערן נישט אויף צומוסטרעווען די מענער, וועלכע ווייזען זיך אַרויס אַלס אונגעצליכע בעשעפענישען, אַרומגעהענדיג לעדיג אין שטוב און גאָרנישט טועגדיג. די בעל-הבית׳טע רעכענט זיך מיט זיי

שע שריפטשטעלער פאַר דער השכלה=עפּאָכע. דאָס איינציגע בוך לינעצקי׳עס, וואָס האָט אַ בעדייטונג פאַר דער ליטעראַטור=געשיכטע, איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1868=טען יאָהר, און, אויב דער גרעסטער טייל פון אַבראַמאָוויטש׳עס ווערק זענען אָבגעשאַצט געוואָרן ריכטיג ערשט פון 1880=טען יאָהר, זענען זיי דאָך כמעט אַלע פערעפענטליכט געווערען פאַר 1873=טען יאָהר. אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מ׳ר שוין בעטראַכט די מאָטיווען, וואָס האָבען געשטערט דער נאָרמאַלער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור; אַ נייע עפּאָכע הויבט זיך אָן פאַר דער ליטעראַטור מיט די טיעפע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יודישען לעבען, צייט דעם 1881=טען יאָהר. אום צו ערלערנען אָט די נייע עפּאָכע, „די יעצטיגע עפּאָכע״ — ווערלן מיר זיך בעשעפטיגען דערמיט אין דעם פאָלגענדען קאַפּיטעל פון אונזער אַרבייט.

נוט דערפאַר אָב. ווי „דער פּוילישער יונגעל״, ענטהאַלט אויך שאַצקי׳ס בוך אַ גרויסע צאָהל יודישע מנהגים, בילדער, פון דעם יודישען אינערליכען לעבען, פון די אסיפות, וואָס קומען פאָר אין בית-המדרש א. א. וו. לוידער אָבער ווערט די קינסטלערישע ווירקונג פון בוך אָפט אָבגעשוואַכט דורך די צאָהלרייכע אָבווייכונגען, אין וועלכע דער מחבר, אַנ׳אויסגעצייכענטער תלמודיסט, פערפיהרט וכוחים און פלפולים וועגען מנהגים אָדער דינים, וועלכע זענען לויט זיין מיינונג נישט בעגרינדעט אין דער תורה. שאַצקעס האָט נאָך פערעפענטליכט אַ רייהע נאָוועלען פון יודישען לעבען אין דער „יודישער פאָלקס-ביבליאָטהעק״ פון ראַבינאָוויטש, ב. I, ז. 159—181. (בילדער פון דער ליטוי ממני דער אמת׳ער פערפאַסער פון דעם יודישען ערב פסח). שיאַצקעס בוך „דער יודישער פאַר פסח״ איז אייגענטליך אַ פאָלקס-פּובליציסטישעס בוך, וואו די השכלה-אידעען זענען די הויפּט-טענדענץ פון ווערק. די שילדערונגען פון יודיש-ליטוואישען לעבען זענען גיכער קאַריקאַטורען, האָטש מען געפינט אין ווערק אַ סך פאָלקסטימליכע שטריכען, וועלכע וועלען שטענדיג האָבען אַ ווערט פאַר דעם היסטאָריקער פון אַמאָליגען יודישען פאַמיליענלעבען.